STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00169

LIDER

H. Leivick

Permanent preservation of this book was made possible by
Jacob & Nancy Bloom
in honor of
Harry & Jeannette Bloom

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לידער

פון

ה. לייוויק

פארלאג „פריינט"

ניו־יארק, 1932.

ווערק פון ה. לייוויק:

הינטערן שלאס (לידער)
אין קיינעמס לאנד (לידער)
דער גולם (דראמאטישע פאעמע)
שמאטעס (דראמע)
די ארימע מלוכה (דראמע)
באנקראט (דראמע)
שאפ (דראמע)
הירש לעקערט (דראמע)
קייטן (דראמע)

Copyright
By H. LEIVICK
New York, 1932

490
געדרוקט אין דער אסטאריא פרעס
61 איסט 4טע גאס :: ניו יארק

אַ פּאָר ווערטער

די לידער, וואָס קומען אַריין אין בוך, זיינען געשריבן געוואָרן אין פאַרלויף פון די לעצטע אַכט־ניין יאָר, אַנ'ערך.

א חוץ א פּאָר אויסנאַמען (די לידער וועגן סאַקאָ און וואַנזעטי און איניקע אַנדערע), זיינען די לידער אויסגעשטעלט לויט דער אָרדנונג ווי זיי זיינען געשריבען געוואָרן. די פונאַנדערטיילונג אין פיר אָפּטיילונגען דאַרף אויפגענומען ווערן ניט ווי אַ ווילקירלאַכע קאָמבינירונג פון סעריעס, נאָר ווי אַנ'אָנצייכענונג פון מאָמענטן ווען איין געמיט גייט נאַטיר־לאַכערהייט איבער אין אַ צווייטן.

אויב איך וואָלט זיך וועלן האַלטן ביים מנהג פון איניקע צו געבן אין אָנהויב פון בוך יענע לידער, וואָס זיינען אין דעם געגעבענעם מאָמענט דעם מחבר אַמנאָנטסטן, וואָלט איך באַדאַרפט גאָר אָנהויבן דאָס בוך מיט די לידער פון דער לעצטער, — פערטער, — אָפּטיילונג. די כונה מיינע אָבער איז צו שאַפן סיי אין זיך, סיי אין לייענער אַ פאָרשטעלונג פון עפעס אַ גאַנצקייט אַזאַ, און אַנ'אַנונג פון א דערנענטערן זיך צו יענעם צושטאַנד, צו וועלכן יעדער מענטש ציט זיך אַ גאַנצן לעבן: צו אָפּנקייט פון זיין אינערלאַכן אמת און צו זיין רייפער קלאָרקייט. איך זאָג: דערנענטערן זיך — ווייל אָנקומען — ווער ווייס ווען דאָס געשעט און ווען איז מען זוכה דערצו? —

דאָ, אייגנטלאַך, וואָלט איך געקענט זיך אָפּשטעלן, ווען איך וואָלט ניט פילן, אז איך מוז נאָך עפּעס זאָגן וועגן אַ וואָרט, וואָס איז אַריינגעקומען אין דער ליטעראַטור דורך מיר, און וואָס איז אויסגענוצט געוואָרן, און ווערט נאָך ביז איצט אויסגענוצט קעגן מיר ווי א בייזוויליג און, אָפּט, ביליג געווער. איך מיין דאָס וואָרט „אומקום“, מיט וועלכן עס ווערן באַצייכנט די לידער פון דער ערשטער אָפּטיילונג פון בוך. די אויסטייטשונג פון די לידער פון אומקום איז אָפּט געמאַכט געוואָרן אויפן שאַבלאָנסטן און, ניט זעלטן — אומערלאַכן, אופן. אַן אופן, וואָס האָט צו טאָן מיט פּאַרטיי און פּאָליטיק חשבונות, און ניט מיט ליטעראַטור און אמת'ער קריטיק.

אומקום — האָט באַטייט, און באַטייט אויך איצט פאַר מיר, גורל'דיקע אויפטרייסלונג אין סאָציאַלן, אין פּערזענלאַכן און, מער פון אַלץ, אין געשיכטלאַכן אידישן לעבן, וואו די אויפטרייסלונג טראָגט קאַ־טאַסטראָפאַלן כאַראַקטער.

מיט פרוידיקן פּעסימיזם און פינצטערן אונטערגאַנג האָט עס אַודאי ניט צו טאָן. יעדע איבערלעבונג, אויב דורך וואָרט געלייטערט, פאַרבלייבט אין האַרץ פון מענטשן, און ווירקט אין לעצטן רעזולטאַט ווי אַ סטימול צו מוטיקייט און עקשנות'דיקן קאַמף פאַר נייעם לעבן.

I

— — — איך זינג אין אומקום, טאַטע, —
איך בין אין דיר געראָטן,
און איך היט דיינע תנועות
ווי מען היט אָפּ געבאָטן, —
תנועות און גורל פון ר אַ ס ע;
אין שפּאַן ווי אַ פערד אונטער דוהעס
שלעפּ איך די אייביקע משא. — —

לעבן מיינס

איך וועל דיך פירן דורך אלע געפארן —
לעבן מיינס;

דורך תפיסה, דורך הקדש, דורך חורבה,
דיך פירן און דורכפירן — לעבן מיינס.
ווייל איך האב פארשניטן א בונד מיט דיר —
לעבן מיינס,
א בונד — אזוי צו זאגן:
ווען אפילו כ׳זאל דארפן דיר אנטאן א קייט אויפן האלדז,
לעבן מיינס,
און אויף דער קייט, ווי עס פירט א ציגיינער זיין בער,
דיך טרייבן דורך גאסן, דורך מערק,
און אויסשרייען:
טאנץ דיין וועלט־טאנץ, לעבן מיינס; — —
און דו וועסט טאנצן, לעבן מיינס,
און צופייקלען און צוצימבלען,
און גרויס וועט זיין דער געזעמל ארום דיר,
און רויט — דאס לאכן פון מיילער,
און נאך רויטער די קייט אויף דיין האלדז —
לעבן מיינס — —

וועל איך,
שטייפער פארציענדיק די רינגען ארום דיר,
שטיין מיט א געהויבענעם קאפ און אויסרופן:
אט אזוי ווערט געטאן,
אט אזוי זאל געטאן ווערן צו דיר,
לעבן מיינס; —
אט אזוי זאל געזונגען ווערן צום טאקט דיר
דאס הייליקע ליד מיינס וועגן דיר —
ביז איביק און איביק —
לעבן מיינס.

ווער וועט טרייסטן

ווער וועט טרייסטן דעם עמער
וואָס הענגט איבערן פינצטערן ברונעם?
אַז די דאָרשטיקע לעמער
צום ברונעם מען זעט שוין ניט קומען.

אין די מדבר׳שע בעטן
פון זאמד ליגן פאַסטוך און לעמער
אויף אייביק פאַרשאָטן. —
אומזיסט וואַרט דער קלאָר ווייסער עמער.

ווי אַן אויג אַ פאַרצויגן
קוקט דאָס פינצטערע וואַסער דורך פלעקן;
אויפן אויג זיבן אויגן
מיט בעלמעס פון סם זיך באַדעקן.

פון דער טיף פונם ברונעם
שפּאַרט דאָס וואַסער צו אויבערשטע ברעגן,
פּלאַצט אַדורך, ווערט צערונען
אויף זייטיקע, זאַמדיקע וועגן.

אויפן שטאַנג הענגט דער עמער
און וויגט זיך אין אייביקן קוקן,
ווי די ווינטן־צענעמער
צענעמען דעם ברונעם אויף טרוקן.

ווער וועט טרייסטן דעם עמער
וואָס הענגט איבערן פינצטערן ברונעם —
אַז די דאָרשטיקע לעמער
צום ברונעם מען זעט שוין ניט קומען.

לידער פון אומקום

I

לידער מיינע, ווי די גענז מיט לאַנגע העלדזער,
לידער מיינע, ווי די קעלבער מיט די קיילעכדיקע אויגן,
הערט זיך צו, הערט זיך צו צו אַלע שאָרכן —
שטריק און פּעטליעס זענען שוין פון לאַנג פאַרצויגן.

פון יעדער זייט קען אָנקומען דער שעכט־הויז וואָגן,
זייט געגרייט, זייט געגרייט זיך אויסצעליינגן; —
לידער מיינע, ווי די גענז מיט לאַנגע העלדזער,
לידער מיינע, ווי די קעלבער מיט די קיילעכדיקע אויגן.

גרויס וועט זיין דער טאָג פון שעכטן, הייליק גרויס,
נאָר גרעסער איז דערוויל פון וואַרטן די מינוט;
פון קעלבער־אויגן אָנגעגליטע שטילקייט שיינט אַרויס,
אויף לאַנגע העלדזער מוטערלאַכע גוטסקייט רוט.

ליכט פון טאָג איז שטום. ליכט איז שטום,
זינגען זינגט די פינצטערניש וואָס שטייט צוקאָפּן.
אָוונט, קום, קום. טיפע נאַכט, קום —
אָוונט קומט,
טיפע נאַכט קלאַפּט מיט שטאָלענע גאָלאָפּן.

לידער מיינע ווי די גענז מיט די לאַנגע העלדזער,
וואַכעדיקע זייט,
לידער מיינע, ווי די קעלבער מיט די קיילעכדיקע אויגן,
וואַרט אין יום־טוב׳דיקן ציטער,
ווייל עס דרעמלט ניט און שלאָפט ניט אייער היטער,
און דער וואָס האָט דעם חלף קומט אין צייט.

האָפט אויף אים אפילו ווען ער טוט זיך זאַמען,
ווייל אין טיפעניש פון נעכט,
רוף איך און איך בעט אין מיינעם און אין אייער נאָמען:
העלדזער וואַרטן — קום און שעכט . . .

II

מיטן הייליקן ליד
צווישן געקלאַמערטע ציין,
פֿון וואָלפֿישן הייל — מײַן הויז —
לאָז איך אַוועק זיך
גאַס איין, גאַס אויס, —
ווי אַ וואָלף מיט אַן עלנדן ביין
צווישן געקלאַמערטע ציין.

אין גאַסן — פּאַר וואָלפֿישער שׂנאה
געניגוג איז דאָ רויב,
און זיס איז פֿון לייבער
דאָס דאַמפּיקע בלוט;
נאָר זיסער דער טרוקענער שטויב
אויף ליפּן פֿאַרהאַקטע, וואָס רוט.

אויף ראַגן — געראַנגל,
פֿון העדלזוער — דער רוף:
זאָל איינמאָל שוין קומען
דער טויטלאַכער בים.
דער בים — דאָס בין איך,
נאָר — איך קום ניט.
איך האָרבע צוזאַמען מײַן גוף,
דעם קאָפּ ביז אַרונטער די פּיס.

צוריק צו מײַן הייל.
אויף געלעגער — אַ קנויל.
נאָר וואַך בין איך,
קיינמאָל ניט מיד
צו טראָגן צווישן די ציין
דאָס הייליקע ליד,
ווי דער וואָלף זײַן עלנטן ביין.

III

אויסגעפייניקטער אין קריגערישן טאָג,
נאָך ניט דער לעצטער פּיין! —
די נאַכט קומט אָן פון ס'ניי אָן אָנהויב זיין.

שפּאָר אָן דיין אָוונט־פערד, צעיאָג
מיט פייפנדיקן קנוט,
און שלאָג אין גוף אריין דיר נייעם בלוט.

געמיש פון הימל־גרין, לבנה־רויט
און חלפ'דיקן שטערן־ווייס —
פאר נייעם בלוט די נייע שפּייז.

און מיט געזיכט פון דריי מאָל ליכט
דורך טויטער וועלט יאָג דורך און שפּרייט
פון נייעם בלוט דאָס נייע ברויט.

די בלינדע וועלט אַנטקעגן דיר
וועט טראָגן בענטשונג, אויפנאָם־פרייד:
פאר נייעם בלוט א נייעם טויט.

אויסגעפייניקטער אין קריגערישן טאָג,
נאָך ניט דער לעצטער פיין. —
די נאַכט קומט אָן פון ס'ניי אָן אָנהויב זיין.

IV

ווּיפיל דו זאָלסט זיך ניט אומקערן צו מיר מיטן נאַכן —
וועל איך ניט אויפהערן דיך רופן: — אייביק בענקען
נאָך די צייכנס פון דיינע פינגער מיינע באַקן.

און דו וועסט קומען, איך ווייס, אין מיטנאַכט־שעה'ן,
וועסט אויפברעכן מיין טיר, און מיר צוקאָפּנס
וועסטו שטיין מיט אַ ספּאַזמען האַלדז און וואָיען.

איך וועל הערן דיין וואָיען ווי דורכן חלום,
און מיט אַלע מיינע אברים וועל איך בעטן:
— פאַרשנייד מיט מיר צוריק דעם בונד פון שלום.

און אין דער שטיל, וואָס שטייט אָן צווישן איבערגעבעטענע שונאים,
וועסטו אַ שניט טאָן איבער מיינע אויגן מיט אַ פייער־חלף,
און מיר וועלן ביידע דערזען זיך און אָנקוקן פּנים אל פּנים.

V

פון הימל קוקט אראפ דאס געלע פנים
מיט די קיילעכדיקע באקן — די לבנה.

פלוצלונג נעמען זיך צונויפציען די באקן
און די הויט, ווי פארמעט, הויבט אן קנאקן.

ס'גלייכע מויל ווערט אויסגעקרימט אין דרייען,
ס'באווייזן זיך ניט ציין, נאר וואונדן רייען.

די ליפ די אונטערשטע נעמט ציען זיך, זיך לענגען,
ווי א שווערע משא פלייש ארונטערהענגען.

פלייש־געדוך צעטראגט זיך איבער אלע רוימען,
מארדעס הינטישע פון ריח נעמען שוימען.

ציינער נעמען פיבערן און העלדזער — קייכן,
לבנה־פלייש קען קיינער ניט דערגרייכן.

מיט אמאל — געפלאץ; אויף פעדים שטראלן
שטיקערוויים לבנה־לייב נעמט פאלן.

פאלט און פאלט אריין מיט האר און ביינער
גלייך אין מויל צו הינט אויף שארפע ציינער.

הינט געזעטיקטע פארגייען זיך אין שטילן
אין צעצויגענעם, אין בענטשנדיקן בילן.

VI

פרייד, וואָס אין געוויין.
און אין אָנגעזיכט פון טויט
דעם מצבה׳דיקן שטיין
נעמט אָרום און דערוואָרימט, דערפרייט.

מער פאַר דעם, וואָס איז מת,
מער פאַר אונזער געוויין
וואַרט און האָפט אויף אַ נס
דער געפורימטער מאַרמאָר אליין.

רירט זיך צו מיטן מויל,
מיטן אָטעם באַטויט
דער פאַרבאָרגענעם גרויל
פון זיין גלאַנציק געשליפענער הויט.

און פאַרנעמט דורכן שטויב
זיין געשריי פון ניט הי —
ביז עס טוט זיך אַ הויב
אויף צוריק אונזער שטרויכלענדע קני.

אַט מיר גייען אהיים,
אין זיין רו שלאָפט דער מת;
נאָר דער מאַרמאָר אין רוים
בלייבט גרוילן און וואַרט אויף אַ נס.

VII

איך בין גרייט. איך בין שטענדיק גרייט,
כאָטש איך ווייס ניט ווער עס הייסט זיך גרייטן;
אַלע בוימער זענען פרילינגדיק פאַרשנייט,
אַלע פעלדער ברעכן זיך אין בייטן.

שפּיצן פון די בערג אין רויט-טומאַן,
אונטן אין די טאָלן ווייסע טייכן;
שאָל אין האָרן, רופנדיקער מאַן,
מיטן שאָל פון דיינע ווייטע קעניגרייכן.

VIII

אַנזאַגערס, —
זאָגט אָן די בשורה אויף רעכטס און לינקס:
— מיר האָבן שוין פאַרזייט פון טויט די זאָמען;
זאָגט אָן די בשורה אויף רעכטס און לינקס:
אין מיינעם און אין אַלעמענס געקרוינטן נאָמען.

אַנזאַגערס, —
זאָגט אָן די בשורה אויף רעכטס און לינקס:
די זאָמען זענען אַלע אויפגעגאַנגען;
זאָגט אָן די בשורה אויף רעכטס און לינקס:
עס וויגן זיך שוין סאַמעט־ווייכע זאַנגען.

אַנזאַגערס, —
זאָגט אָן די בשורה אויף רעכטס און לינקס:
די זאַנגען בליען שוין אין ים'ען בלומען;
זאָגט אָן די בשורה אויף רעכטס און לינקס:
פון טויט די גרויסע שפע שוין געקומען . . .

IX

דער טויט האָט זיך צעבליט אויף אונזער לאַנד,
אַלע שפּייכלערס וועלן זיין פּאַרפולט געלאָדן ;
ברידער מיינע, נעמט זיך האַנט אין האַנט,
לאָמיר טאַנצן אין פּאַרדרייטע קאַראַהאָדן.

אָנגעטרונקענע פון ריחות׳דיקן וויין,
קלינגט אין טורם גלאָק פון אונזער קומער ;
ברידער מיינע, טאַנצט, און טאַנצט אַריין
גלייך אין הארץ פון אונזער לעצטן, אפשר, זומער.

לאָמיר אויסדערוויילן איינעם, און זיין קאָפּ
לאָמיר זאַלבן און מיט קרוין באַקרוינען ;
ברידער מיינע, ניין — צוריק די קרוין אַראָפּ,
אַלע זיינען מיר געזאַלבט ביז איינעם.

אַלע האָבן מיר פון טויט געטרונקען גלייך ——
זיינען ענלאַך אַלע אונזערע געזיכטער :
ברידער מיינע, אַלע צו איין קעניגרייך, —
ס׳וועט צוריק ניט קומען שוין די שעה פון ניכטער.

X

די לעצטע קליידער אויף אונזער לייב, —
אויך די לעצטע פארברענט;
אפילו נאקעט האבן היינט מאן און ווייב
זיך שוין אויך ניט דערקענט.

לייב צו לייב האט ניט גענענט
אויפן אייגענעם בעט,
און אומזיסט האט די תאוה געברענט
און געשריען נאך זעט.

מיר האבן אין מאטערונג געפליקט
די צענאָדלטע האר,
אָבער די תאוה דערשטיקט, דערשטיקט,
מיר — דער לעצטער דור.

איצט זיינען מיר איין טשערעדע שאף,
ווי איין מאן — איין ווייב;
און מיר ציען זיך צום הייליקן סוף.
מיט אונזער האריקן לייב.

XI

אז פון אַלע תאוות
האָבן מיר געלאָזט פאַר זיך פון טויט די תאוה; —
דאַרפן מיר ניט, ווי די פּוסטע בעלי גאווה׳ס,
שפּאַרן יעדערן אין פּנים אונזער גאווה.

און דורך אַלע גאַסן,
צי מע וויל אונז, צי מע מיידט אונז אויס צו קאָנען,
גייען מיר זיך, — הוידן זיך געלאַסן
צווישן פּנימ׳ער און אויגן מיליאָנען.

זיבן נולן,
ווי די זיבן פּייערדיקע רויטע רייפן,
האָבן מיר פון גאַרנישט אָנגעפּולט מיט פולן,
און דורך וועלטן, דורות זיי געלאָזן לויפן.

קאָנען מיר דערוווייזן —
מיר — דער איינס צו אַלע נולן זיבן,
אז מיר זאָלן מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן שפּרייזן
צו אַ וועלט, וואו קיינער האָט זיך נאָך ביים לעבן ניט דערקליבן.

XII

. . . ווער קען ניט דיין פּרצוף,
מיט דער באָרד מיט דער רויטער,
וואָס אַריבער דיין האַרצן ?
מיט דער נאָז מיט דער קרומער,
מיט די נאָזלעכער ברייטע,
מיט דיין צונג מיט דער שטומער; —
ווער קען ניט דיין פּרצוף
מיט דער באָרד מיט דער רויטער,
וואָס אַריבער דיין האַרצן ? . . .

איך זינג אין אומקום, טאַטע, —
ווייל איך בין אין דיר געראָטן,
און איך היט דיינע תנועות,
ווי מע היט אָפּ געבאָטן, —
תנועות און גורל פון ראַסע;
אין שפּאַן, ווי אַ פערד אונטער דוהעס,
שלעפּ איך די אייביקע משא; —
מיין טאַטע, כ׳בין אין דיר געראָטן,
און איך היט דיינע תנועות,
ווי מע היט אָפּ געבאָטן.

אין שטוב מיט פאַרלאָשענע פענצטער
דרייט זיך דיין שאָטן
אַרום צווישן טויטע געשפּענסטער;
דרייט זיך אַרום און גאַרגלט, —
און ווייל כ׳בין אין דיר ווי געראָטן

רייס איך זיך אויף ביים גאָרגל, —
אין שטוב מיט פאַרלאָשענע פענצטער
דרייט זיך דיין שאָטן
אַרום צווישן טויטע געשפּענסטער.

אַז דו הייבסט זיך אַליין אָן צו פראַסקען
און כאָרכלסט: אָ זשיד, אָ, שיני, —
דיין פּרצוף ווער שיר ניט צעטראַסקעט;
פּלוצלונג — די פייערן ברענען,
פייערן שלאַנגיקע, גרינע —
איך קען זיך אַליין ניט דערקענען;
אייגענע הענט מיינע פּראַסקען
אין כאָרכל: אָ, זשיד, אָ, שיני, — —
מיין אייגענעם פּרצוף צעטראַסקען.

XIII

ווי קאַלירנדיק דו ביסט,
טויט אונזעריקער;
ווי שמייכלענדיק דו ביסט,
אונזער שפּע'דיקער.

ווי דו אָטעמסט אריין
דיינע ריחות
אין די לונגען צו אונז
די צעעפּנטע.

ווי מיר טראָגן אין הענט
אויפגעהויפּנטע
אונזערע אייגענע קעפּ
פריש-גע'שחט'ענע.

גייסט ארויס אונז אַנטקעגן
מיט ליכט בענטשונג,
פאַרשפּרייטסט אונז דעם וועלט-טיש
מיט טישטוכער.

און מיר זעצן אַוועק זיך
הרחבה'דיק,
און מיר פּראַוועןֹ א טיש
שבת-קודש'דיק.

און די זון גיסט מיט שיין
מיט געבוימלטן
אויף אונז און אויף קעפּ
די צעלאָקשנטע . . .

XIV

אומצאָליק זיינען מיר — המונים,
און פילפּאַרביק און פילאויגיק;
די שטימע פון טויזנט אינם האַלדז פון איינעם
אזוי פאַר׳כישופ׳נדיק און בויגיק.

די ברוסטן אונזערע, ווי קאַסטנס
ארומגעפּאַנצערטע מיט אייזן,
— „זעט, אָן הוידען זיך די מאַסטן“,
אזוי די שכנים אויף אונז ווייזן.

און די האָר אונזערע ווי ביים קדר,
און די העלדזער אונזערע פאַרוואַקסן
מיט געדיכטעניש און געגוידערט
ווי די העלדזער פון די אָקסן.

און אזוינע אָ — מיט אויגן
האַלב פאַרבליקטע, האַלב פאַרמאַכטע,
קומען אליין זיך אוועקצולייגן
אויף דער יאַטקעדיקער פּלאַכטע. — —

אומצאָליק זיינען מיר — המונים,
און פילפאַרביק און פילקעפּיק;
דאָס בלוט פון טויזנט אויפן לייב פון איינעם
אזוי דאַמפּיק, אזוי קלעפּיק.

XV

די צייט פון שניט איז געקומען,
געקומען.
רופט אויס דורך הארנס:
— שניט! שניט!
בחורים און מיידלאך, טאנצט.
טופעט אויס מיט די שאלנדיקע טריט:
שניט! שניט!

דער טויט שניידט זיין שניט.

קאראהאדן, קאראהאדן.
חתנים מיט קאסעס אויף אקסלען געלאדן,
און כלות מיט מעסערס ווי בויגנס.
חתנים,
וויגט פונאנדער די קאסעס די בלאנקע
ארום די געצונדענע טאליעס די שלאנקע,
ניטא היינט קיין פרעמדס און קיין אייגנס; —
אלע פאר אלע.
יעטוועדער חתן פאר יעטוועדער כלה —
איין חופה פאר אלע. — — — —

דער טויט שניידט זיין שניט.

שניט. שניט. שניידט!
אלע פאר איין מאל מיט אמאל.
קאסעט לינקס, קאסעט רעכטס.
באהעפטונג פון זאמיקע לייבער מיט שטאל,
שוימיקע קושן אויף קרעמפן פון קרעכץ. —

זעט —
אן טאנצט די מאמע ערד,
די מאמע ערד אליין

אויף דער שוואַרצער חתונה פֿון אירע זין,
פֿירט צו דער בלוטיקער נאַכט אירע טעכטער.

ניט ווי די געפּידלטע טאַליעס פֿון אירע טעכטער
איז די טאַליע פֿון דער מאַמע ערד.
קנייטשיק און האַרביק און האָריק
ברייטשויסיק און שווערברוסטיק
הוידעט זיך די מאַמע ערד
מיט אַ שמייכל, וואָס קיינער פֿאַרשטייט ניט,
אויף דער חתונה פֿון אירע זין,
אויף דער בלוטיקער נאַכט פֿון אירע טעכטער.

און קיין טאַטע איז ניטאָ.
וואו איז דער טאַטע?
קיין טאַטע איז אויף דער חתונה ניטאָ.

דער טויט שניידט זיין שניט.

XVI

איך — א רייטער, א ווייסער
אויף נאך א ווייסערן פערד, —
בין געקומען זיך דורכרייטן נאר
אויף דער מיילקער ערד.

אזוי איז געווען מיין ווילן, —
מיין ווילן ווערט אייביק דערפילט
פון דעם, וואס האט פאטערלאך מיך
און מיין פערד אין ווייסן געהילט.

צי איך בין הייליק, צי ניט —
דאס פערד מיינס איז הייליק געוויס,
און לאנג נאך האלט אן די דערהייבונג
פונם שטויב, וואס בארירט זיינע פיס.

אז איך דערמאן זיך די מוטערלאך־פרייד,
וואס ווארט אויף דער לעצט־לעצטער מייל —
קלינגען ברידערלאך אויף מיינע שפארן
און איך אייל, און איך אייל. — —

איך — א רייטער א ווייסער
אויף נאך א ווייסערן פערד,
בין געקומען זיך דורכרייטן נאר
אויף דער מיילקער ערד.

אין אַ יום-טוב׳דיקן טאָג

א.

. . . האָט מען מיך גענומען און צוגעבונדן צו אַ סלופּ,
און די עקן פונם שטריק צונויפגעפלאָכטן אין אַ קנופּ,
און אַזוי אַ צוגעסלופּטן מיך געלאָזן שטיין
ביז די זון האָט שוין גענומען אונטערגיין;
און אַהינטער מיר, ניט ווייטער פון אַ פּופצן טריט,
ביי אַ קנאַקנדיקן צווייגן־פייער, זאַלבעדריט,
זיינען זיך געזעסן די, וואָס האָבן מיך געבראַכט צום סלופּ,
טיי געזופּט און רייד גערעדט צווישן זופּ און זופּ,
רייד הנאה׳דיקע, אָנגעוואַרימטע אויף הייסער צונג,
מיטן טיי די רייד געשלונגען שלונג נאָך שלונג.

ב.

און פון פאָרנט מיר — אַ וועלט אין שניי פאַרטרונקען,
און אַ זון — שוין האַלב אין נאַכט אַריינגעזונקען.
פון דער צווייטער האַלב נאָך זעט מען זיך צעשפּרייטן
זיבן הערנער, איינער רויטער פאַרן צווייטן;
שניידט זיך דורך דורך זיבן וואָלקנס יעדער האָרן, —
בלוט פון וואָלקנס ווערט פאַרהייטלט, ווערט פאַרפראָרן;
רויטע הערנער בלייבן שטעכן אינם גליווער
און צעברעקלען זיך פון אינווייניקסטן שיווער;
און די נאַכט, נאָך אַלע פרוכטלאָזע געיעגן,
קומט אָן באָרוועס מיט די גליווערדיקע וועגן. —

ג.

מיינע היטער האָבן אָפּגעטרונקען זייער טיי.
הייבט זיך איינער אויף און גיט אַ זאָג אַזוי,
שטרעקנדיק צו מיר זיין אויפגעקנוילטע האַנט:
— „אָט די האַנט איז שטאַרק — ווי מויער וואַנט,
אָט די האַנט קאָן איבערברעכן ווי אַ שפּאָן דעם סלופּ,

און צערייסן ווי א פּאַרים דאָס געפּלעכט פון קנופּ,
און דיך ראַטעווען פון תּליון וואָס קען באַלד
אָנקומען אַהער פון שטורמדיקן וואַלד; —
נאָר צו וואָס זאָל אָט־די האַנט, וואָס האָט די שטריק
שוין איינמאָל אויפגעפלאָכטן, אַפּפלעכטן צוריק?" !

ד.

באַרוועס קומט די נאַכט פון גליווערדיקע וועגן
מיר, צום טויט־פאַר׳משפּט׳ן, א קעגן;
גוט איז מיר צו הענגען א געבונדענער און קוקן
ווי די אַקסלען מיינע ווערן גאָר ניט מיד פון צוקן,
ווי די פינגער מיינע ווערן גאָר ניט מיד פון זינגען
אינם קלאַמער פון די איינגעשטייפטע קנופּן־רינגען;
אַז איך טו אַ פּאַ מיינע אויגן פון אויף זיך צו קוקן
וואַנד איך זיי צום סלופּ דעם צוגעשמידטן צו מיין רוקן;
ווייס איז ער דער סלופּ און שמעקעדיק, אין זיינע שפּאַלטן
אַזאַ וואַרטנדיקע יום־טוב׳דיקייט ליגט באַהאַלטן.

ה.

הייבט זיך אויף דער צווייטער פון די דריי און זאָגט:
— „איך פאַרמאָג ניט אַזאַ גבורה ווי דער פריינט פאַרמאָגט;
אויב איך קען ניט איבערברעכן ווי א שפּאָן דעם סלופּ,
קען איך אבער לויזער מאַכן דאָס געפּלעכט פון קנופּ,
אַז די שטריק זאָל זיך ניט איינשניידן ביזביין,
און פון לייב דיר זאָל דערווייל אומזיסט קיין בלוט ניט גיין;
אָבער סיי ווי סיי שוין, זע איך, בלוטיקט דורך דיין קלייד —
איז פאַרפאַלן שוין. פאַרבלייב איך מיר ביי מיינע רייד.
און דו — דו עפּנסט אויף דיין בלוט־גוס פאַר דער צייט, —
תּליון וועט ערשט קומען מיט דער זון פון מזרח זייט . . .

ו.

אָן דעם סלופּ דעם ווייסן קיל איך מיינע באַקן,
און איך דריק נאָך שטאַרקער צו צו אים מיין נאַקן;

דאָס געשריי פון לייב און בלוט נאָך לאָזט זיך הערן
פון דער פרעמדקייט ערגעץ דורך פארשטיקטע רערן . . .
דאָס געשריי ווערט שטילער מיטן אָנקומען פון וואונדער:
בלוט רינט אויס און טיילט זיך אָפּ פון לייב באַזונדער,
בלוט צעפּלייצט זיך אויפן שניי און ווערט דערוויטערט —
לייב ווערט אויפגעריכט מיט זיך אַליין, געלייטערט;
איבער מיינע אַקסלען, היפטן, לענדן, ריפּן
גיסט זיך ווי אַ קוואַל מיין יום־טוב שמייכל פון די ליפּן. — — -

ז.

רופט זיך אָפּ דער דריטער פון די דריי און זאָגט:
— „איך פאַרמאָג נאָך מערער קראַפט ווי ווער פאַרמאָגט —
וועל איך נעמען און באַפעסטיקן נאָך מער דעם סלופּ,
און נאָך מער צוזאַמענציען דאָס געפלעכט פון קנופּ;
תליון וועט ניט קומען אַזוי שנעל צו גיין —
נעם איך און איך מאַך פאַר תליון זיך אַליין;
נעם איך מיר צו פלעכטן נאָך אַ שטריק,
נאָך אַ קנופּ פאַר האַלדז און פאַר געניק . . .
און ביז וואַנען איך ווער פאַרטיק מיטן קנופּ —
נעמט די גראָבאייזנס און גראָבט דערווייל די גרוב.

ח.

. . . רונד אַרום מיין שטערן, רונד אַרום די שלייפן
קייקלט זיך אַ רעגנבויגן אין צעשטראַלטע רייפן;
אינם סאַמע האַרץ, אין מיטן פונם רעגנבויגן
טאַנצן לעצטן פריילאַכס מיינעביידע אויגן;
און אין ביידע אויערן — צוזאַמענברוך פון טאַצן,
פידלען פייפעלן, באַראַבאַנען פּלאַצן;
סטרונעס פון באַנדורעס — אָנגעצויגענע קאַנאַטן
רייסן אויף ווי אָנגעפּולווערטע האַרמאַטן;
ווייסל פון די אויגן וויל דאָס שוואַרצאַפּל פאַרלויפן
אין געיעג פון ווירבלענדיקע שטראַלן־רייפן.

ט.

גראָבאייזנס דערגראָבן זיך דורך שניי צו ליים,
ליים איז פעלזן־האַרט און לאָזט זיך גראָבן קוים, —
נעמען זיי, די גרעבער, העק און — האָפּ און הופּ . . .
איינס און צוויי און אָט איז פּאַרטיק שוין די גרוב.
אויך דער דריטער איז שוין פּאַרטיק מיטן נייעם קנופּ,
גייט ער צו און שטעלט זיך הינטער מיר און הינטער סלופּ,
טוט אַ שליידער אויף מיין האַלדז דעם קנופּ און טוט אַ ציִ,
אונטערשפּאַרנדיק צום סלופּ זיין רעכטע קני,
און די אַנדערע — זיי זעצן זיך דערוויילֹ אַוועק
אָפּצורוען, ווייל זיי זיינען מיד פון האַקן מיט די העק.

י.

ווייסל האָט דאָס שוואַרצאַפּל דעריאָגט, פאַרטריבן,
שוואַרצאַפּל האָט ערגעץ הינטער זיבן ברעמען זיך פאַרקליבן;
אויף דער גאַנצער גרויס פון אויפגעפּראַלטע אויגן
האָט דאָס ווייסל, ווי דער הימל, זיך צעשפּרייט — צעצויגן;
אַ לבנה קומט אַרומגעקראַנצט מיט שטערן,
שווימען זיי אַרום אין ווייסל ביז זיי ווערן
אָנגעזאַפּט מיט גליווער־שטאָף און הייבן אָן זיך טרינקען,
הוידן זיך און לאָזן זיך אַראָפּ און זינקען.
אויף דער גאַנצער גרויס און ברייט פון מיינע אויגן
ווערן אָדערלאַך אַזוינע רויטלאַכע פאַרצויגן . . .

יא.

דאָס געזאַנג פון האַרטן שניי — געזאַנג פון העק
פון די ראַנדן פון דער עפענונג און ביזן דעק,
פון די ראַנדן פון דער עפענונג און ביזן קנופּ . . .
פּלייצעס דריי אַ הינטערוויילאַכטס רוקן זיך צום גרוב,
בויגן זיך אַרונטער צו די ראַנדן מיטן קאָפּ.
הענט — צוריק צום גראָבאייזן: אַרויף, אַראָפּ;

שפּילנדיקע גראַבאייזנס דעם ווייכן זאַמד
קלאַפּן איין און גלייכן אויס פון ראַנד ביז ראַנד;
פּלייצעס דריי געלאָדענע מיט לאָפּעטעס און העק
נעמען זיך דערווייטערן און הוידן זיך אַוועק.

יב.

זעמדלאַך פון דער ערד, מיט מיר זיך צו באַהעפטן,
דריקן זיך צו מיר מיט בענקנדיקע קרעפטן;
זעמדלאַך שטרייטן מיט אַנ׳איינגעשפּאַרטן ווילן —
אויפגעוועקטע — קענען זיי שוין זייער אומרו מער ניט שטילן;
יעדעס זעמדל וויל זיין ערשט דאָס לייב מיר צו פאַרדעקן,
אין מיין לייב דאָס נייע צווייטע לעבן אויפצואוועקן;
די וואָס האָבן מזל אויף מיין פּנים זיך צו לייגן,
ווערן גאָר ניט זאַט פון קושן מיר די ליפּן און די אויגן;
די וואָס בלייבן העכער און זיי קענען מיך ניט גרייכן,
טרויערן, באַוויינען זייער גורל אין די הויכן. — — —

דער אַסקעט

מיט קניענדיקע קני
אויפֿן גראָזיקן בעט
צו דער נאַכט — דער ז י
פֿאַלט צו דער אַסקעט.

די נאַכט — די ז י
אין לבֿנה׳נעם העמד —
אין אַסקעטישע קני
פֿאַרקלאַמערט די הענט.

אין תּענוג פֿון פּיין
פֿאַרבראָכענע הענט
זינקען איין, זינקען איין
אין לבֿנה׳נעם בלענד.

עקסטאַז פֿון געוויין,
עקסטאַז פֿון געבעט, —
אינם בלענד מיט די ציין
בייסט זיך איין דער אַסקעט.

מיט די שלאַנגיקע צעפּ
רייסן ביימער זיך אויס,
מיט געשליפֿענע קעפּ
טאַנצן שטיינער אַרויס.

און ביימער און שטיין,
אין יסורים געשריי,
די אַסקעטישע ציין
האַקן אויס אין געדריי.

און צעשפּאַלטן זיין קאָפּ
און זיין נאַקן אויף צוויי,
און זיי טראָגן זיך אָפּ
אין געדריי, אין געדריי.

מיט קניענדיקע קני
אויפן פּעלדיקן בעט
די נאַכט — די ז י
היט דעם טויטן אַסקעט.

די נאַכט — די ז י
באַקלאָגט ווי אַ ווייב
ביז ליכטיקן פרי
דאָס אַסקעטישע לייב.

ניט פֿאַראַד און ניט יום-טוב . . .

איבער גאַסן, איבער ראַגן —
מחנות, מחנות,
אינם קאַלטן צעבליטן פֿאַרטאָג.

וואָס פֿאַר א יום-טוב וועט זיין?
פֿאַר וועמען פֿאַראַדן?
מען הערט ניט קיין אויסגעשריי, קיין אויסרוף,
אויף ליפּן — קיין נאָמען,
אין אויגן — קיין געשטאַלט;
אין הערצער — בלינדע דערוואַרטונג.
ניט פֿאַראַד און ניט יום טוב
אין קאַלטן צעבליטן פֿאַרטאָג.

אין בלינדער דערוואַרטונג
דערהערט מען א קול:
„מענטשן, כ׳וויל עפּעס מיין לעבן פֿאַר אייך" . . .

אויגן נישטערן — ווער?
קעפּ אויף קעפּ.
נייגיר און פֿאַרוואונדערונג.
— „וואו איז ער?
„ווער איז ער —
„דער וואָס וויל עפּעס זיין לעבן פֿאַר אונז?..."

אין בלינדער דערוואַרטונג — ווידער:
— „מענטשן,
כ׳וויל עפּענען פאַר אייך דאָס געזאַנג פון פיר טויטן,
וואָס איך האָב גע׳ירשנ׳ט פון מיין טאַטן, פון מיין זיידן,
פון מיין עלטער־זיידן, פון מיין עלטער־עלטער־זיידן:
דאָס געזאַנג פון ס ק י ל ה און דאָס געזאַנג פון ש ר פ ה,
דאָס געזאַנג פון ח נ ק און דאָס געזאַנג פון ה ר ג,
און צולעצט דאָס געזאַנג פון דעם פינפטן טויט,
וואָס מיין זון וועט ירשנ׳ען פון מיר. —
מענטשן, כ׳וויל עפּענען מיין לעבן פאַר אייך; —
מענטשן, זאָגט,
מיט וואָס פאַרא נאָמען זאָל איך אָנרופן
דעם פ י נ פ ט ן טויט? — — —"

אנשטאָט פאַרוואונדערונג — שרעק.
געשריי און מהומה.
מהומה פון שעפסן וואָס דערשפּירן א וואָלף . . .

ניט פאַראַד און ניט יום־טוב
אין קאַלטן, צעבליטן פאַרטאָג.

נאַכט, שטערן, גליוועריס

איך האָב דערציילט מיין אינגעלע א מעשה,
איז דאָס אינגעלע איינגעשלאָפן.
ווער ווייס עס ניט די מעשיות וואָס מען דערציילט,
אַז אינגעלע זאָל איינשלאָפן?
אַמאָל
איז געווען
אַ שעפּסעלע,
האָט דאָס שעפּסעלע פאַרבלאָנדזשעט
אין וואַלד אין געדיכטן.
(אָרעם, אָרעם שעפּסעלע).

איז געקומען א וואָלף,
א וואָלף א פאַרצוקער. —
א קליין שעפּסעלע מוז דאָך פאַרבלאָנדזשען.
וואָלף פאַרצוקער מוז דאָך פאַרצוקן.
(אָרעמער, אָרעמער וואָלף).

נאַכט, שטערן, גליוועריס.

וואָס בלייבט איבער צו טאָן
מיר — דעם טאַטן,
צווישן שטערן און גליוועריס און אינגעלע?
(אָרעמער, אָרעמער וואָלף).

זון, —
גוט וואָס דו שלאָפסט שוין און זעסט ניט
מיין פּנים צווישן שטערן און גליווערים.
(אָרעם, אָרעם שעפּסעלע).

ווי טיף דו ביסט פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן.
ווי טיף אין וואַלד אַריין.
(אָרעם, אָרעם אינגעלע).

וואָלף,
גיי אַוועק
פונם בעט פון מיין זון.
וואָלף,
קוק ניט
אויפן האַלדז פון מיין זון.
(אָרעמער,
אָרעמער
וואָלף).

קום צו —

קום צו, בויג זיך צו,
ריר מיך אָן מיט דיין אָרים,
דו — איך זאָג דיר דו,
דו — גאָט, איך — וואָרים.

דו — פֿאַל געקניט,
קני מיט פּאָרכטיקייט — איידער
איך טו אָן אויף מיין לייב
מיינע הייליקע קליידער.

אייל זיך צו. דורכן שויב
זע איך פֿייערדיק יאָגן
אין שטראַליקן שטויב
מיין געפֿליגלטער וואָגן.

אייל זיך צו מיט דיין וואָרט,
וואָס דו ווילסט צו מיר זאָגן, —
ווייל אָט שטייג איך אַרויף
אויף די טרעפּ פֿון מיין וואָגן.

קום צו, בויג זיך צו,
ריר מיך אָן מיט דיין אָרים —
כּל זמן ביזט נאָך גאָט
און איך בין נאָך וואָרים.

עכאָם

די לבנה קוקט אַראָפּ צווישפּיציק.
די בערג הייבן זיך העכער ווי זיי זיינען.
דער וואַלד אַ שטייענדיקער שלאָפט.
מיין ווייב און מיין זון שלאָפן אויך.

אַז איך גיב אַ קוק אויף זיך אַליין,
דערזע איך זיך אַ ווייטן — אַ דערווייטערטן.

ווער האָט צום בארג געפירט מיינע פיס? ווער?
אַ קול הער איך: „אָט איז ער, ער".
— „וועמען דאַרפט איר? וועמען?"
— „דיך דאַרף מען. דיך".

זאָג איך: גוט,
ווער עס דאַרף מיך נעמען — נעמט.
איך בין געקומען אויף דער וועלט מען זאָל מיך נעמען.

נעמט מען מיך,
שלעפּט מען מיך. הויך. הויך.
אַזוי ווי צו אַן עשאַפאָט אַרויף.
צוזאַמען מיטן באַרג הייבט מען מיך, שלעפּט מען מיך.
מיינע ליפּן זעגענען זיך
מיט געזאַנג.
מיינע אויפגעהויבענע הענט
בענטשן אַלעמען.
ביז מיין רעכטע האַנט פאַלט אַרונטער, ווי אַ זאַנג,
און די לינקע ווי אַן אָפּגעשפּאָלטענער צווייג.
דערנאָך
דערהער איך איבער זיך די עכאָם פון מיין אייגן ליד,
ווי גלעקער צעהאַנגענע, צעקלונגענע איבער אַלע הימלען. —

די לבנה קוקט אַראָפּ צווישפּיציק,
דער וואַלד אַ שטייענדיקער שלאָפט.
מיין ווייב און מיין זון שלאָפן אויך.

אַט אַזוי ווי איך בין

אַט אַזוי ווי איך בין איצט — ניט מער ווי איבער פינף פוס די הויך,
גיב איך מיט אַמאָל זיך אַ צי, גיב איך מיט אַמאָל אַ וואַקס;
אַ רגע — און אַט האָט מיין קאָפּ ביזן הימל דערגרייכט.
איך נעם דרייען זיך אַרום זיך אַליין, ווי עס דרייט זיך אַן אַקס,
און פאָכן מיט מיינע הענט, ווי מיט פליגלען פון אַ ווינט־מיל
איבער אַלע פיר זייטן פון דער וועלט.
איבער די לענדער ווערט אַ צומישעניש,
איבער די ים׳ען אַן אויפשטייגונג פון אָפּגרונטן,
איבער די מדבריות אַן אויפגעדריי פון זאַמדן.
קולות אין אָפּגרונטן און זאַמדן — צו מיר,
צו פאַרשנעלערן נאָך מער מיין געדריי,
צו אָנצינדן נאָך מער מיט ליכט און מיט פינצטערניש מיינע אויגן...
מיט אַמאָל נעמען זיך מיינע קני ברעכן, בויגן,
אַ לעצטער בראָך, אַ לעצטער בויג, און אַט — איך פאַל אַוועק.
איך ציִ זיך אויס און בלייב ליגן ווי אַ פלאַכטע, וואָס איר אָנהויב איז
אין איין עק וועלט און איר אויסלאָז אין דעם צווייטן עק.
פון אָנהויב ליג איך אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד
מיטן פנים אַראָפּ און מיט דער פלייצע אַרויף,
און נאָכדעם זינק איך ביסלאַכווייז אַריין מיט אַ האַלבן גוף
אין דער אויבערשטן שיכט, און דערנאָך — מיטן גאַנצן גוף.
ניט קיין טרויער אין מיין האַרץ און ניט קיין געוויין,
ווייל ניט טויט בין איך, נאָר ווי פעלז קאַלט און האַרט,
און נאָך קאַלטער און האַרטער ניט צו לאָזן זיך פאַנאַנדערשטויבן.
און אַזוי ליג איך, ביז עס שטייט אויף אין מיר אַ נייער ווילן
פון פאַרזונקענקייט צו אויפקומען, צוריק זיך אויפצוהויבן.

דעם חלף איז קאַלט

דעם חלף איז קאַלט,
דעם חלף איז אומעטיק.
אונצאָליקע פּנמות
האָבן ווי ציין זיך איינגעקאַרבט
אין זיין דערפראָרענעם בלוי.
ווי לאַנג, אז ער ליגט שוין
אין שייד א געפאַנגענער,
און קיינער דערמאָנט זיך ניט אָן אים,
און קיינער דערבאַרימט זיך ניט אויף אים,
און קיינער דערוואַרימט אים ניט. — — —
גוטע מענטשן,
באַטויט אים מיט אייער וואַרימען אָטעם,
שיינע פרויען,
רירט אים אָן מיט אייערע דינע פינגער,
פּרובירט אים אוים מיט אייערע געשליפענע נעגל,
און גיט אים א האַלדז
א וואַרימען,
א פּולבלוטיקן; — — —
דעם חלף איז קאַלט,
דעם חלף איז אומעטיק.

מלכות

אויפֿן לעצטן בעט — מיין מלכות־טראָן —
ליג איך אָנגעלענט.
ליג איך אָנגעלענט און קוק מיט קלוגע אויגן
אויף דער אויסגעבלייכטער פֿלאַך פֿון מיינע הענט.

ווײַנען וויל די פֿלאַך פֿון מיינע הענט,
אָבער מיינע קלוגע אויגן
האָבן דאָס געוויין מיט זייער חכמה אָפּגעווענדט,
דאָס געוויין אין זיך אַרײַנגעזויגן.

אויף דער אויסגעבלייכטער פֿלאַך פֿון מיינע הענט
ווערט אַ רויטקייט מיטאַמאָל צונויפֿגעלאָפֿן,
וואונדער־צייכנס בליען אויף אין רויט,
אינם רויט פֿון סוף פֿון אַלע סופֿ׳ן.

אויפֿן לעצטן בעט — מיין מלכות־טראָן —
זיץ איך אָנגעלענט און קוק מיט אויגן אָפֿן,
ווי עס פֿלאַטערט איבער מיר אין רויט די פֿאָן,
די פֿאָן פֿון סוף פֿון אַלע סופֿ׳ן.

דורך זיבן טויטן

אז מען שטאַרבט דורך זיבן טויטן
איז דאָס אויפקומען נאָך גרינגער.
אויפשטייגן, צום מזרח זייט דעם רויטן
אויסשטרעקן די ביינערדיקע פינגער.

פון דער הויך פון שווינדלדיקע טרעפּן
נידערן צו נידעריקסטער נידער,
שטיקער ערד מיט ערד צוזאַמענשלעפּן,
צופאַלן צו ערד מיט אַלע גלידער.

ווי דער זאַמד ער קריצט זיך אין די ציינער,
ווי עס שפּיזן זיך די באַקן;
דורכן הויט די דורכזיכטיקע ביינער,
ווי זיי ציען זיך און טאַנצן צו און קנאַקן.

אויפן שטערן ס'אַרא שלאַנגנדיקע קאַרבן;
אויף די אויגן ס'אַרא נאָרלדיקע ברעמען;
און דער ברוסטקאַסטן ווי פּויקיג; און דער שאַרבן
אַזוי פונקענדיק ווי קרעמען.

אָט אַ פייער גיט אַ שטראָם פון פוס ביז שאַרבן,
זאַמד און שטייינער ווערן אויך פאַרכאַפּט אין פלאַמען;
גלידער הילכן, ווען מען מיינט גאָר אַז זיי שטאַרבן,
הילך פון גלידער, שטיין און זאַמד צוזאַמען.

פאַל צו האַרטער צו דער ערד נאָך אַלע טויטן,
גראָב זיך טיפער אין דער נידעריקסטער נידער,
קנאַק געשמאַקער מיט די ציין דעם זאַמד דעם גרייטן,
הילך נאָך שטאַרקער אינם גלאָק פון דיינע גלידער.

ערד

ריזיקע פים
אין נאַקעטע טריט,
צעביסן אַ בים אויף א בים
פון פליג און מאָסקיט.

צעשוואונגענע קני,
זיי גיבן א בראָך זיך אראָפּ,
און גיבן מיט זיך אויך א צי
צו ערד צו דעם קאָפּ.

געזונקענער גוף —
אנשטאָט זיין פאַרוואָגלט געוויין,
פאַרנעמט דעם געזומערטן רוף
פון ערד און פון שטיין:

— „בלייב ליגן, און ליג
אזוי ווי א זאָמען פאַרזייט,
געבויר זיך פון ניי, און דיין וויג
זאָל זיין דיר די בייט.

פאַרזיי זיך און וואַקס
מיט שטיין און מיט גראָז און מיט צווייט,
ביז וואַנען פון שניידראָד די אַקס
וועט אָנזאָגן: שניט.

אז וואויל איז צום זאַנג
צום ערשטן, וואָס פאַלט אונטער ראָד,
אנטפּלעקט אין אנטפּלעקטן געזאַנג
דעם שניידמעסער׳ס סוד . . .“

מיט ריזיקע טריט,
אין אָנקום פון נייעם גענאָד,
טאַנצט האָפּערדיק פליג און מאָסקיט
אין נאַכט קאַרעהאָד.

מיין טאַטע

I

מיין טאַטע —
פון יענער וועלט —
אַז ער באַגעגנט מיך,
פרעגט ער מיך:
זון מיינער, —
וואָס טוסטו דאָ?
זאָג איך ניט,
ענטפער ניט
גאָרנישט אים.
איך כאַפּ אים אָן נאָר
פאַר זיין האַנט,
פאַר זיין ביינערדיקער,
און פיר דורך
זיבן מאָל
מיט די פינגער זיינע
מיט די קבר'דיקע, —
איבער מיינע ברעמען,
איבער מיינע ליפּן,
איבער מיינע באַקן.
און נאָכדעם, נאָכן מאָל
נאָכן זיבעטן,
אַז דורך אַלע מיינע אברים
דרינגט אַדורך
דער ריח פון זיין אייביקייט,
זאָג איך:
אַ דאַנק, טאַטע . . . —

אַ רגע. — ניטאָ אים.

מענטשן, פאַרביי, וואונדערן זיך
אויף דער נייער פרישקייט, וואָס נעמט בליען אויף מיינע באַקן,
אויף דער נייער לויטערקייט, וואָס נעמט רוען אויף מיינע ברעמען,
אויף דער נייער שטילקייט, וואָס נעמט אַראָפּזינגען פון מיינע ליפּן.

II

מיין טאַטע ליגט פֿאַרשאָטן אין שניי,
און מיין אינגעלע שפּילט זיך אין שניי.

אין דער פינצטערער נאַכט אַליין ווען איך גיי,
און הער פון מיין שוך דעם סקריפּ,
צעגיסט זיך דער סקריפּ אין געזאַנג און פרייד,
וואָס דין איז מיין הויט און מיין ליפּ,
וואָס איך שפּאַן אויף פּיס נאָר אויף צוויי.

מיין טאַטע ליגט פֿאַרשאָטן אין שניי,
און מיין אינגעלע שפּילט זיך אין שניי.

געדיכטער וואַלד אַרום און אַרום,
און קיין פייער לייכט ניט אַרויס;
וויפיל קען נעמען, אַז צעבראָכן און שטום
זאָל ווערן דער סקריפּ, און די פרייד — אויס,
און די פּיס און די ליפּן קרום;
וויפיל קען נעמען — פון וואַלד אַ שפּרונג
זאָל עמיצער געבן אויף אַלע פיר,
מיט נעגל, ציין און לאַנגן צונג,
און נעמען אריינוואָיען אין הארצן צו מיר,
וואָס איך בין צו אים שוין ניט ענלאַך אזוי —

מיין טאַטע ליגט פֿאַרשאָטן אין שניי,
און מיין אינגעלע שפּילט זיך אין שניי.

אַ, טאַטע מיינער, אור — אור — אור,
ניט שפּרינג, ניט קריץ מיט די ציין;
פון דיין ווייסטן עלנט דעם שפּור
איך טרעף, איך דערשמעק אַליין,
און איך קום צו דיר צו גיין.
איך לאָז זיך אַראָפּ צו דיין נאָרע און קני
אַזוי ווי פאַר אַ הייליקער שוועל,
און איך שפּאַר אָן מיין קאָפּ ביז ליכטיקן פרי
אָן דיין צעשווידערטער פעל. —
דו ווילסט עפּעס זאָגן צו מיר און דו לעקסט
מיינע אויגן מיר און מיין האַלדז,
איך פאַרשטיי: עפּעס רעדסטו און פרעגסט —
אָבער, טאַטע, איך אַליין באַגרייף ניט אַלץ. — — —
איך נעם אַרום דיין קאָפּ, און איך זוך
מיין ענלאַכקייט אין דיר, מיין געזיכט,
און איך פאַל אַ פאַר׳חלש׳טער פון דיין לייב׳ס גערוך,
וואָס איבער אַלע שנייען צעקריכט. — — —

איך כאַפּ זיך אויף, ערשט קיינער ניטאָ.
לבנה און שניי און מיטנאַכט שעה,
לבנה און פעלד און ווינט געשריי.

מיין טאַטע ליגט פאַרשאָטן אין שניי,
און מיין אינגעלע שפּילט זיך אין שניי.

איך קום צוריק צו זיך אין שטוב
און וואַרף זיך אַריין אין בעט. —
איך פאַרטרייב פון אויג די געזעענע גרוב,
און בעט זיך ביי זיך אַליין אין געבעט:
אַ, פאַרמאַך שוין די אויגן, ס׳איז שפּעט.
דאָס קישן צעקאָפּן איז וואַרים און ווייך,
און ווענט זיינען טרוקן און ריין,
און סטעליע אויבן איז ליכטיק און הויך,
א רחבות פאַר איינעם אַליין. — — —
און ווי נאָר איך הייב אָן פאַרמאַכן מיין אויג,
ערשט איך הער ביי מיין זייט אַ געוויין:

„אָ, טאַטע, דיין עלנט איך דערשמעק אַליין,
און איך קום צו דיר צו גיין.
איך בויג זיך אַריבער דיין קאָפּ און פאַרלייג
דיין געזיכט מיט מיינע אינגלישע הענט;
איך נישטער און זוך אין דיר מיין געשטאַלט
און איך האָב דיך נאָך אַלץ ניט דערקענט.
אָ, טאַטע מיינער, ווערסט גרוי שוין און אַלט,
דיין אָטעם איז שטעכיק און הארט,
און דיין קין ווי אַ שאַרפע האַק,
איך האַלט גרייט, איך שטעל אונטער מיין באַק —
אָבער זאָג מיר: ווער ביסטו? איך וואַרט."

איך טו זיך אַ כאַפּ — ערשט קיינער ניטאָ.
לבנה און שניי און מיטנאַכט שעה.
לבנה און פעלד און ווינט געשריי. — — —

מיין טאַטע ליגט פאַרשאָטן אין שניי,
און מיין אינגעלע שפילט זיך אין שניי. —

III

דאָס שטאָמיקע אין מיר — געזאַנג פון אוראַלטע ביינער ווייסע,
כ'בין אריינ'כשופ'ט אין דער ביינערדיקער ווייסקייט.
קלענער פונם קלענסטן בין איך. אָבער עלטער — אייביק.
היימיש מיטן האר פון סודות'דיקן לעבן.

וואו איז ער, דער אָנהויב מיינער, וואָס איך האָב אָנגעהויבן?
וואו וועט זיין דער סוף מיינער, וואָס איך וועל ענדיקן?
מיינע אויגן בלאָנדזשען גאָר ארום איבער העסטער פּאַרק,
און דאָס האַרץ אין מיר ווערט אויפגעגאַנגען אין גרויסליכטיקייט.

ווי קום איך אַהער אין העסטער פּאַרק ניו־יאָרקישן?
איך וועל קומען נאָכאמאָל, וועל קומען נאָכאמאָל,
צו קוקן אין די שטראַלנדיקע אויגן פון די אָרימע,
און צו הערן דאָס געזאַנג פון אוראַלטע ביינער ווייסע.

מיין טאַטנ'ס קבר — לעבן אנ'אַלטער מיל
אין אַ קליין שטעטל אין א רוסישער,
מיין מאַמע'ס קבר — לעבן דער זעלבער מיל, —
אַלטע מיל,
אַלטע מיל, —
שיין אויף אין ליכט פון העסטער פּאַרק ניו־יאָרקישן.

העסטער פּאַרק איז פול מיט הענט פאַרהאָרעוועטע, בטחונ'דיקע,
און הענט פאַרהאָרעוועטע טראָגן אויף די דלאָניעס זייערע
וואָג און מאָס, און דין און פּסק, און גורל לעצטן.

ווי קום איך אַהער אין העסטער פּאַרק ניויאָרקישן? —
איך וועל קומען נאָכאמאָל און נאָכאמאָל —
צו קוקן אין די פייערדיקע אויגן פון די אָרימע,
און צו הערן דאָס געזאַנג פון אוראַלטע ביינער ווייסע . . .

IV

. . . קלוגע מענטשן, הער איך, ריידן וועגן דיר,
טויט — ברודער מיינער.

אַט גייט ער — זאָגן זיי אויף דיר —
דער פינצטערער, דער ביינערדיקער,
דער נאַקעטער סקעלעט
מיטן לעכערדיקן שאַרבן
און מיט דער קאָסע אין די קנאַקעדיקע הענט . . .

קלוגע מענטשן, הער איך, ריידן וועגן דיר,
טויט — ברודער מיינער.

זאָל איך זיי דערציילן,
אַז מיר זיינען ביידע אויף דער וועלט געקומען פון איין מוטער טראַכט,
פון איין מוטער טראַכט — אַ צווילינג; —
ביידע מיט איין מאָל דורך הויט און הייטלאַך,
דורך וואָרעם פלייש און בלוט פון יענער וועלט,
אַדורכגעריסן אונזער צווילינגדיקן קול;
אַז ביידע זיינען מיר געלעגן אין איין וויג
מיט די בלאָנדע קעפּ און גרויע אויגן,
און געשמייכלט צו די פלעקן פון דער זון,
דאָרט אין שטעטל, דאָרט אין צפון-לאַנד.
און אַז מיר פלעגן עפענען די מיילער
און לאָזן הערן אונזער כשוף'דיקן נייעם קול —
פלעגט פלוצלונג אויפגיין איבער אונז, — געדענקסט ? —
אַ ריזיקע פיגור פון בלענדנדיקער ווייסקייט,
פון שטראָמענדיקער וואַרימקייט און גלאַטקייט,
און צוויי קיילאַכדיקע, קוואַלנדיקע פולקייטן
פלעגן זיך, דורך רויטע פליגלדיקע נאַפּלען
אריינשטראָמען אין אונזער מויל. —

אונזער ביידנס מאַמע,
טויט — ברודער מיינער,
אונזער ביידנס מאַמע.

און אַמאָל פֿלעגט טרעפֿן: פֿייער פֿלאַמען
דרייען זיך אַרום, אַרום דער וויג.
פֿייער רעדער קייקלען זיך און קייקלען זיך אַוועק,
און אַ בלאַקייט פֿלעגט זיך אויסלייגן אויף אונז;
און די בלאַקייט מיט אַמאָל צעררייסט זיך,
און מיר הערן דאָס געשריי פֿון יעדן ריס.
און —
ווידער פֿלאַמען שפּרינגען אויף —
נאָר אַזוינע דינע, לאַנגע, שפּיזיקע.
און אַדורך די פֿלאַמען, הויך און גרין,
גלייך אַנקעגן אונז פֿלעגט אויסוואַקסן
אַ צווייטע ריזיקע פֿיגור.
שטייט און קוקט די צווייטע ריזיקע פֿיגור
שטייף, ווייט; אַנטקעגנדיק — געדענקסט? —
צוקעניש פֿלעגט אונז באַפֿאַלן,
ווערגעניש פֿון האַלדז,
קלעמעניש פֿון ליפּן;
מיט אַמאָל פֿאַרנויגט זיך די פֿיגור,
רירט זיך צו צו אונזער מויל מיט זיינעם —
און דאָס צוקעניש ווערט זיס,
און דאָס קלעמעניש ווערט זיס. —

אונזער ביידנס טאַטע,
טויט — ברודער מיינער,
אונזער רויטער טאַטע.

קלוגע מענטשן, הער איך,ריידן וועגן דיר,
טויט — צווילינג־ברודער מיינער;
און זיי זעען ניט דורך זייער חכמה,
ווי שיין דו ביסט,
ווי בלאָנד,
ווי הויך,
און אַז דיר איז ערשט אינגאַנצן פֿינף און דרייסיק יאָר, ווי מיר, —
טויט — ברודער מיינער . . .

אַלטע פעלדער

. . . משופּע׳דיקע פעלדער,
האָרביקע פעלדער,
ניט געאַקערטע
און ניט געשניטענע
ווערן צעשלאָגן אָן וואַלדיקע ווענט.

בייטאָג, ווען די זון איז פייערדיק,
שטומען די פעלדער אין ליכטיקייט
האָריק און הויקערדיק,
מיד און אַלט און טרוקן.

אַ מענטש — זאָל דוכטן אַז איך —
גייט ביים זייט פון די פעלדער,
גייט און הערט דעם ריח פון אַלטקייט,
אַלטקייט פון ערד
און אַלטקייט פון אַלץ, וואָס א ו י ף ערד,
און אַלטקייט פון אַלץ, וואָס א י ן ערד . . .

איין שטאַרקערער טראָט —
און די אויבערשטע הויט וועט אַ פּלאַץ טאָן —
בלינדקייט פון שטויב,
שטויב פון ביינער, פון לייבער, געוועזענע לעבנס,
שטויב פון קבר,
און שטויב פון אַלץ וואָס א ו נ ט ע ר ן קבר,
און שטויב פון אַלץ וואָס א י ב ע ר ן קבר . . .

היט זיך דער מענטש — זאָל דוכטן אַז איך —
ניט צו געבן קיין צו שטאַרקן טראָט.
און ווען מיד ווערט זיין גוף
פון צופיל געדולד,
פון פאָרזיכט און וואַכזאַמקייט —
און ס׳הייבט אָן צו אויפגיין זיין בענקשאַפט אין אים,
זיין גלוסטונג נאָכן ש ט ו י ב פון זיין א י י ג ע נ ע ם ל י י ב —

קניט ער אנידער
ביים ראנד פון די פעלדער,
קנוילט זיך צוזאמען
און — בעט:
— כח.
— כח.
נאך כח. צו ווארטן.

סוף טאג, אז דער גוף פון דער זון
צעוואקסט זיך,
קיילאכדיקער, רויטער, געשוואלענער,
שיסט ארוים זיינע שפיציקע קלאמערן, —
ערשט דאמאלסט דערוועקן זיך פעלדער,
שטרעקן די האריקע הויקערס,
רופן:
— באפאל אונז,
פארקלאמער,
באפרוכפער,
זייג זיך ארייַן אין אונזערע האריקע בייכער.

דער רויטער געשוואלענער שפין — די זון —
נידערט אין פארביקן פיבער,
הוידעט זיין קערפער אראפ און ארויף,
אטעמט מיט קאלטן געפרארענעם גאלד,
באהעפט זיך און פייניקט און קושט
מיט שוימיקע ליפן, געשפרינקלטע ליפן
דעם אלטן צעקארטשעטן מויל פון די פעלדער.

פיין און תענוג,
פיין פון באהעפטונג, —
געזאנג פון פיין;
אייביק דאס ליד פון באהעפטונג —
ליד פון תענוג —
ליד פון פיין.

שוויסיק די אַלטע די האַריקע בייכער,
צעפּלאָסן אין מידקייט, אין מידקייט פון תענוג,
פינצטער און גלאַנציק די אויגן פון שפין,
נעבלדיק פינטלען די אויגן פון שפין. —
מיד. מיד.
צוגאָסן אין מידקייט,
אין תענוג פון מידקייט,
ליגן די פעלדער.

פויגלען אין מחנות,
פערד מיט צעוואָרפענע גריוועס,
בהמות מיט גלעקער אויף וואַגיקע העלדזער
באַפאַלן,
און רייסן,
און גריזשען
דעם נאַכטיק־באַפּרוכפּערטן גוף פון דער ערד . . .
מ'רו רעווען די בהמות,
שטרעקן די טאַרביקע העלדזער,
וויגן די גוידערס,
גוידערס מיט גלעקער,
שלייפן די סליניגע צינגער
צווישן די ציין.

שאַרף פון קאַפּיטעס,
דאַמף פון נאָזלעכער,
ווינטן פון עקן און גריוועס —
געפורימטע לייבער פון פערד
יאָגן און שטרויכלען און יאָגן
איבער די פעלדיקע הויקערס,
לעכערן לעכער,
זינקען אריין אין די לעכער,
טאַנצן אַרויס מיט פאַרבלוטיקטע קלעפּיקע קלויען. —

אין ווירבל — די שטאָלענע גלאַנציקע לייבער,
צעשאָסן פון אימפעט, אין אימפעט פון תענוג.
פינצטער, פינצטער.

צוגאָסן אין פינצטערניש,
אין תענוג פון פינצטערניש
יאָגן אונצוימיקע, שוימיקע פערד. —

דער מענטש — זאָל דוכטן אַז איך —
וואָלט געקענט אויף די שוימיקע פערד זיך אַרויפכאַפּן,
זיין דער רייטער,
מיט בייטש אין האַנט קנוטעווען,
מיט קנאַפּל אין די ריפּן
פּויקן, פּויקן,
הילכן, הילכן;
מיטן קאָפּ פאָראויס אויסגעשטרעקט
שניידן דעם ווינט פון די גריוועס.
בייטש, און געפּויק, און געפייף,
און —
געשפּריץ פון אָדערן־אויפּרייס,
שלייפן־געפּלאַץ
(שלייפן פון רייטער) —
נאַקן־געבראַך
(נאַקן פון רייטער) —
און נאָכדעם, געהענקערט אין פּעטלעס פון עקן,
צינדן די פעלדער מיט קלעפּיקן רויט. —
שאַרבן פון רייטער — אַ שטאָלענער קוגעל,
אַרויף און אַראָפּ,
אַרויף און אַראָפּ,
ווי אַ צעווינטע דובינע —
זעץ. זעץ. זעץ.
געלעכערט — צעלעכערט,
געבויערט — צעבויערט
שטיין, בוים,
וואַרצל, דאָרן, —
געשמאָלצן — צעשמאָלצן
אין קלעפּיקן רויט . . .

מיט די בייכער אַרויף ליגן די איבערגעטריבענע פערד,
די בייכער ווי בלאָזזעק, ווי גומי־באַלאָנען

שפּאַרן — צושפּאַרן געשוואָלן.
די העלדזער אין ספּאַזמען.
צעשפּאָלטענע מאַרדעס און איבערגעבלוטיקטע אויגן,
אין ספּאַזמען פון תענוג.
אין תענוג פון ספּאַזמען. —

און ערגעץ — ווער ווייסט וואו —
דער שאַרבן פון רייטער;
און ערגעץ — ווער ווייסט וואו —
די אויגן פון רייטער;
און ערגעץ — ווער ווייסט וואו —
דאָס לייב פונם רייטער . . .

נאַכט. ווייס.
ווייס. נאַכט.
געזאַנג פון ווייס —
געזאַנג פון נאַכט,
געזאַנג פון אומקום,
אין ווייס פון אומקום
ליגן צעשאָטן די אברים פון רייטער.

דו זאָגסט

דו זאָגסט — איך בין פאַרשאָלטן, —
זאָג, זאָג.
ס'וועט קומען, שוין געקומען,
שוין געקומען פון בענטשונג מיין טאָג.

כ'האָב אנטפּלעקט דאָס האַרץ פון דער וועלט.
אַנטפּלעקט. און אין סאַמע מיטן
מיט מיין קאָפּ מיט מיין פאַרשאָלטענעם,
מיט מיין פאַרשאָלטענעם קאָפּ זיך אריינגעשניטן.

געעפנט איז דאָס האַרץ פון דער וועלט,
געעפנט ביז דער לעצטער טיף.
און בלוט טריפט, — זאָל טריפן,
זאָל בלוט טריפן ביזן לעצטן טריף.

איך דאַרף שוין ניט דערלייזט ווערן.
איך בין שוין דערלייזט. שוין.
גייט פאַרביי, מענטשן,
גייט פאַרביי, —
ווי איך גיי פאַרביי זיך אליין.

דו זאָגסט — איך בין פאַרשאָלטן, —
זאָג. זאָג.
הינטער מיר, און אָט פאַרויס פון מיר,
אנטקעגן מיר,
קומט אָן, — שוין אָנגעקומען —
מיין בענטשנדיקער טאָג.

די פֿליגלען פֿון באַגינען

די פֿליגלען פֿון באַגינען פּאַכן איבער וואַלד און ישוב,
הענגט זיך אָן און טראָגט זיך אויך אוועק מיט זיי,
ברודער מיינער, נאַכט־געשוויגענער,
נאַכט־געהאַפּטער אויף אַ נס.
נס גייט אויף. נס איז אויפֿגעגאַנגען —
נס פֿון זון.
און אינאיינעם מיט דער זון גייט אויף דאָס וואָרט. —

וואָרט, נס פֿון וואָרט,
פֿאַרלאָז אונז ניט;
וואָרט, נס פֿון וואָרט —
באַהיט אונז און באַשיץ.

אין רעדער קופּערנע פֿאַרוואַנדלען זיך
די פֿליגלען פֿון באַגינען,
און אונזער שוואַרצאַפּל אַליין
אין קופּער גיסט זיך איבער.
אויף ברוקן און אויף בריקן
קייקלען זיך די רעדער פֿון באַגינען —
הענגט זיך אָן און קייקל זיך אוועק מיט זיי,
ברודער מיינער, זון געברענטער,
רויט געקופּערטער־פֿאַרקופּערטער, —
פֿאַרנעם צומאָל ס'געדרודעריי פֿון רעדער,

ווי אַן אָנזאָג פון זיך גרייטנדע פּאַראַדן;
לאָמיר זיך אין האָפּערדיקייט אָנטאָן
און צו להכעיס אַלע געטער און מזלות
לאָמיר טראָגן אונזער יום טוב׳דיקן גורל
דורך פעלדער, גאַסן, מאַרקן, פּאַליסאַדן
ווי מען טראָגט אַ פאָן אַן אויפגעהויבענע אין פלאַטער.

ברודער מיינער, לאָמיר עדות זיין אַליין,
ווי מיר וואַרפן פייערלעכע בשורות
וועגן זיך און וועגן מענטשן
אין נייעם טאָג אַריין.
ברודער, זע —
ווי פול און בליענדיק עס וואַקסט דאָס וואָרט —
דאָס ליד אונזערס —
אויף אונזערע מיט פּיין און שטומעניש פּאַרזייטע פעלדער.

וואָרט — נס פון וואָרט,
פּאַרלאָז אונז ניט;
וואָרט — נס פון וואָרט,
באַהיט אונז און באַשיץ.

צום ווינט

איך האָב געזאָגט צום ווינט:
אָ, ווי גוט דיר איז,
ווייל דו ביסט ווינט —
ווינט — אייביקע עקזיסטירונג;
ניטאָ קיין פרייד קיין גרעסערע,
ווי צו זיין אַ פעדער קליין
אין די פליגלען פון אוראגאנען.
אָ, ווען איך וואָלט קענען זיין רעאַל, ווי דו,
אַ רים טאָן זיך פון אומרו,
וואָס איז סאַי ווי סאַי ניט מער ווי דו,
זיך אויפהויבן, אַוועקטראָגן פון דאנען
מיט געפייף און מיט געוויטער
איבער מיינע אייגענע און פרעמדע גיטער,
אומוואַרפן, צעשפּענדלען און צעשטויבן,
און דערנאָך זיך איבער אַלץ אַריבערהויבן,
און אַריבער — איבער. —

איך האָב געזאָגט צום ווינט, —
און דער ווינט
האָט אַ טאַנץ געטאָן אין פנים מיר,
אַ בויג געטאָן מיין קאָפּ אַרונטער — אונטער,
אַ שניט געטאָן מיר אין די אויגן
מיט אַ שניט פון דינע האָר,
און אַריבער — איבער. — —

סאָנעטן-רינג

I

דורכגייער, קער אָפּ פֿון וואַנדעריקן וואָגל,
נעם זיך מיטן שטעג, וואָס פֿירט צו מיין געצעלט,
טרייסל אָפּ דעם שטויב פֿון דורכגעשפּאַנטער וועלט,
גאַרטל אָפּ פֿון זיך דעם אויסגעדאַרטן לאָגל.

געכטן ערשט האָט דאָ געבושעוועט אַ האָגל,
טיר און שויבן מיט געקנאַק אַרויסגעשנעלט,
האָב איך זיך געפּעדערט היינט, צוריק אַריינגעשטעלט
גלאָז און ברעט, פֿאַר'חתמ'עט זיי מיט קיט און נאָגל.

און די דילן אויסגעוואַשן — בלאַנקען דילן געל,
און אַ מאָלצייט אָנגעגרייט, געבעקס פֿון פיינסטן מעל,
און פֿון רייפֿעביימער פּרוכט אַראָפּגענומען, —

ווייל איך האָב געוואַרט מיט אַלע פֿיברען פֿון מיין זעל,
אַז אַן אורח זאָל היינט קומען רוהען אויף מיין שוועל, —
ביסטו טאַקע, אורח־דורכגייער, געקומען.

II

ביסטו טאקע, אורח־דורכגייער, געקומען.
ווער דו ביסט, פונוואנען — ניט איך ווייס און ניט איך פרעג,
צי דו ביסט ביים אָנהייב, צי ביים אויסלאָז פון דיין וועג, —
רו אין שווייגעניש, אויב ווערטער ליגן טויטע אויף דיין גומען.

נאָר איין פינטל פון דיין אויג — און איך האָב שוין פארנומען
אַלע אונטערגאנגען, אויפגאנגען פון דיינע טעג;
אונטער דיינע ברעמען בלויען זיך סמנים פון געשלעג,
און זיי זאָגן עדות, אז ניט דו האָסט בייגעקומען.

נאָר דיין רויטע פייער־באָרד, זי ברענט נאָך רויטער,
שפרייט זיך אויף דיין ברוסט צעפלאָסענער, צעשפרייטער,
אין דיין שווארצאפּל — געפלאקער פראָסט פון א פיאָרד;

אַז איך קוק אויף דיר, דערמאנט זיך מיר א מענטש — שוין איצט
אַ טויטער —
אַזאַ מענטש אמאָל געוועזן — מיין געבוירער, מיין באגלייטער —
דו דערמאנסט מיר אָן מיין טאטן מיט זיין פייערדיקער באָרד.

III

דו דערמאנסט מיר אָן מיין טאַטן מיט זיין פייערדיקער באָרד,
אויך מיין טאַטע איז געווען אַ דאַרער איד, אַ רויטער,
אויגן צוויי — אַט זינקען זיי, און אַט פאַרשניידן זיי זיך ברייטער,
ברעמען איבער זיי, ווי שפּיזן אָנגעשאַרפט פאַר מאָרד.

און גערעדט האָט ער — געטורעמט שטאַמלעניש פון וואָרט.
און זיין אַרבעט איז געווען—צו גיין פון איין שטוב אין אַ צווייטער,
דיקטעווען פון בלאָשטיין׳ס בריפנשטעלער „ברוטיגאַם און ברויטע“
פאַר די מיידלאַך אין א רוסיש שטעטל אויפן מערב־נאָרד.

ווינטערדיקע לאַנגע אָוונטן, און אָוונטיקע פרעסט.
אַ לאָמטערן מיטן טירל צו דער פאָלע צוגעפרעסט,
און אַ וואָלענע פאַטשיילע איבער מויל און אויער;

וואָס דו הערסט אין ווינטער־אָוונטן און וואָס דו זעסט,
פאַרגעסט דאָס אויער באַלד, און אויך דאָס אויג פאַרגעסט
ביים אַריינקום, ביים פאַרשווינדן אינם וועלבונג פון אַ טויער.

IV

ביים אריינקום, ביים פארשווינדן אינם וועלבונג פון א טויער,
ווערט א צימערל באלויכטן מיט א פינפערדיקן קנויט,
איבער ווענט און איבער סטעליע ווערט א שטילקייט אויסגעשפרייט—
אזא אומעטיקער, עלנט יום טוב׳דיקער שלייער.

סקריפט דאס מיידעל מיט א האנטשריפט א געבראכענער און רויער,
יעדעס וואָרט ווערט מיט א ציטער, מיט א פליסטערן באגלייט,
אירע באקן ווערן מיט אמאָל פון שעמעוודיקייט רויט, —
ווידער שוין פארגעסן אויסצולייגן „זעהר גוט“ און „זייער“ . . .

רעדט דער טאטע — האלב א מורמל, האלב אן אויסגעשריי — :
„זייער“ שרייבט מען מיט צוויי יוד׳ן, „זעהר גוט“ מיט ע׳ען, ה׳יי.
א פארשולדיקטע דאס מיידל זיצט דעם קאָפּ אראפּגעבויגן.

דורך די שויבן קוקט דער לערער אויפן שנייאיקן געדריי,
און צוזאמען מיט דער יאָמערדיקער ווייסקייט פונם שניי
יאָמערן זיין פלאמענדיקע באָרד און אָנגעגליטע אויגן.

V

יאָמערן זיין פלאַמענדיקע באָרד און אָנגעגליטע אויגן.
און דעם יאָמער פלעגט ער מיטברענגען אַהיים אין שפּעטער נאַכט.
נאָכן עסן בלייבט ער זיצן ניט געדרימלט, ניט געוואַכט, —
ביז ער נעמט זיך פאַרן רויטן טינט און בלאַנקן בויגן.

פאַר די מיידלאַך בריף — אַפּירן — ניט געשטויגן, ניט געפלויגן —
נעמט ער צאַצקען, ווי מיט צירקל יעדער אות אַרויסגעבראַכט;
בליט דער „שין“ דער קאָפּ צעעפנט, און דער „לאַמעד“ שלאַנק
פאַרטראַכט,
און די „פּייען“ און די „נונען“ ווי ספּיראַלן אָנגעצויגן.

און דער “יוד“ — אַ שלענגל מיט אַן אויסגעשטרעקטן צינגל,
און דער „שלאָסמעם“ — אַ פאַר'חתמ'עט אויער־רינגל, —
אַלץ צוזאַמען פלעגט עס זינגען מיט אַ סודות'דיקן קול.

אַ פאַרגאַפטער פלעג איך, דעמאָלט נאָך אַ זיבניאָריק אינגל,
טונקען מיינע אויגן אינם כשופ'דיקן רויטן פינקל:
„פיל געשעצטער, הויך געליבטער ברויטיגאַם לעב וואָהל!“

VI

„פיל געשעצטער, הויך געליבטער ברויטיגאַם, לעב וואָהל!
„ערשטענס קומע איך באַנאַכריכטען — איך טו זיך טאָן געפינען,
„דאַנק דעם עוויגען אין בעסט געזונט, דאָס נעמליכע פון אינען
„צו פאַרנעמען מיט גרויס פרייד פון היינט און אַלע מאָל.

„צווייטענס, קומע איך צו שרייבען צו מיין ברויטיגאַם אָבוואָל
„מאָנד און שטערען טוען שיינען ביז באַגינען,
„טוט מיר פינסטער זיין, און פון די אויגען טרערען רינען,
„ווייל די שיקזאַל האָט צושיידט די ליבע אונז מיט בארג און טאָל...“

איך האָב ניט פאַרשטאַנען פון די ווערטער דעם באַטייט,
דאָך פאַרגעס איך ניט ביז היינט דעם צויבער־איבערבייט,
ווי דאָס רויטקייט פון די ווערטער פלעגט זיך נעמען מינען.

אויפן טאַטנ׳ס פנים שמייכל, פרייד. אין פרייד באַנייט, —
דעמאָלט האָט א וואונק געטאָן צו מיר א קומענדיקע צייט:
— זיי דער ריטער פון זשאַרגאָנעדיקע „לאָמעדן“ און „שינען“ . . .

VII

זיי דער ריטער פון זשאַרגאָנעדיקע „לאַמעדן“ און „שינען“.
ליכטיקע לבנה׳דיקע נעכט פון י י ד י ש - לאַנד
ליגן אָנגעלאָדענע מיט בלענהנדיקן זאַמד,
אונטער זיי מיין שלאָס, — פאַרשטיינערטע רואינען.

ניט אין יעדן טאָג און אָוונט קאָן איך זיך פאַרגינען
צו אַרונטערנידערן — די טירן אָנצורירן מיטן האַנט;
קומט די רגע, עפנט זיך פון זיך אַליין אַ מויער־וואַנט
און עס הייבט זיך אָן דאָס ל י ד פ ו ן א ו ת י ו ת צו שפּינען.

טאַנץ, באַהעפטונג, האַלדזונג אות אין אות,
טרויער — אַלטער ווייַן אין דורות׳דיקן כוס —
שוימט און שפּאַרט אַריבער אַלע צאַמען־ברעגן.

ליכט פון ה י מ ן שטראַלט אין פינצטערן כאַאָס,
אַלע בלינדע זעאונגען, חלומות פון רואינען־שלאָס,
לאָזן זיך מיט פאַקעלן אויף לאַבירינטן־וועגן.

VIII

לאָזן זיך מיט פאַקעלן אויף לאַבירינטן־וועגן,
הויט פון בלינדע זעאונגען צעפּלאַצט זיך, פאַלט אַוועק,
און אַנטפּלעקונג נאָך אַנטפּלעקונג פון דער טיף פון שרעק
שיפן זיך אַרויס מיט העלע פאַרוסן אַנטקעגן,

פלינקע הענט פון אַרבעט האַמערן און שאַרפן זעגן
פאַרן אויפבוי פון רואינען, טאַנץ פון בלאַנקע העק,
בונטע פאַרבן בליען איבער שימל, איבער פלעק,
ל י ד פ ו ן י י ד י ש אין דער לופטן — ווי אַ פרילינג־רעגן.

פלוצלונג — קראַך! עס נעמט מיט שטיינער שיטן,
שטיינער רייסן זיך אַריין אין הימן־ליד אין מיטן,
שפּאַלט דעם קאָפּ פון „שין" דער ערשטער שטיין.

אינגעווייט פון „פייען", „נונען" — אויף די ווענט, סופיטן,
ליגט דער „לאַמעד" אַ דערקוילעטער, זיין האַלדז צעשניטן,
לעבן אים זיין ריטער — איך — מיט „גימל" גאַל אויף ציין.

IX

לעבן אים זיין ריטער — איך — מיט „גימל"־גאָל אויף ציין.
„סאַמעך"־סם און שנאה־פּלאַם צע׳שרפה׳נען די לונגען,
אינם טמא־„טית" פון טויט און טרויער איינגעשלונגען
יאָמערן די וואָיענדיקע „וואָוון" פון געוויין.

באַטש מיין האַרץ איז פול מיט פאַרגעפּילן פון פאַרגיין,
דאָך מיט מער עקשנות אינם שיין פון חורבן־צונגען,
היים איך, אַז דאָס ליד זאָל ווערן פון דאָס ניי געזונגען,
אין דער טיף פון הײלן — הימן צום אונטערגאַנג אַליין.

פון רואינען־טיפענישן הייב איך זיך צוריק אַרויף.
וואו איך קער זיך ניט, וואוהין איך זאָל ניט שליידערן מיין רוף —
דרייען זיך צעוויקלטע, צעשויבערטע טומאַנען.

ווי אַן אויסגעצויגענער, נשתומם׳דיקער „קוף"
שטייט און הוידעט זיך מיין עטוואָס־אויסגעקרימטער גוף
אין דער פינצטערניש פון מדבר׳דיקע לאַנען.

X

אין דער פינצטערניש פון מדבר'דיקע לאנגע
וויקלען מיר זיך ביידע און פארנעמען וועלטן־בראך,
ביידע, אורח מיינער, גייען מיר אין יאָך
מיט געדולדיקייט פון פערד אין אייזערנע געשפאַנען.

אָפּרו. נאָכן אָפּרו לאָזן מיר זיך ווייטער שפאַנען.
טרייבן זיך אליין מיט בייטש און מעסער־שטאָך,
ביז מיר הייבן אָן דערשפּירן אויפן רוקן פליגל־פּאָך,
נעמען זינגען דאָס געזאַנג פון ווייסע שוואַנען.

שנאָבלען אונזערע — אזוינע מאָדנע רויטע,
שנאָבלען, ווי די ריישן אויסגעדרייטע,
האָבן מיר דערפאַר די העלדזער שלאַנק, ווי לאַנגער נון.

שווימען מיר מיט אַלץ באַהעפטע און צו אַלץ געגרייטע,
צווישן בערג פון אייגענע און פרעמדע טויטע,
צו אריינשטעכן די שנאָבלען אינם האַרץ פון זון.

XI

צו אַריינשטעכן די שנאָבלען אינם האַרץ פון זון.
זון באַווייזט זיך, פליקן מיר פון איר די רויטסטע שטיקער. —
שייַלאָקס רופט מען אונז — פון בלוטנדיקער רויטקייט שכור,
שייַלאָק איז דער נאָמען אויך פון אונזער יורש־זון.

שייַלאָקס זיינען מיר — מיר זאָגן זיך ניט אָפּ דערפון.
בלוט־געטראַנק איז אונזער יום טוב׳דיקער ליקער,
אַלע וועלן קומען, סיי באַפרייער, סיי באַדריקער,
זופן רויטס פון אונזער הייליקן טשוהון.

אַלע וועלן קומען, אַלע קומען שוין.
אויף, מיין שטומער גאַסט, באַגעגענען צו גיין
מיט אַפּלאַז פון הענט און פלאַטערן פון פאָנען.

הערסט, עס פויקט די ערד, עס האַגלט שטיין אָן שטיין,
ווינטן אין גאַלאָפּ מיט קריצנדיקע ציין. — — —
אויף מיין גאַסט, — עס קומען קעמפער לעגיאָנען.

XII

אויף מיין גאַסט, — עס קומען קעמפּער לעגיאָנען,
פוסגייער, פון היץ און טרוקנקייט פאַרברענט,
שטרעקן צו די הימלען ביינערדיקע הענט,
הענט וואָס שטורעמען, הענט וואָס מאָנען.

רייען קעפּ, ווי אָנגעשוואָלענע באַלאָנען,
וויגן זיך אויף העלדזער, קאָפּ צו קאָפּ געענגט —
קני צו קני, אין נאַקעטקייט געבלענדט,
שפּאַנען די בלוי־אָדערדיקע פיס־קאָלאָנען.

אין די גאָרגלען — אויפגעריסענע געשרייען־פלוכן,
אונטער הויט — פאַרגליווערטע, פאַרקילטע סקרוכן,
נאָר די הענט זיי לויכטן ווי געצונדענער אַלמאַז.

הענט באַוועגן זיך, ווי כהן־הענט בשעת'ן דוכן, —
הענט וואָס שטורעמען, הענט וואָס זוכן
דעם וואָס טראָגט אין זיך דעם לעצטן האַס.

XIII

דער, וואָס טראָגט אין זיך דעם לעצטן האַס,
קומט און נעמט אַרום די טויטגעזאָלבטע ברידער;
אַ געזאַנג אַ נײַ גײט דורך אַלע גלידער,
קלאַנג פאַרגײט אין פרײד, געיאָמער אין עקסטאַז.

שמײכל לײגט זיך אויס אויף פעלד און גאַס,
טוי־באַגינען שפרײט זיך איבער אָפּשײד לידער,
הימלען נעגטערן זיך, נידערן אַלץ נידער
און צערײסן זיך אין ליכטיקײטן פאַס נאָך פאַס.

ליכטיקײטן שלינגען אײַן די לעגיאָנען.
אויס. — און מיר, די ניט־געזאָלבטע, מיר דערמאָנען
זײער נאָמען ווען די הימלען ווערן ווידער צוגעמאַכט.

וואונדער־פרײד פון זיך אַלײן דערקאָנען
ביסלעכווײַס פאַרשאָטנט אונז דעם פּנים. —
אָוונט. נאַכט. סעפּטעמבערדיקע נאַכט.

XIV

אָוונט. נאַכט. סעפּטעמבערדיקע נאַכט.
איך האָב זיך באַהעפט צום טויט־געקרוינטן לעבן.
ווי עס שלענגלען זיך צום הארבסט געפלאַנץ־געוועבן,
שלענגל איך זיך אויך פון מוטער־טראַכט צו קבר־טראַכט.

אַזאַ שם אַ כשופ'דיקן האָב איך מיטגעבראַכט,
צו דעם שם מיין צייטווייליקן נאָמען צוגעגעבן;
ווען מיין נאָמען גוסס'ט, ליגט ביי מיינע פיס דאַנעבן,
פלאַטערט איבער מיר דער שם דער אייביקער און וואַכט.

בליט אַ צווייטן מאָל די וועלט אין בליאונג פון פאַרגיין,
רייצנדיקער הארבסט אין קופּער רויטער קרוין
טאַנצט זיין פריילאַך־טאַנץ אויף פורפורנע טאַפּעטן.

רויט שפּאַלט אויף די נאַכט, ווי גלאָז דער דימענטשטיין,
פאַרבן צינדן שׂרפות און פאַרברענען זיך אַליין,
און פאַרזינגען זייער אָפּשייד מיט דערהייבונג פון סאָנעטן.

.1922

II

— — — דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט:
קרבן, געפאַנגענשאַפט, הינריכטונג,
פאַרראַט, אָפּזאָג. — — —
אַזוי ווי געווען,
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען
פון אייביק. — — —

דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט

דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט:
מאָרד, געפאַנגענשאַפט, הינריכטונג,
פאַרראַט, אָפּזאָג.
פאַרראַט פון דעם נאָנטסטן,
אָפּזאָג פון דעם געליבטסטן;
מיטן רוקן אַוועקגעדרייט,
מיט גאַל אויף די ליפּן,
מיט נאָדלען־שוואַרצאַפּלען —
שטייט דער נעכטיקער ברודער. —

אַזוי ווי געווען,
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען
פון אייביק.

און דער שטאַרקער איז נאָך אַלץ דער מאַכטהאָבער,
און דער מאַכטהאָבער איז נאָך אַלץ אַ רשע,
און דער אמת איז נאָך אַלץ ביים פאַרראַטענעם,
און ניט ביים פאַררעטער;
און גערעכט איז נאָך אַלץ דער געפּייניקטער,
און ניט דער פּייניקער.

אַזוי ווי געווען,
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען
פון אייביק.

אַלמאָדישע רייד
ביז צום איבל;
אַלטמאָדיש געזאַנג
ביז צו פאַרשעמט ווערן. —
חרפה. חרפה.
און וואָס נאָך?
חרפה, חרפה
צו עפענען אויף ניו יאָרקער גאַסן די אויגן
און דערזען זיך אונטער אַ וואָך פון שומרים,
אַ געפירטן צוריק צום אַלטן, צום קאַלטן,
אַלטמאָדישן, אייביקן לאַנד פון שנײ.
מאַרש. מאַרש. מאַרש.
פאַרביי ליכטיקע שויבן,
פאַרביי וואַרימע בעטן,
זאָל ניט קיינער באַגלייטן,
זאָל קיינער ניט טרייסטן,
און די האַנט פונם ליבסטן
זאָל נידערן און פאַלן,
אין פאַרשלאָגענע ווינקלען,
אין שטומער, אין בלינדער פחדנות,
און ניט קומען אַנטקעגן.
מאַרש. מאַרש.
אין גראָבן לייוונט — דאָס לייב,
אין אייזערנע קלעצלאָך — די פיס,
אַ טרוקענער לאָגל אויף די אַקסלען.
שליאַכן פאַרזונקענע — דורך פינפטע עוועניו,
געפּראָרענע לענע — צווישן ברעגן פון האָדסאָן,
צעפייניקטער יאַקוטסק — דורך איסט בראָדוויי,
פאַרשאָטענע יורטעס — אין שנייען פון האַרלעם.
דורך אַלע שליאַכן — צום ווייטסטן טראַקט
צוריק:
פון אַלע נצחונות צום שנײ פון עלנט
צוריק:
אַלע, אַלע, אַלע ווערן פאַרטריבן
צוריק.

זינג מיין הארץ דאָס אַלטמאַרישע ליד
צוריק:
אַדיע, אַדיע —

דער שטאַרקער איז נאָך אַלץ דער מאַכטהאָבער,
און דער מאַכטהאָבער איז נאָך אַלץ אַ רשע;
און דער אמת איז נאָך אַלץ ביים געשלאָגענעם,
און ניט ביים קריוודער, ביים שלעגער;
און גערעכט איז נאָך אַלץ דער, וואָס הינטערן שלאָס,
און ניט דער וועכטער, וואָס קלאַפּט מיט די שליסלען.

אַזוי ווי געווען,
אַזוי ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען
פון אייביק.

ליד וועגן פינף הינט

ווינט אויף די פעלדער. געסט אין האָטעל
הוליען אריבער דעם ווינט;
נאכט האָט פארטריבן צום ליכטיקן שוועל
פינף עלנדע הינט.

מאָרדעס געפראָרענע שיקן אין טיר
תפילה׳דיק ווייכן געביל,
הארץ פון די געסט אָבער ווערט ניט גערירט,
בלייבט הארט ווי דער דיל.

נאָך די הוליאַנקעס שלאָפן צו גיין,
שלאָף אָבער וואַרפט זיך דול;
מיטן פארצווייפלטן הינטיש געוויין
אַלע חדרים פול.

שפרינגען די געסט פון בעטן ארויס,
פליען מיט ביקס און ווינט,
צילן און שיסן און הרג׳נען אויס
אַלע פינף עלנדע הינט.

פריער האָט הונט געבולן, און נאָר —
אָן נוץ אין שפעטער שעה,
איצט אָבער ווייסט יעדער הונט שוין קלאָר
ריכטיק זיין טואונג דאָ.

ערשטער באַגיסט די בלומען־טעפּ
מיטן בלוט פון קאָפּ;
צווייטער וואַשט די פאַראַדנע טרעפּ
מיט די גערערים אָפּ.

דריטער הענגט אויפן ערשטן שטאָק
און פאַרבט דעם זון־באַלקאָן,
פערטער פּוצט דעם טאַנץ־זאַל גלאָק,
פינפטער היט די פאָן — —

פריער האָט הונט געבולן און גאָר,
אָן נוץ אין שפּעטער שעה,
איצט אָבער ווייס שוין ריכטיק און קלאָר
יעדער זיין טואונג דאָ.

דאָס ליד וועגן ממזר אַלפרעד

I

איבער די גרויסע פעלדער פון ניו דזשוירזי, —
קייקלען זיך זודיקע ווינטן.
און אויף די פליגלען פון ווינטן נאָך זודיקער —
דאָס געיאָמער פונם ממזר אַלפרעד.

אָנגעלאָדענע פעלדער ליגן פאַנאַנדערגעשפרייטע,
מיט די בייכער אַרויף, וואַרטנדיקע, גרייטע;
דאָס וואַרטן זיי אויף אים — אויפן רעגן, —
און ער, דער רעגן, קומט ניט, קומט ניט.

אונטערן אָנגעגליטן הימל, אויפן קוקורוזע־פעלד,
מיט אַ לאַנגער בייטש אין האַנט שטייט דעדי בישאָף,
און קאַטעוועט דאָס לייב פונם ממזר אַלפרעד,
ווי מען קאַטעוועט אַ סנאָפּ מיטן דרעשער.

טאָמאַטן־פלאַנצן ווערן פאַרזונקען אין זאַמד,
אונגערקעס געליזיכטיקע מיט געשוואָלענע בייכלאַך
ליגן פאַרקייקלטע, פאַר׳חלש׳טע,
ביז די געשוואָלענע בייכלאַך פּלאַצן.

דער אַכטיאָריקער אַלפרעד דרייט זיך ווי אַ ווירבל,
טאַנצט ווי אַ הענדל אַ געשאָכטן ניט־דערשאָכטן,
און זיין איינציק געווער — דאָס קוויטשן, ווי אַ הינטל —
רייצט מערער נאָך אויף די געבליטן פון דעדי.

די בעבלאַך הענגען, ווי צעשפּאָלטענע אוירינגלאַך,
און ווילדע קראָפּעוועס פלעכטן זיך אין קאָלטענעס.
דעדי בישאָף — אַ דאַרער, אַ געלער,
מיט אַ האַלדז פון אַ גאַנז און אַ קנאָפּ אין דער מיטן, —
מיט אַ קין און מיט ליפּן, וואו קיינמאָל
איז קיין וואָנצעס און באָרד ניט געוואַקסן.

דער עפּלבוים שליידערט פון זיך אַלע עפּל.
דער הונט ליגט אין ביידל, דער קאָפּ צו די לאַפּעס,
מיט אַן אַרויסגעשטעקטן צונג, ווי פון תליה אַרונטער,
און סאָפּעט ווי אַ לעבעדיק בלאָזזאַק.

און זי — די בישאָפּיכע, אַ ברייטע צעגאָסענע,
מיט אַ האָריקן גוידער און פאַרטרויערטע אויגן,
זיצט אַ פאַרקראָכענע אין שאָטן פון עפּלבוים
און הערט ווי אין שלעפערניש דאָס געבריל פון איר אַלפרעד.

איבערן האַרץ פון די פעלדער, די דאָרשטיקע,
פליט אַ צעטראָגנס דאָס פערד, דאָס צעבונטעוועטע,
און נאָך אים, נאָכן פערד, די צעבלוטיקטע פיסלאָך
און ס'צעקאַטעוועט געוויין פון ממזר אַלפרעד.

II

אונטערן דאַך, אויף אַן איבערגעפוילטן שטרוי־זאַק,
ליגט אַ נאַקעטער דער ממזר אַלפרעד,
קוקט אַרויס דורכן צוגעמאַכטן שייבל
אויפן וואַלד אויפן נאַכטיקן,
און אויף דער לבנה, וואָס איז אויפגעגאַנגען.

דער געלער ריח פון שטרוי־זאַק קריכט אין האַלדז אַריין,
קריכנדיקער פון די ווערים אויף די קעפּלאַך קרויטן,
און אין די אויגן — ווי אַ צעשאָטענער גיפּטשטויב.

די לבנה הענגט אַקוראַט אַנטקעגן שייבל,
אַזאַ קלאָרע און ריינע, ווי די שלאָף־העמד
פונם איינגעלע דניאל פון דער אַנטקעגנדיקער שטוב.
— לאָז מיך דיך אָנטאָן אויף זיך, לבנה,
זיי מיין שלאָף־העמד, לבנה,
דעק מיך צו, לבנה, דעק מיך צו!

איבער זיינע פאָדערשטע צוויי אויסגעזעצטע ציין
הענגט די אויבערשטע ליפּ אַזוי ווי אין דער לופטן,

און די באַקן פאַלן קוים־קוים צו, ווי אין חלשות,
צו די האַרטע אָנגעשפּיצטע אויערן,
און פון איינגעשרומפּטן בויך, פון דער טיף פון געדערים,
קייקלען זיך און רייסן זיך פאַנאַנדער קראַמפּן פון הונגער.

אינם צווייטן צימער, א פּאָר טרעפּ אַרונטער,
אויף א קרעכצנדיקער בעט, א צעפּאָרענער,
אונטער א געבלומטער קאָלדרע,
ליגט דער לאַנגער, דאַרער טומטום בישאָף,
און מאָנט ליבע ביי דער גיידערדיקער בישאָפּיכע.

די לבנה הענגט אַקוראַט אַנטקעגן שייבל,
אַזאַ ווייסע, געשמאַקע, ווי דאָס ברויט מיט פּוטער,
וואָס דאָס אינגעלע דניאל האָט געגעסן אָוונט־צייט.
— לאָז מיך דיך פאַרזוכן, לבנה,
מאַך מיך זאַט, לבנה, מאַך מיך זאַט.

דער ממזר אַלפרעד ווייסט שוין דורך סימנים
און שפּירט פּאָרויס, מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן
דאָס געטומל אונטן פון דעדי און מאַ:
צי מיט נעזלעכער־שאָרך, צי מיט זעצעניש אין בויך,
מיט שימף־געבאָרכל און מיט טריט צו אים,
מיט גזלנ׳ישע טריט צו אים, צום ממזר.
— זאָל די מאַמע זיך ניט עקשנ׳ען, לבנה,
זאָל די מאַמע זיך ניט עקשנ׳ען.

די געלע פינצטערניש האָט מיטאַמאָל זיך דורכגעשטראַלט,
האָט דורכגעבראָכן דאָס שייבל, אַריינגעקראָכן,
מיטגענומען אַלפרעד׳ן און אַרויסגעשוואומען,
און אַוועקגעטראָגן זיך מיט אים צו דניאל׳ן,
אַריינגעלייגט זיך אין בעט מיט אים און צוגעדעקט.

דעדי בישאָף צערטלט דעם גיידער פון בישאָפּיכע,
צערטלט און קושט מיט זיינע יאָמערדיקע ליפּן,
און זי, די בישאָפּיכע, ליגט א קאַלטע ווי א פלאַכטע;
מיטאַמאָל שפּרינגט ער אויף און א זעץ אינם גיידער:
— א ממזר אין שטוב ביי מיר, א ממזר!

צוויי לאַנגע פּיס ברעכן די פינצטערניש,
צוויי דאַרע פּיס היפּערן צום בוידעם צו.
אַלפרעד כאַפּט זיך אויף ניט טויט, ניט לעבעדיק,
און קלאַפּט מיט די ציין אין אַנגסטיקן פיבער:
— ראַטעווע, לבנה, ראַטעווע!

III

די האַק איז לענגער פונם ממזר אַלפרעד׳ס האַנט,
די העלצער וואָס ער שפּאַלט זיינען לענגער פון דער האַק;
נאָר לענגער פון דער האַק, און פון דער האַנט און פונם האַלץ
איז אַלפרעד׳ס שאָטן אויף דער אָונטיקער ערד.

די שכנות׳דיקע וועלדער האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון באָדן,
אַ שפּרייט געטאָן זיך מיט מיליאָנענדיקע לאַפּעס
צו אַ כאַפּ טאָן פאַר די פּיס און נאָכדעם פאַרן האַלדז
אַלפרעד׳ס שאָטן אויף דער אָונטיקער ערד.

דער ברוין־שוואַרצער פויגל, וואָס אַלפרעד האָט באַגינען
אַרויסגעשלעפּט פון נעסט פאַרן שלאָפנדיקן קאָפּ,
ליגט אַ מידער, אַ קראַנקער, מיט איבערגעבראָכענע פליגל,
און קוקט אויף דער האַק פון דער אָונטיקער ערד.

אַלפרעד האָט געמאַטערט דעם ברוין־שוואַרצן פויגל,
אַלע וויילע פריי געלאָזט און אָנגעכאַפּט צוריק,
אַרומגעטאַנצט און געוואָיעט דורך די לעבערדיקע ציין,
געשפּרונגען ווי זיין שאָטן אויף דער אָונטיקער ערד.

די דאַרע הענט פאַרברעכן זיך אונטערן לאַסט פון האַק,
ווי די פליגל פון דעם גוסס׳ן ברוין־שוואַרצן פויגל;
די פליגל ליגן רואיק, און די הענט זיי פאָכן ווידער:
דעדי בישאָף קומט צו שפּאַנען אויף דער אָונטיקער ערד.

דעדי בישאָף קומט צום שוועל פון זיין כאַלופּע,
שטעלט זיך אָפּ, שטייט און קוקט אויף די שווייסן פונם ממזר,

גיט א שמייכל אזא, אז די שאָטנס פון די וועלדער
בלייבן ליגן ווי פאַרגליווערט אויף דער אָונטיקער ערד.

— „אוי, פאַרוואָס איז ער, דער פּאַ, ניט קיין ברוין־שוואַרצער פויגל,
אים פון נעסט אַרויסצושלעפּן פאַרן שלאָפנדיקן האַלדז?
אוי, פאַרוואָס איז ער, דער פּאַ, ניט קיין האַלץ שטיק פאַר א האַק?
נאָר א טומטום גאָר א געלער אויף דער אָונטיקער ערד. — —“

ס׳הינטל „פּרינץ“ שטייט און לויערט הינטער פּלייצע פון ממזר,
שטייט און פלאַקערט מיט די אויגן און פּיבערט מיטן רוקן.
נאָך א פלאַקער, נאָך א פּיבער, און באַלד וועלן א פּלי טאָן
די פּעדערן פון טויט אויף דער אָונטיקער ערד.

—„אז ער׳ט ווערן נאָר גרויס—אַלפּרעד (שפּאַלט האַק! שפּאַלט האַק!)
וועט ער — — — — יעזוס, אָ יעזוס, ווען וועט ער שוין אויסוואַקסן?“
פינצטערניש אין ביידע אויגן — (שפּאַלט האַק! שפּאַלט האַק!)
רויטע פינצטערניש אויף דער אָונטיקער ערד.

ס׳הינטל „פּרינץ“ האָט שוין אוועקגעכאַפּט דעם גוסס־פויגל,
אוועקגעקראָכן צום צעהאַקטן קוקורוזע־פעלד,
דאָרטן ליגט ער זיך א פּריידיקער, און כראָמשקעט שטיל
זיין זיסע סעודה אויף דער אָונטיקער ערד.

אַלע העלצער ליגן שוין צעשפּאָלטענע.
סעפּטעמבער־ווינט. קאַלטע האַק. (נאַכט. נאַכט!)
לבנה רוקט אַרויס א שפּיציק צונג. לבנה לעקט
דעם הונט׳ס שיריים אויף דער אָונטיקער ערד.

באַלאַדע

אויף דער נאַרע שלאָפט דער אַרעסטאַנט,
די לבנה שלאָפט אויף די גראַטן;
אַפילו דער שומר אויף דער מויערוואַנט
לאָזט זיך אויך פון שלאָף פאַרראַטן.

פון אַ גאַנצן טאָג הין־און־צוריקס
זיינע פיס ווי בלייערנע ווערן,
ער פאַלט צו צום באַיאָנעט פון ביקס
מיט ביידע פויסטן, מיטן שטערן.

גיט זיך אַ כאַפּ דער אַרעסטאַנט,
עפנט אויף זיינע ביידע ברעמען,
שטרעקט אויס צו דער לבנה אַ האַנט,
און די לבנה — זי לאָזט זיך נעמען.

פון דער גראַטע צום גענלענגער־זאַק,
און צו די קייטן, צו די רינגען,
און איבערן שטערן, איבערן באַק,
און דורכן האַלדז — זי לאָזט זיך שלינגען.

מיט לבנה־ווייַן גיסן זיך אָן
דעם אַרעסטאַנט׳ס אַלע גלידער,
ביז עס פאַרהאַקט זיך צאָן צו צאָן
זיין מויל, און ער שלאָפט איין ווידער.

אַז דער מאָרגן גלאָק קלינגט
און אַלע — אויף, איבער שוועלן, שטיגן,
דוכט זיך אים נאָך אַלץ, אַז ער ליגט און טרינקט,
און ער בלייבט שוין אַזוי אויף אייביק ליגן.

נעגערשעם

I

איך ווייס, נעגערס, כ׳וועל גאָרנישט ענדערן אין אייך,
נישט פון דער נאָענט און נישט פון דערווייטן;
מיר וועלן נישט ווערן איינס, נישט ווערן גלייך,
און אונזערע הויטן וועלן זיך נישט בייטן.

אייערע ליפּן וועלן נישט ווערן דין,
און מיינע וועלן נישט ווערן געשוואָלן;
און פּאָר א רגע בענקשאַפט נאָך ווייסער זינד
וועט איר נאָך אַלץ מיט גאַסן־טויט באַצאָלן.

אָ, איר וואָלט באַדאַרפט מיט בייזן שפּאָט
מיך אַרומרינגלען און מיינע רייד פאַרקייכן, —
ווען איך קום צווישן אייך מיט נייגעריקן טראָט,
ווי כלומר׳שט א גלייכער צו א גלייכן.

ווען איך קום מיט אָפנקייט, מיט וידוי ליד
אונטער א הימל, וואָס קען זיך נישט פאַרשליסן;
אַנטקעגן דאָס געוויין פון אייער הויט און גליד —
איז לעכערלאַך דאָס געוויין פון מיין געוויסן.

אונטער אייערע פענצטער שטיי איך, צו אייער שוועל
איך לאָז זיך שטרויכלען איבער טרעפּלאַך דאַרע;
אָ, איך בעט רחמים פאַר דער שטאַרבנדיקער זעל
פון אייער נאַכטיקער איבערגעפּייניקטער גיטאַרע.

דוכט זיך, — וואָס? — איך בין אַן איבערגעפּייניקטער אַליין,
אַנ׳אויפגעהאַנגענער, ווי איר, אויף שטריק פון ראַסע;
מיין אויסזען אָבער איז פאַר אייך נישט ווייניקער געמיין,
ווי דאָס אויסזען פון א יעדן פון א לינטשער מאַסע.

זאָל זיין דאָס וואָרט אונזער אויסקויפנדיקער פריינט,
און אונז פאַרברידערן, אונז — לעצטע און באַהערשטע;
און באַזינגען חבר׳שאַפט צווישן מחנות פיינט
מיין אידיש ליד זאָל איינע זיין פון ערשטע.

II

ווייסע לבנה

מיר'ן ארויסגיין מיט מעסערס, נעגערס,
איבער אַלע גאַסן אָפּן,
און דערהיטן די שפּעטע הגע'ס
ווען די ווייסע לבנה גייט שלאָפֿן.

און מיר'ן געבן א שניט אַ שאַרפֿן,
אַ רים טאָן די לבנה און פֿאַרכאַפּן;
אַ חוץ אונז ווער אַנדערש קען דאַרפֿן
דאָס חיות פֿון ווייסקייט צו זאַפּן.

די בעסטיעס די בלאָנדע שוין וועלקן,
און קוים אויף אַלע פֿיר זיי קריכן
צו די בריסט פֿון דער לבנה צו מעלקן
אַביסל ווייס פֿאַר צוטריקנטע פֿליכן.

און מיר האָבן ציין ווי ביים טיגער,
און ליפּן ווי זויגיקער שוואָמען,
און מיר וואָיען און דזשיגען צום זיגער,
וואָס מיר טראָגן אין אונזערע זאָמען.

מיר'ן ארויסגיין מיט מעסערס, נעגערס,
און גיין ביז דער לעצטער סכנה,
און דערהיטן די שפּעטע הגע'ס
צו פֿאַרכאַפּן די ווייסע לבנה.

III

לינטש

פון פרי ביז שפעט,
אין שיין פון שטראַלן,
אַ ווייסער סקעלעט
טאַנצט איבער זאַלן.

ער קנאַקט מיט די ציין,
ער קנאַקט מיט די באַקן: —
ער איז גאָט אַליין,
ווערט ניט מיד פון קנאַקן.

ער טראָגט אַ קרוין
פון זיבן הערנער, —
ער איז ווייסער ביין —
אַ „סאַוטערנער“.

און ס׳איז קיין נייס
איבער וועלט׳ס פיר עקן:
ווער עס איז ניט ווייס
דאַרף זיין פּיאַטע לעקן — — — —

פון פרי ביז שפעט
אין נאַכט פון שטאַלן,
אַ שוואַרצער סקעלעט
האַלט אין איין פאַלן.

דאָס מיינט: ער טוט
צום האַר זיך רוקן,
אין איין מינוט
זיך צען מאָל בוקן.

ער קנאַקט מיט די ציין
איבער וועלט׳ס פיר עקן,
ער לערנט זיין ביין
אַ ווייסן ביין לעקן.

ער טאַנצט נאָך צו
דערביי אַ דזשיגע. —
— העי, שנעלער, דו,
פאַרדאַמטער נעגער.

דער ווייסער גאָט
איז אומגעדולדיק,
זיין וואָרט — געבאָט,
זיין „העי" מיינט: שולדיק.

פאַרוואָס — פאַרוועןְ?
ניט פרעגן ווייטער.
אָט אַזוי — און שוין.
עס ברענט אַ שייטער.

אַ שייטער ברענט
און שייטלאַך קנאַקן,
און טויטע הענט
אַ טויטן באַקן.

דער שוואַרצער סקעלעט
פאַלט ניט צוזאַמען,
ביז נאַכט ביז שפּעט
ער דזשיגעט אין פלאַמען.

IV

אייניקל פון אָנקל תּם

שוואַרצער פּופּיק, שוואַרצער בויך,
זופּ די טויטע גרינע יויך
פון דער ווייסער שיסל —
און דערנאָך ביים גענלן גאַז
לאָז זיך אין אַ רויטן דזשאַז
מיט דיין פלינקן פיסל.

שטעק די ראָזע צונג אַרויס,
קער די אויגן־דעקלאַך אויס,
האָרבע אויף די שולטער;
גיב אַ טרייסל ווענט און דאַך
פון דיין הייזקע — קראַך און קראַך —
אָט די קבורה־מולטער.

אַלץ דאַרף איינפאַלן סיי־ווי —
חורבן ליגט אין טראַכט פון מי —
מי דורך גוואַלד און מאַטער;
קללה הויערט אויף דיין שטאַל,
און נאָך מערער — אויפן זאַל
פון דיין האַר־פּלאַנטאַטאָר.

אָט אַ שלעפּט זיך אָנקל תּם
פרום און שטיל צום שייטער פלאַם
און — אַריין אין שייטער;
אָנקל תּם. — און אָנקל סעם
פון אַ ספּאָרטמאַן האָט אַ שם,
ריגלי גומי קייט ער.

אייניקל פון אָנקל תּם,
זופּ זיך אָן מיט גרינעם סם
פון דעם ווייסן צעבער, —
און — אַ האָפּ, און נאָך אַ האָפּ,
און אין האַנט — דעם זיידנס קאָפּ
און זיין לונג־און־לעבער.

האַליוואָוד

מאַראַנצן רייסן אויף זיך די גאָלדענע הויט,
בלומען שרייען אין נאַכטיקן גליווער,
און פינצטערניש גראָבט און פינצטערניש בויט
פּאַלאַצן און טורעמס צום גאָט א ב י ו ו ע ר.

כ׳וואָלט אויך נאַר ישמייכל און זון געוואָלט זען
ווי יעטווידער מיינט אַז ער זעט און איז גליקלאַך;
אָבער כ׳פיל אומעטום די פינגער די צען,
פון דעם, וואָס ציט די זון אויף שטריקלאַך.

פון דעם, וואָס טאַנצט מיט גלעקל און מיץ
אויף וואָדעוויל־ברעטער אין פאַרב און פודרע, —
ער שאַלט ווי אַ דונער, ער רייט אויף אַ בליץ
און וויינט דאָס געוויין פון אַ לעצטן לאַכודרע.

דער האָליוואָוד גאָט האָט אַלצדינג פאַרשמאַכט
און ס׳לאַנד פאַרגרילצט מיט ווערטער לערע;
ער שטייט און וויגט, ער שטייט און פאָכט
מיט טויטע פאַלמען איבער פיקפאָרד מערי.

און אמת׳ער גאָרטן, און פרוכט־בוים און גאַרב,
געבוירגענע רוקנס אין פייער פון פראַצע —
דאָס אַלץ איז ניט מער ווי אַ הינטערגרונט־פאַרב —
פאַר דאָגלאַס פעירבענקס אַ דעקאָראַציע.

פּאַלאַצן הוליען, דער וואוילטאָג שטייגט,
און וויינטן ברעכן געלאָדענע צווייגן,
אויף בערג ליגט שניי, און מדבר שווייגט,
און קאַקטוס שטעכט דאָס האַרץ פון שווייגן.

ווי - פּור - וויל *)

דער טאָג איז אוועק
און דער וואַלדיקער אָוונט קומט אָן.
די בוימער שפּיצן אָן זייערע צווייגן
אין דער געדיכטער שטילקייט צו אַריינשטעכן זיך.

נאַכט. אָנהייב נאַכט ערשט —
און שוין איז דאָס שטעגל צום וואַלד ניט צו זען מיט די אויגן.
די פּיס מיינע קריכן אין ווילדערניש,
און מיינע לונגען אָטעמען קעלט.
פון עטלאַכע ערטער מיטאַמאָל,
צי אַ וויג־ליד אַזאַ, צום פאַרשלעפערן,
צי אַ קלאָג־ליד אַזאַ, צום דערשרעקן,
דערטראָגט זיך דאָס קול:
ווי—פּור—וויל. —
וואָס מיינט וויפּורוויל?
דאָס פרעגט מיך דער וואַלד, ווער איך בין. — — —
— איך בין דיינער.
איך בין וואַלד מענטש.
כאַטש די פּיס מיינע ציהען צוריק
צום שטוב מיטן ליכטיקן פענצטער.
אין שטוב, אין וואַלד־שטוב,
טוט זיך אוים, לייגט זיך שלאָפן מיין אינגעלע,
מיין פרוי, לעבן אים, העלפט אים אויסטאָן זיך.
שוין.
פאַרלאָשן דאָס ליכטיקע פענצטער.

ווי—פּור—וויל.

אַלע מיר,
מאַן און פרוי,
פרוי און קינד —
וואַלד אין אונז.

---

*) אָוונט־געשריי פון אַ פויגל מיטן זעלבן נאָמען.

שלאַנג אין אונז.
קלאַפּער־קלאַפּער,
קלאַפּער־שלאַנג
אין אונז.
מיינע הענט ווילן אַרומנעמען יעדן בוים,
מיינע ליפּן ווילן צופאַלן צו יעדן גראָז,
מיין קאָפּ וויל אַנידערלייגן זיך אויף יעדן שטיין.
פון דער טיפעניש פון מיין לייב ציט זיך מיין בענקשאַפט צו דיר,
ערד.
ציט זיך ווי אַ וואָרצל צו אַריינגראָבן זיך אין דיר,
ערד,
צו פאַנאַנדערלאָזן קלאַמערן, און נעגל, און עגבערס אין דיר,
ערד,
פאַר דיר קען איך אָפן זיין, ערד,
ניט שעמען זיך פאַר דיר, וואַלד,
צו זאָגן:
איך בין דאָרשטיק.
איך בין הונגעריק.
איך בין שלעכט.
איך בין תאווה'דיק.
מיינע ליפּן, מיינע פאַרשלאָסענע,
רייסן זיך פאַנאַנדער, ווי ביים טיגער,
און מיט ציין און מיט נעגל
וואַרף איך זיך אַרויף אויף גאָט, אויף מיין באַשעפער,
און איך שטעך אים דורך זיין האַרץ. — — —

הינטער מיר — פערציק יאָר.
וואָס האָט ניט געטאָן זיך שוין פאַר די פערציק יאָר!
אויסרעכענען?
דיר איז דאָך אַלץ איינס, וואַלד,
דעם באַשעפער מיינעם, גאָט, איז דאָך אויך אַלץ איינס.
סיידן צוליבן אינגעלע, צוליב מיינעם, —
סיידן גיין און אויפוועקן אים פון שלאָף פון זיינעם,
און זאָגן צו אים —
וואָס זאָגן צו אים? — — — —

ווי—פּור—וויל.
וואָס מיינט דאָס? דאָס מיינט: איך בין רואיק צוריק. איך בין שטיל.

נאָך גוט, וואָס אַ מאָרגן איז דאָ, און אין שוים פונם מאָרגן
ליגן אָנגעגרייט טואוננגען נייע, און אוצרות מיט ווערטער מיט פרישע,
און שמייכלען און בליקן צו קענען פאַרגיטיקן, ענדערן,
און אָנברענגען פרייד און געטרייקייט און ליבשאַפט און טרייסטונג,
און אויסגלייכן קנייטשן, און ברוגז׳ע ליפּן דערקוויקן.

נאָך גוט, וואָס אַ מאָרגן איז דאָ. ווייל — ווי איז ווען, פּלוצלונג,
איך גיב זיך אַ בראָך און אַ פאַל צו דער ערד, און נעם שטאַרבן,
אין וואַלד, און אַליין, און ס׳איז קיינער נישטאָ ווער ס׳זאָל הערן
מיינע אַנדערע רייד, מיינע לעצטע . . . און איינגעלע שלאָפט,
און ווייב איז אין שטוב. און זיי ווייסן ניט. גאָרניט.
און וואַלד שליסט מיך איין,
און נאַכט דעקט מיך צו. און פאַרפאַלן. און אַלץ בלייבט ביים אַלטן.
— אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלייפעדער! בוימער, צו אייך מיין געבעט,
צעוויגט זיך, צעשרייט זיך, גיט איבער מיין אייגענעם אויסגעשריי:
אַ שטיקל פּאַפּיר און אַ בלייפעדער. — —
שטיל און פאַרטאַיעט דער וואַלד.

ווי־פּור־וויל. — —
אַ צווייטער, אַ נייער געשריי — — —

אַט קומט אָן דאָס לעבן אַנטקעגן פון וואָר און פון חלום.
איך שטרעק אויס די הענט צו באַגעגענען אַלע געשטאַלטן,
וואָס קומען אַ וואָרט פון מיר הערן, צי מיך מיט אַ וואָרט דערפרייען.
אַט קומען אַנטקעגן די אָרימע העלדן פון דער דראַמע „שאָפּ“,
וואָס כ׳האָלט ערשט אין אויסטראַכטן, אויפשטעלן.
אַט קומען זיי אָן אין אַ גרויען און פריען באַגינען.
אַט קלאַפּן זיי אָפּ אויפן זייגער די קאַרטן.
אַט טאַנצן שוין אויף די מאַשינען.
אַט שפּרינגען זיי אויף מיט די רוקנס, מיט שפּיציקע רוקנס.
אָפּרייטערס און קאַטערס, און פּרעסער און פינישער.
און אָט איז אַ באָס. אַ דינער, אַ הויכער, אַ קאַלטער.
אַ שטריינגער געשעפטסמאַן, מיט אויגן וואָס צאַמען, באַהערשן;
און אָט איז אַ צווייטער,

וואָס דרייט זיך אין בראַך פון אַ קראַנקן געוויסן.
און אָט איז אַ מויד אַ פּאַרזעסענע, אַן אַלטע אַפּרייטערין.
אָט קומט זי. אָט גייען איר נאָך ווי צעהויקערטע גענז, ווי געהינקטע,
צערייצטע, צעריסענע יאָרן אָן גליק און אָן ליבשאַפט.
צעשטאָכענע שטיקער געווייגען — צעבראָכענע נאָדלען . . .
איך זע ווי איר לעבן גייט דורך ווי אַ שניט ווי אַ רויטער,
דורך אַלע פאַרשווינען און האַנדלונגען . . . אַ, ווי מיר ווילט זיך
דערגרונטעוועןן אַרימסטן טרויער און אָרימסטן לעבן,
און זינען אַנטפּלעקן — — —
און אָט איז דאָס ליכט, וואָס גייט אויף איבער אַלעמען, אַלעמען,
דורך טויט און פּאַראַט, דורך ליבשאַפט, דורך קרבן. — —

— ווער ביסטו, אַ פרעמדער, וואָס קומט מיר אַנטקעגן
מיט טריט מיט געמאָסטענע, רואיקע, שטאָלצע,
און אָטעמט אויף מיר מיטן אָטעם פון קרבן? —
איך וויים, איך וויים. איך דערקען דיך.
כ'האָב היינט ערשט געלייענט ס'געזאַנג וועגן דיר, שלמה מולכו.
געזאַנג פון חבר לעיעלעס. — — פייער און שייטער.
„און ווער עס פאַרמאָגט בלויז לעבן, זאָל אָפּגעבן ס'לעבן מיט שמחה—
„אויף פייער פון שייטער, אויף ברען און אויף רייניקונג“ —
פאַרשעמט און פאַרשטילט ווערט דאָס האַרץ ווען מען טראַכט וועגן אַלע
וואָס האָבן געטראָגן מיט שמחה דאָס לעבן צו תליה. צו רייניקונג,
צי מולכו — — צי לעקערט — — צי ברענער — — —
צי ערגעץ אַ נעגער. — —

איך הער ניט קיין טריט מער. וועלן קומען באַלד אַנדערע.
עס ציט זיך דאָס האַלדז פון געהאַנגענעם,
עס וואַרפט זיך דער גוף פון פאַרברענטן. —
עס ברעכן זיך צווייגן,
עס טראָגן זיך בלעטער אין שטורעם־ווינט,
שטורעם־ווינט — אָוונט־געשריי,
שטורעם־ווינט — פייגל־געשריי, —
ווי —
פור —
וויל.

שמיד

שמיד מיטן האַמער,
שמיד קייטן, שמיד;
צו דער קאַטאָרגע־קאַמער
זיינען נאָך פריש מיינע טריט.

אין איינעם פון שופלאָדן
ליגט נאָך גאַנץ מיין כאַלאַט,
וואָס איך האַלט לפּקדון
פאַר אַ נייעם נע ונד.

הירש לעקערט

דער לבנה׳ס פּנים היינט איז גרויס און רויט,
און דאָס שיפּל אונטער מיינע וועסלעס איז געהאָרכזאַם, בויגיק;
אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן לעקערט׳ס טויט,
איז די לבנה באַזונדערס היינט פול־פּנים׳דיק, אויגיק.

פאַרגאַנגענע יאָרן, ווי די וואַלדיקע ווענט,
אַ שווייגעניש וואַרפן זיי אויף מיין האַלדז און פּאַרציעך;
אַ גאַנצן טאָג האָב איך געטראַכט וועגן לעקערט׳ס הענט,
וואָס האָבן אַליין אויף זיך אַרויפגעוואָרפן די תליה.

אַזוי האָב איך באַטאָג געזונגען וועגן דעם:
— „אָ, איך ווייס ניט ווען, נאָר איך ווייס, אַז ס׳וועט קומען
אַ שעה אַזאַ, וואָס וועט זאָגן צו יעדן איינעם: נעם
אַזאַ באַגינען זיך, ווי לעקערט האָט גענומען . . .“

וויגט זיך, וועסלעס מיינע, אַהין און צוריק,
הייסע ווינטן איילן נאָכט צו ברענגען;
זינג נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל צו דער הייליקער שטריק,
און צום האַלדז, וואָס בענקט, וואָס רייסט זיך הענגען.

סאַקאָ און וואַנזעטי'ס מיטוואָך

באָסטאָן, מעס.
צענטער אויגוסט, —
נסיסה מעת לעת.
טאָג אַוועק,
און נאַכט קומט אָן.
נאַכט קומט אָן און בייסט אַריין
אַנ'ערשטן צאָן
אין דער אויפגעגאַנגענער לבנה.

באָסטאָן, מעס.
מיטוואָך.
סאַקאָ און וואַנזעטי'ס מיטוואָך.

איבער די ביינדלאַך
פון שרייבמאַשינקע —
טאַנצט אַ מיידל
מיט פינגער פלינקע —
קלאַפּט שיין,
קלאַפּט ריין.
משפט. פונקט.
גזר. פונקט.
ט—ו—י—ט.

(זיבן יאָר שוין
נאָכאַנאַנד,
עסט סאַקאָ,
עסט וואַנזעטי
אנשטאָט ברויט —
טויט.)

און הינטערן שטול
פון טויטן קאַמער,
שטייט שוין גרייט,
ניט ווי אַמאָל מיט מאַסקן־פּנים,

ניט ווי אַמאָל מיט שטריק און האַמער,
נאָר פֿאַרפּוצט — אַ פֿראַנט —
מיט אַ מאַנוקירטער, ווי אַ מיידל'ס, האַנט —
אין קעשענע אַ זייגער און אַ פֿאָונטן־פּען, —
שטייט און וואַרט דער תּליון־דזשענטלמען.

(זיבן יאָר שוין
נאָכאַנאַנד,
זייט אַ טאַנצנדיקע
האַנט
אַנשטאָט ברויט —
טויט.)

איך ווייס, איר וועט ניט דערהערן מיין קול,
אָבער איך מוז אים לאָזן הערן;
איך ווייס אויך, אַז אין היינטיקער צייט
איז אומזיסט צו שרייען דעם אַלטן געשריי:
„אוי וויי,
„אייער האַרץ איז האַרטער פֿון שטאָל,
„און פֿון קופּער אייער שטערן" —
היינט דאַרף מען ריידן מיט אַ לשון אַ פּראָסטן,
מיט אַן אַנדער פֿייער:
— מאַסאַטשוזעטס, באָסטאָן, —
די גאַנצע וועלט שרייט: עס וועט אייך קאָסטן
טייער, טייער.

וויקל זיך אין דיין מאַנטל, ריכטער,
פֿאַרדעק זיך מיט דיין יחוס־היטל, פּראָפֿעסאָר,
שמייכל צו דיין מאַכט, גובערנאַטאָר; —
היינט זייט איר די איינציקע דריי ניכטער
אין דער נאַכט דער אָנגעטרונקענער מיט גסיסה,
אין די שעה'ן, ווען אַפֿילו תּפֿיסה שלעסער
שרייען: הינריכטער, שטעלט אָפּ די מיתה.
נאָר באָסטאָן ענטפֿערט:
ש ט אַ ר ב ן.
באָסטאָן פֿאַרלאָזט זיך אויפֿן שטאָלצן היטל

מיט אזויפיל שפיצן, מיט אזויפיל טיטל,
און היטל וויל ניט אנדערש נאָר דעם שארבן.
און אונטערן טיטל — קאַלטער גוואַלד,
און קברים ערד — האָרבן;
הארץ פון דער וועלט בעט זיך ווי דער הונט,
קלאַפּט אין טיר, נאָר ארייננאַנג איז פארבאָטן;
באָסטאָן וויל דעם גאַנצן קרבן,
פון קרבנ׳ס פלייש דעם גאַנצן פונט. —

סאַקאָ און וואַנזעטי
זיינען גרינע; —
שרייט, דזשאַנסאָנס,
מיט געלער שנאה.
סאַקאָ און וואַנזעטי
זיינען איטאַליענער; —
שרייט אַלע,
נאָרדיק־מענער;
און וועלט שרייט:
— פאַראייניקטע שטאַטן,
באָסטאָן וועט פראַווען
אַ מאָלצייט אַ זאַטן,
באָסטאָן וועט עסן
אין נאַכט שעה׳ן שפּעטע
געבראָטן פלייש
פון סאַקאָ און וואַנזעטי.

ניין אזייגער. צען אזייגער.
נאָך שעה׳ן צוויי אין קאָן;
די נאַכט בייסט אריין
אַ צווייטן צאָן
אין דעם לייב פון דער לבנה.

לבנה, לבנה.
ניטאָ זיך צו וועמען צו ווענדן —
ווענד איך זיך צו דיר, לבנה, —
לאָז זיך אין פערטל צעשניידן,

אפשר דורך דעם
וועסטו דעם גזר פארמיידן ;
לבנה, לבנה,
צעשיט זיך ווי א רעגן
איבער באסטאן, מעס.
אפשר וועסטו דאס הארץ באוועגן
צו רחמים, צו נס.
לבנה, לבנה,
ווי פאררעטעריש שנעל עס לויפן די שעה׳ן
פון מיטוואך דעם צענטן ;
און דער מענטש קען גארנישט טאן היינט,
סיידן פאלן אויף אלע פיר און וואיען
אויפן אייגענעם בראך אויפן דערקענטן. —
אין אלע טירן זיך געריסן,
אלע טרעפ געביסן,
געקנייטשט זיך אויף אלע שוועלן.
א קלונג נאך א קלונג נאך א קלונג
אין די גלעקלאך פון גרעסטן און קלענסטן האר,
און —

מענטש —
ליגן געבליבן מיט ארויסגעשטעקטער צונג
אין פארלאזטן און וויסטן צער.

צען אזייגער. עלף אזייגער.
א שעה נאך איינע אין קאן.
די נאכט בייסט אריין
א דריטן צאן
אין דעם לייב פון דער לבנה.
און צו מיינע נאזלעכער
דערטראגט א ריח זיך
פון הויט פון אפגעסמאליעטן,
פארברענטן.

(תליון־דזשענטלמען
נעמט ארויס
זיין פאונטן־פען,

און פארשרייבט
אין ביכעלע
א דאטום
נאכן צענטן.
און נאכדעם
טרינקט ער קאווע,
און זינגט זיך אונטער:
— א אמעריקע,
לאנד פון פרייע
לאנד פון בראווע —)

לבנה, לבנה,
וואס טוט איצט אין תפיסה דער וואָרדן?
די לבנה ענטפערט: סכנה, סכנה,
דער עלעקטרישער שטול וועט דערמאָרדן.
זאָג איך:
פאָנען אויף סקווערן,
אַרבעטער צאָרן,
סטרייקס. פלאַקאַטן.
בונט געשרייען,
און — גאָרנישט — ?
ניט זיי דערהערן,
ניט זיי פאַרשטייען
גאָרנישט — ?
יענע, יענע, יענע הערן
פון באָסטאָן, מעס.
די קלוגע, די געוועלטיקער, די לאָרדן — ?
ענטפערט די לבנה: יעס, יעס, יעס,
דער עלעקטרישער שטול וועט דערמאָרדן.

עלף אזייגער. צוועלף אזייגער.
שוין גאָרנישט מער אין קאָן,
און מענטש קען מער שוין גאָרנישט, גאָרנישט טאָן,
זיין אייגענער קול האט זיך דערוואָרגן;
די לבנה איז שוין אויך ניטאָ, ניטאָ, ניטאָ.
זי ליגט אַנ׳אויסגעלאָשענע, א פארברענטע
אויפן שטול אויפן עלעקטרישן פון פרימאָרגן.

ניו יאָרק

ניו יאָרק, ניו יאָרק, וויפיל מאָל אויף דיינע גאַסן
האָב איך געזוכט ניי אָנהאַלט, געהיט דאָס געזיכט
פון פאַרביקן המון — אויפגייענדיקע מאַסן,
און אויף זיך געקוקט ווי אויף אַ געשטעלטן צום געריכט.

וואָס איז מיין שולד און וואָס איז מיין פאַרברעכן?
און ווער איז דער ריכטער און וואָס איז די שטראָף?
אַ פּנים שולדיק איז דער, וואָס וויל זיין לעבן ניט ברעכן,
און ציטערט איבער זיין אָנהייב מער ווי איבער זיין סוף.

טראַכט איך: איך בין ערגער פון אַלע, כאָטש איך וויל זיין בעסער,
אונטער מיין לעבן וואַקלט זיך דער יסוד. —
פאַרמאַכטע טירן האָב איך פאַרהאַקט מיט נאָך מער שלעסער,
און נייע היים איז אַלץ נאָך אַ בייזער סוד.

פאַלט אויף מיר אָן אַמאָל אַ פרירנדיקער ציטער,
און איך רינגל זיך אַרום מיט זיך ווי מיט שטעכיק דראָט,
און איך ווייס איך וועל דערפאַר באַצאָלן ביטער,
ווייל ס׳איז דאָ אַ מאָנער, איך הער זיין אָנקומענדיקן טראָט.

צו די טויערן פון סקווערן נענטערט זיך דער קעפּער,
גרייט צו קעפּן פאַר יעדער דערמאָנטער שולד,
ער האָט זיך געהאָדעוועט אין קעלערס, אין פאַבריקן, אין שעפּער,
און געשאַרפט זיין האַס אויפן שאַרפשטיין פון געדולד.

אַמעריקע, נייע היים — דיך צו דערקענען
שטרעק איך זיך אויס מיט מיין גוף איבער דער לענגסטער גאַס,
ביז מיין קלייד און מיין לייב הייבן אָן צו ברענען
מיט דיין בלוטיקן פייער פון ראַסע און קלאַס.

ראָד פון לאַסטוואָגן

די ראָד פון א לאַסטוואָגן נעמט און דער׳הרג׳עט דאָס קינד,
און לאָזט איבער מיט לײדיקן דער מאַמע׳ס צװײ הענט;
דער מאַמע׳ס פּנים נעמט און װערט צעקרימט,
און אירע אַקסלען נעמען און שאַרן זיך אַװעק בײ װענט.

בית עולם. גרוב. פּאַרטאַיעטער געװײן,
די ברײטע לאָפּעטע פאַרשיט דאָס גרוב.
מען קערט אַװעק דאָס געזיכט און מען לאָזט זיך גײן, —
מען גײט, מען פאָרט — ביז מען קומט צוריק אין שטוב.

אַז מען קומט אין שטוב — איז דאָך אודאי גוט,
מען דאַרף לאָזן אָפּרוען דעם מידן גוף, —
נעמט מען און מען לײגט זיך, נעמט מען און מען רוט,
און מיטן אויפגאַנג פון טאָג הײבט מען װידער זיך אויף.

מען טוט אָן די קלײדער, מען װאַשט זיך אײן.
מען אײלט צו דער אַרבעט — א ביס, א כאַפּ;
סאָבװײ, על, — דרײַאונצװאַנציק, נײן —
צו דער מינוט, צו דער רגע — בײם מאַשין אין שאַפּ.

שנײדמעסער. פּרעס. נאָדל. שטעפּ.
אָפּיס. שױפּענצטער, מאָדיש, פאַסאָן, —
נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל א שניט, א שלעפּ —
נאָכאַמאָל א ראָד פון א לאַסטװאָגן קומט אָן.

נאָכאַמאָל דער ברוק ליגט פאַרגאָסן מיט בלוט,
צװײ לײדיקע הענט באָמבלען װידער זיך אַרום;
נאָכאַמאָל דער קברים־גרעבער זײן מלאכה טוט,
און נאָכאַמאָל א פּנים װערט אויף אײביק קרום.

ניט באַוואונדערן

ניט באַוואונדערן, ניט צערטלען
אין פרייד אין אויסגעצערטער
פאַרוויגנדיקע ווערטער, —
נאָר האַמערן — שפּליטערן, פערטלען.

און וואָרטבּרוך און שפּליטער
זאָל וואונדיקן, וואונדיקן; —
און האָניק פון זיך זעלבּסט באַוואונדערונג
זאָל אויפשוימען ביטער.

און ליפּן וואָס פּליסטערן פּליסטער,
בלייבּן הענגען געשוואָלן
אין פיבּער פון איין ווידערהאָלן
דעם טרויער פון גויט פון פאַרזיסטער.

דאָס לעבּן איז האַרביק און מאָכיק,
און אונטער די האַרביקע מאָכן
שוין בעסער צו זיצן פאַרקראָכן
און שווייגן פאַרגליווערט און קנאָכיק.

נאָר איינמאָל דאָס שווייגן צעבּראָכן, —
ניטאָ קיין צוריקקער;
אויף וואָרטבּרוך, אויף שטיקער
טאַנצט שטאַרקער צעשטורעמטע קנאָכן.

סאָבוויי-באַגינען

אין געדראַנג פון נאָך ניט אויפגעוואַכטע גופן,
אין פאַרקלאַמערונג פון קניען און פון עלנבויגנס,
אין יאָגעניש צו שעפער, צו פאַבריקן,
ווערט געבאָרן דאָס באַגינענדיקע פאַרגעזאַנג,
פאַרגעזאַנג פון שווייגנדיקן אומגעדולד,
פון קומענדיקער מי,
פון טעמפן קלאַנג פון ניט אויסגערוטע אברים. — — — —
יאָג, יאָג, באַן.
וואוהין?
וועמענס?
דער צופעליקסטער — ניט קיין צופעליקער.
גוף צו גוף.
מאַן — צו פרוי.
פרוי — צו מאַן.
גוף — וואָס פרעמדער,
גוף — וואָס קעלטער,
גוף וואָס שטייפער —
נענטער, נענטער,
אויפגעוואַכטער,
אויפגעשטרעקטער.
עלנבויגנס — אין דער טיפעניש פון ברוסטן,
אין פאַר'עקשנ'קייט פון פלייצעס.
אויג — וואָס בייזער,
אויג — וואָס שאַרפער,
אויג — וואָס טיפער
זע דיין שוואַרצאַפּל דיין אייגענעם,
זע דיין זעאונג
אין דער זעאונג פון דיין שכנ'ס אויג אַנטקעגן,
אינם ליכט פון שוואַרץ באַגינען.
איך — און שכן.
איך — אין שכן.
איך — בין שכן.
גוף — וואָס פרעמדער,
צו נאָך נענטער;

גוף — וואָס קעלטער,
צו נאָך הייסער;
יעדנס לייב — אַן אויפרייץ,
יעדנס מויל — אַן אויפרייס.
אָטעם — שנאה,
גיב אַ שטראָם, פאַרפלייץ
דעם אַנטקעגנדיקן נאַקן,
גיב אַ דריי זיך, שלאַנג,
אַרום אַנטקעגנדיקן האַלדז;
אָטעם — ווער אויסגעשריי,
ווער אַ ו י ס ג ע ז ו נ ג ע ן ו ו אָ ר ט, —
זינג איבער אַלעמענס קעפּ:
ו ו ע ר?
ו ו ע ר —
האָט אַרויסגעשלעפּט פון די וואַרימע בעטן,
האָט צונויפגעבראַכט אַהער
אין צעיאָגטער פינצטערניש פון היילן —
אונז
אַלעמען?
ווער?
די ליבשאַפט?
די שנאה?
די נויט?
די ליבשאַפט, די שנאה, די נויט
אין בונד געשלאָסן;
ליבשאַפט — אין שנאה,
ליבשאַפט און שנאה — אין נויט.
בונד געשלאָסענער,
בונד געבונדענער
אין צעיאָגטע פינצטערנישן פון היילן פון פאַרטאָגיקע.

דאָס הייליקע ליד וועגן הייליקן קרעמער

פאַרלאָזן די הייליקע קראָם,
געשטאָרבן דער הייליקער קרעמער,
עס שימלט דער הייליקער שוואם,
עס זשאַווערט דער הייליקער עמער.

עס וויינען אין הייליקן זאַפּט
די הייליקע הערינג, טאַראַנען,
און ניוועץ דער הייליקער נאַפט
רינט אויס פון די הייליקע קראַנען.

און דאָס הייליקע צינגל
פון דער הייליקער וואָג —
וויי, וויי, וויי,
שלומערט באַנאַכט
און שלומערט באַטאָג —
וויי, וויי, וויי.

דורך לעכער פון הייליקן דיל
אויף הייליקע טעלער און טאַצן,
א הייליקן גייען קאַדריל
די פיסלאַך פון הייליקע ראַצן.

דער הייליקער ראַצן־קאַדריל
הילכט אָפּ ביזן הייליקן בוידים;
מיטאַמאָל אין א הייליקער שטיל —
רייד הייליקע — רייד פון הספדים:

אָ, דער הייליקער קונה
פון דער הייליקער וועלט —
וויי, וויי, וויי.
וועט ניט האָבן וואו אויסברענגען
ס׳הייליקע געלט —
וויי, וויי, וויי.

עס שוועבט אויפן הייליקן טאָג
דעם אויבערשטנ׳ס הייליקע שליטה;
אין טרויער פון הייליקער קלאָג
באַגלייט ווערט די הייליקע מטה.

די הייליקע פּושקע קלאַפּט צו
אין הייליקן טאַקט פון געיאָמער —
מען פירט צו דער הייליקער רו
דעם גוף פונם הייליקן קרעמער.

און דער הייליקער רידל
אין דער הייליקער האַנט —
ווײ, ווײ, ווײ.
גראָבט טיפער און טיפער
אין הייליקן זאַמד —
ווײ, ווײ, ווײ.

גאַס — היים אייביקע

וועטער מיינע,
אין שטוביקע ווינקלען געהאָדעוועטע,
אין טונקעלן נעסט,
אין וואַרעמען עלנט —
אויף!
לאָזט זיך אין שנייאיקע גאַסן אַריין.

קאַלט וועט זיין.
ווייס וועט זיין.
א ווינט אין א שויב אַריין.
א פויסט אין א טיר אַריין.
בראָך.
קאַלטער, ווייסער בראָך.

ניטאָ מער קיין רואיקער נעסט,
וועטער מיינע.
און גוט וואָס ניטאָ.
ניטאָ מער וואו צו כאַליען זיך
אין שטילער, אין פרידלאַכער דעמערונג —
און גוט וואָס ניטאָ.
הונגער קומט.
הונגער נאָך אומרו.
ערשטער שטיין פון אומרו אין אייך, וועטער מיינע.

וואַרעמער נעסט — חרוב.
פריר, וואַרעמער נעסט.
פריר,
פאַרפריר,
פאַרגליווער.

ווערטער מיינע,
מיטן רוקן צום עלנטן חרוב,
מיטן רוקן צום אָפּגעקלאָגטן נעסט.
אין גאַס אריין.
צווישן פים און קאָפּיטעס און רעדער.
גאַס — היים אייביקע — וואַרט אויף אייך,
גרינאויגיקע,
בלאָנדהאָריקע,
זים שוידערנדיקע ווערטער מיינע.

אַ יאָר סאַקאָ וואַנזעטי

איר האָט זיך איינגעשניטן אין אונזער זכרון,
ווי אַן אָנגעגליטער מעסער אין אַ וואונד;
אָ, ווען נאָך אַזוי האָט דער טויט געקענט פּאָרן
אין אַזאַ פאַרזיגלטן בונד?

הייַנט, אַזוי ווי פאַראיאָרן,
טשאַרלסטאָנע׳ן איבער דער ערד דעם תּליון׳ס פּיס;
ס׳איז נאָך אַפילו ניט פאַרצויגן געוואָרן
מיט קיין הייטל דער פולער׳ישער *) ביס.

דאָס זעלבע שלעכטס פון קטגור צו קטגור,
דער זעלבער פויסט, די זעלבע מאַכט;
אָ, מיר פאַרגעסן ניט די ווייזערס פון זייגער
ווי זיי האָבן געטריפט מיט בלוט אין אויגוסט־נאַכט.

אין יענער נאַכט, אויף אָנגעגליטע שטיינער,
האָבן מיר אַלע געוואָיעט ווי מידע וועלף,
ווען עס זיינען געפאַלן אויף אונז, ווי ס׳פאַלן ביינער,
די לעצטע רגע׳ס פון דער שטונדע צוועלף.

אָבער אין יענער נאַכט האָבן מיר אויך זאַלבונג געגאָסן
אויף תּפיסה־שלאָס, אויף ריגל און קייט,
און פאַרפייניקטער קרבן איז געוואָרן חתן,
און ווי אַ שטול פון באַזעצנס — דער שטול פון טויט.

פון גערעכטער מאַנונג, פון אַפּצאַל אַטאַקע
הערן זיך שוין, הערן זיך שוין טריט;
ווי אַ גלאָק קלינגט דער קלאַנג סאַקאָ,
און ווי זוד וואַנזעטי זידט.

*) פולער — דער גובערנאַטאָר פון באָסטאָן.

יום-הדין

זינג דאָס ליד פון אויפגעבונטעוועטן ווילן,
דאָס געדולד האָט אונז אַלעמען געמאַכט פאַר לאַיגער,
געגנוג קרבנות געבראַכט אויפן מזבח פון דעם ש ט י ל ן,
געגנוג זיך אָנגעקוקט אין די אויגן פון דעם שווייגער.

נעם פאַנאַנדער זיינע דינע ליפּן
און רייס דאָס וואָרט פון זיי מיט דער צונג צוזאַמען;
און זיך אַליין בינד אָפּ פון אַלע קניפּן,
און זיך אַליין האַק אָפּ פון אַלע שטאַמען.

און פון אַלע באָרדנס, און פון די אייגענע יאָרן,
און טראָג אָפּן אי דיין ליבע, אי דיין שנאה;
פאַרשמיד אין קייטן, ווי אַ קאַטאָרזשניק, דיין זכרון,
און אַלע לידער דיינע שלעפּ צו דער גיליאָטינע.

יום־הדין קומט — די שטראָף זאָל זיין וואָס האַרבער —
פאַר איין מאָל ליידן וועסטו צוויי מאָל שטאַרבן:
אַז ס׳וועט אויסוואַקסן ביי דיר דיין זון — דיין אַרבער,
וועט ער דעם צווייטן טויט דיר ברענגען: — דיך ניט אַרבן.

גראָז

גרויזאַם איז דער ווײ פון הונגער קראַמף.
גרויזאַמער די שאַנד פון מידע, פון האַרביקע פעלדער,
וואָס ליגן נאַקעטע מיט שטעכיקייט צום הימל
אין צוטריקנטקייט, צעשפּאָלטנקייט.
ס׳לעצטע גרעזל אויסגעגריזשעט מיטן סאַמע וואָרצל.
ס׳אַלטע פעלד איז ניט קיין מאַמע מער.
שטיין.
ליים.
ברענענדיקער דאָרן. — — —
רחמנות האָבן ? — ווער ?
אויף וועמען ?
אויף די מחנות הונגעריקע פּי,
וואָס קלאָגן אין לבנה׳דיקער נאַכט אריין
דאָס קלאָג, דאָס טרייסטלאָזע, דאָס ביטערע ?
אויף די פאַסטעכער די צונגעפּאַלענע מיטן פּנים
צו אייגענע פאַרשפּיצטע קני ?
צי גאָר אויף מאַמע פעלד אליין,
וואָס וויינט, אַז קיינער הערט ניט,
אין פאַרלאָזנקייט, צעטראָטנקייט ?
קיין רחמנות !
איינגע׳עקשנ׳ט שרייט די ווייט פון הינטער בערג,
דאָס קאַלטע ליכט לבנה׳קע :
אויפשטיין !
פאַסטעכער !
אין די האָרנס שאַלט !
דאָס נייע ליד
פון נייעם גראָז —
אויף יענער זייט
פון באַרג און בערג.
צום נייעם לאַנד
פרישגראָזיקן
רופט,

װעקט,
אין די האָרנס שאַלט.

דאָס נייע לאַנד ליגט אויסגעשפּרייט
אין געוויקסיקייט, זיסזעטיקייט,
ניט באַריִרט און וואַרטנדיק.
מענער, פרויען, גורט די לענדן אָן.
די קליינע קינדער אויף די אַקסלען זיך.
ווער עס האָט קיין קינדער ניט —
די קליינע שעפּסלאַך אויף די אַקסלען זיך.
טאָג גייט אויף.
טאָג גייט אויף צום ערשטן אויפן הויכן באַרג.
מזרח ווינטן ברענגען צו די נאָזלעכער
ריחות פונם גראָז פון ווייטן לאַנד —
זיסע האָפענונגען פאַר אַלע לעצטע.
פאַסטעכער,
אין די האָרנס שאַלט! —
ס'אַלטע פעלד איז ניט קיין מאַמע מער.

ליד

אונזער לעבן — אין די גאַסן,
אין די הײַזער — אונזער טויט;
אין דעם אויפֿגעשרײַ פֿון מאַסן
אונזער שטובגעזאַנג פֿאַרגייט.

מאַסן ברעכן זיך אויף ראָגן,
גלײַכן זיך אויף סקווערן אויס;
טוט שוין קיינער מער ניט זאָגן
קיין האַלאָ צו אונזער הויז.

ניט מען ברעכט בײַ אונז די פֿענצטער,
ניט מען רײַסט בײַ אונז דעם דאַך,
אין פֿאַרבײַגעלויף אַ קלענסטער
ברענגט צוטרייסלענדיקן קראַך.

רוק אַרויס דײַן קאָפּ פֿון שוידער,
עפֿן אויף די שטײַפֿע ציין
און צעבײַס די קײַט פֿון נדר:
אייביק זײַן מיט זיך אַליין.

אונזער לעבן אין די גאַסן,
אין די הײַזער — אונזער טויט,
אין דעם אויפֿגעשרײַ פֿון מאַסן
אונזער שטובגעזאַנג פֿאַרגייט.

וויפיל יאָר

וויפיל יאָר איך גיי מיט קאָרידאָרן־טרעפּ
צו שטוב צו מיינער, וואָס איך טרעף שוין בלינדערהייד,
און מיטאָמאָל דערהער איך פון מיינע טריט די קלעפּ —
אַזוי ווי זיי וואָלטן אָנזאָגן: זיי גרייט.

אַ געפיל אַזאַ אַ טונקלס מיך באַהערשט:
אויב אַן אומגליק וועט געשען וועט מיט מיר,
וועט עס טרעפן אויף די טרעפּ צוערשט,
אַט טאָקע דאָ ביים דערנענען זיך צום טיר.

שוין דערנענטערט זיך צום טיר, אַ רגע, צוויי, —
איך לייג מיין אויער צו, און הער און הער,
און אַנטקעגן — טירן אַנדערע אין ריי,
און צו יעדער טיר, מיר דוכט, אַז איך געהער.

איך הייב אָן דרייען הענטלאַך, שטורעם אויף
אין פרעמדע צימערן צערייצטע טריט;
און פלוצלונג זאָגט אַ קול: הער אויף —
אַפילו צו דיין אייגן טיר געהערסטו ניט.

איך קום אַריין אין שטוב. מיין ווייב, מיין קינד
באַגעגענען מיך מיט שטילע רייד,
און איך באַנעם ערשט איצט, ווי גרויס עס איז די זינד
פון דעם, וואָס האָט זיין האַרץ פאַרקויפט צום טויט.

נאָך דער אַרבעט

אין אָרימען חדר, אויפן פינפטן גאָרן,
שלעפערט זי איין איר בלייכן זון
מיט ווערטער רייף־ברוינע, ווי זאַנגען פון קאָרן,
וואָס וויגן זיך אונטער דער יוליקער זון.

הויך איז זי. מאַט. מיט אַן אויסגעגליט פּנים
אין שטענדיקן קאַמף מיט דער אייגענער זי,
מיט הענט, ווי די מוטלאָזע הענט פון אַ נאָנע,
וואָס בלאָטרזשען אַרום אין בלינדן ניט־הי.

דער טאָג איז אַריבער אין נויט, אין אַרבעט
אונטערן ראָד פון מאַשינען, אין שאָפּ;
דער אָוונט באַגעגנט מיט סומנעקייט האַרבער,
מיט גלאָקן און שלייפן געקלאַפּ.

מיטן שטייגן אַרויף צום פינפטן גאָרן,
שטייגערט נאָך מער דאָס גלאָקן געקלאַנג,
אָרגל־דערהויבנקייט, רוף פון אַ האָרן,
האָפערדיקייט און מאַרטירער־געזאַנג.

די פיס איבער שוועל. (שטיל, האָרן און גלאָקן!)
דאָס חדר׳ל זייטיק, אַ טראָט אויף אַ טראָט.
צום טונקעלן ווינקל, אַן שפּור פון דערשראָקן,
די קני פאַלן צו ווי צום עשאַפאָט.

די קני קניען אויף ווי צום ווידערגעבאָרן,
זי זעצט זיך צום בעט פון איר בלייכן זון,
און וויגט אים מיט ווערטער, ווי זאַנגען פון קאָרן,
וואָס ברוינען זיך אונטער דער יוליקער זון.

צו אפּאַטאַשו

די ברכה פון דער ערד נאָך רוט אין שלומער,
איבער אונז די זון, ווי פון אַ פּאַטער דאָס געזיכט,
באַהיט אונז און באַשיצט אויפן וועג צום זומער,
צום אַקערדיקן ווילן, צו זייענדיקער פליכט.

מיר האָבן זיך דערקענט און זיך דערוואָרבן,
מיר זיינען ביידער ביידע, און דו — דער בכור;
דער טאַטע איז אונז לאַנג שוין, לאַנג געשטאָרבן —
גייען מיר אַליין אָן אים צו נייער וואָר.

אַ שטוב אָן אָרימס, אַ טיש באַשיידן, —
ווי פריידיק ווערט אָבער דאָס האַרץ און רייך,
ווען איך דערזע אַרום דיין שטוב זיך שפּרייטן
דיין גלויביק וואָרט, ווי אַ ווייסער טייך.

אין טויטן שטויב דעם טאַטנס כוס פון קידוש, —
גייסט אַמאָל צו, קוקסט אַריין אין דנאָ,
און ס'גיט אַ לויכט אַ ניי געזאַנג פון אידיש,
און אַ פּעסטער ענטפער: איך בין דאָ!

ווי אַ האַר האָסט אונטערטעניקט צו זיך די יאָרן,
ווי אַ רייטער אונטערטעניקט צו זיך זיין פערד;
און שלעכטס וואָס איז געווען — איז גוטס געוואָרן
אין דערקענטעניש פון אונזער גורל אויף דער ערד.

יידיש

מיר זיינען געלאָפן איבערן קאַלטן פּאַרטאַגיקן קלערמאָנט פּאַרק
צו דעם אָרימען הויז, וואָס אויף הונדערט און זיבעציקסטער גאַס.
מיר האָבן מורא געהאַט צו ריידן אַ וואָרט וועגן דעם,
וואָס אונזערע אויגן וועלן דערזען, ווען מיר'ן אַריינקומען
אין דעם אָרימען הויז פון הונדערט און זיבעציקסטער גאַס...
אָבער איבער אונז האָט אַ קול געהאַלטן אין שרייען:
„לויפט גיכער, נאָך גיכער און נאָך־נאָך גיכער, ווייל
עס קען זיין, אַז איר'ט ניט טרעפן שוין ביים לעבן דעם,
וואָס וואוינט אינם אָרימען הויז פון הונדערט און זיבעציקסטער גאַס..."

אַז מיר האָבן איבערגעטראָטן דעם טונקעלן שוועל
פון דעם אָרימען הויז, וואָס אויף הונדערט און זיבעציקסטער גאַס,
האָט אין אויג, ניט אין אויער, אַ זעץ געטאָן אַ דומפּער געוויין,
אָפּגעשפּרונגען אויף צוריק און צעשאָטן זיך אין שטעכערלאַך,
און געבליבן שטעקן, ווי שפּיזלאַך, אויף די ווענט פונם קאָרידאָר.

דאָס איז געווען דאָס געוויין פון דער אַלטער גאָלדע,
וואָס איז גלייך, ווי זי האָט אונז דערזען אַריינקומענדיק,
מגולגל געוואָרן אין עפּעס אַ פּאַרגליווערטער שטומעניש,
אַ שטומעניש מיט צוויי אויסגעשטאַרטע חיה'שע שוואַרצאַפּלען...

אין עס־צימער האָט געברענט אַ מאַטאָווע לעמפּל,
און אינם שאָטן פונם שיין אין דערבייאיקן שלאָף־צימער,
לעבן אַ הויך אויפגעשלאָגן בעט, איז געשטאַנען אַ יונגער דאָקטאָר
און געציילט דעם דופּק פונם מסוכן אַלטן ר' שמואל,
אומגעבלאָנדזשעט איבער זיין ברוסט מיט אַ שוואַרץ טרייבל,
און גערעדט, אַמאָל צום חולה און אַמאָל צו דער אַלטער,
אַזוינע מאָדנע ווערטער פול מיט צונג, למדן'ן און ריש'ן,
וואָס האָבן געוואָרפן אויף זיי שרעק, מהומה און אַנגסטן,
ווייל די ווערטער זיינען געווען אומפאַרשטענדלאַכע — ענגלישע...

ר' שמואל איז געלעגן מיטן פּנים אַרויף, די באָרד צעשליידערט,
מיט גזלנ'ישקייט געשלעפּט די דרויסנדיקע לופט אין זיך אַריין,
און די אויגן אָפענע האָבן געקוקט אויפן ענגלישן דאָקטאָר
מיט הייסער פינצטערניש און דורכשטעכנדיקער רציחה...

דורך א פענצטער האָט שוין אָנגעהויבן דער גרויער באַגינען,
און פונם מאַטאָװון לעמפּל האָט א פּראָסטיקע געלקייט געשפּרייט זיך.
און אַלע זיינען שטיל געװען, נאָר די קוויטן פון וואַנט־פּאַפּיר האָבן
געשריען,

די קוויטן האָבן געשריען אין פּיין פונם געלן באַגינען,
און אין פּיין פונם דאָקטאָר׳ס ווערטער.

מיטאַמאָל האָט דער דאָקטאָר, דער ביזאַהעריקער יענקי,
גענעבן א זאָג אין א זאַפּטיקן וואַרימען יידיש:
איר׳ט געזונט ווערן, זיידע, אם ירצה השם ביז פּסח...

און ווי ער האָט א זאָג געטאָן אָט דידאָזיקע אידישע ווערטער,
האָט אַזא פרייד זיך געגעבן א גאָס איבער אַלע חדרים,
און די אַלטע האָבן דערפילט אַזא לייכטקייט אין זיך,
אַזא גרינגקייט אין די פיס, כאָטש הויב זיך אויף און פלי.

די ליפּן פון דער אַלטער גאָלדע׳ן האָבן אָנגעהויבן טאַנצן,
פּליסטערן, ווי ס׳פּליסטערן די ליפּן פון א באַפרייטן:
„דאָקטער־לעבן, טייערער דאָקטער־לעבן"...
און דער אַלטער אַליין, דער חולה, האָט מיטאַמאָל
א הויב געטאָן זיין קאָפּ, אָנגעכאַפּט דעם דאָקטאָר׳ס האַנט
און געדריקט זי און געצויגן צו זיך, ווי מען ציט די האַנט
פון א פאַרלאָרענעם און נאָר וואָס צוריקגעפונענעם זון...

און דער דאָקטאָר האָט גע׳טענה׳ט: לייגט זיך און רוט, זיידע;
און דער זיידע האָט געפאָלגט און אװעקגעלייגט זיך צוריק
און געקוקט מיט אויפגעלויכטענע שװאַרצאַפּלען אויף אונז אַלעמען...

דורכן פענצטער האָט אַריינגעקוקט אַן אויפגעצונדענער באַגינען,
און די קוויטן פון די ווענט האָבן פאַנאַנדערגעעפנט זייערע בלעטלאַך,
זייערע בעכערס, און אָנגעהויבן בליען מיט אמת׳ע בליאונגען,
און אָנגעפילט דאָס הויז מיט ערב יום־טוב׳דיקע ריחות, —

און אַלע האָבן דערפילט, אַז דער יום־טוב אַליין קומט,
אַז דער יום־טוב איז שוין געקומען, אַריבערגעטראָטן דעם שוועל
פונם אָרימען הויז אויף דער הונדערט און זיבעציקסטער גאָס...

אַלע זיינען געשטאַנען איבערן טויטן ר׳ שמואל און באַוויינט אים.
ר׳ שמואל איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט אָפּגעשטעלטן אָטעם,
און זיינע ליפּן האָבן געשמייכלט, געשמייכלט.

טעאַטער

טאַנץ, טרויער, אויף די בינעדיקע בריקלאַך,
אין זיגזאַגן און אין רונד;
דער וואָס ציט דעם פאָרהאַנג פאַר די שטריקלאַך,
ווארט אין רואיקייט אין הינטערגרונט.

וואַרף זיך טרויער, אויף אונז אַלעמען, אויף אַלעמען,
ווי א נעגלדיקע חיה אויף איר רויב;
דעם געפאַרבטן דאַרן גוף פאַרפאַלענעם
דורך אכזריות׳דיקן האַס דערהייב.

מיטן הויט צוזאַמען רייס אַרונטער אַלע פאַרבן,
אויפצוגיין אין אמת׳ן געשטאַלט;
דער וואָס שפאַנט צום אומפאַרמיידלאַכן—צום שטאַרבן,
שטאַרבט נאָך איידער ווען דער פאָרהאַנג פאַלט.

טאַנץ, טרויער, אויף די אָפּגעניצטע בריקלאַך,
אויף פאַנאַנדערפאַל, אויף מידן שונד;
דער וואָס ציט דעם פאָרהאַנג פאַר די שטריקלאַך,
ווארט אין רואיקייט אין הינטערגרונט.

אידישע פּאָעטן

אַז איך טראַכט וועגן אונז — אידישע פּאָעטן,
אַזאַ צער כאַפּט מיך אַמאָל אַרום;
עס ווילט זיך שרייען צו זיך אַליין, בעטן, —
און דאַמאָלסט גראָד ווערן ווערטער שטום.

אַזוי משונה׳דיק זעען אויס אונזערע לידער, —
ווי זאַנגען, וואָס אַ היישעריק צעפרעסט;
אַ טרייסט: — צו ווערן זיך אַליין דערווידער,
צו שלייכן זיך אויף גאָט׳ס ערד, ווי פּרעמדע געסט!

דאָס בלוט פון אונזער וואָרט אויף קאַלטע פינגער,
פון פינגער — אויף נאָך קעלטערן צעמענט;
אַ, פאַרשעמטע, לעכערלאַכע זינגער,
פאַררוקטע אין פאַרשעמטערע פיר ווענט!

און אַז עס קומט אַן אייגענער, אַ נאָענטער
פון אַ קעלער, צי פון אַ שאָפּ אַרויס, —
זיין שטומע צונג נאָר אין אונז דערקאָנט ער,
און אונזער פייערלאַכקייט מיידט ער אויס.

און מיר, ווי קינדישע, פאַרליבטע ריטער,
ווי דאָן קיכאָט, מיט איבערכאַפּטער מאָס,
מיר בלייבן ציטערן מיט אונזער ציטער,
אין עלנט, איבער יעדן וואָרט און אות.

און אַמאָל, ווי קעץ מיט אויפגערייצטע גלידער
שלעפּן זייערע קעצלאַך פאַרווירט פון זאָרג, —
אַזוי שלעפּן מיר פאַרן האַלדז אונזערע לידער,
צווישן די ציין, איבער גאַסן פון ניו יאָרק.

אַז איך טראַכט וועגן אונז, אידישע פּאָעטן,
אַזאַ צער נעמט מיך אַמאָל אַרום,
און עס ווילט זיך שרייען צום נאָנטן, בעטן, —
און דאַמאָלסט גראָד ווערן ווערטער שטום.

אויפן שיף

א ליכטיקער מאַן אין אַ ליכטיקן הוט,
שפּאַנט זיך אַרום אויפן שיף, אויפן דעק,
אַן איינציקער, וועמען ס'איז האָפּעררדיק גוט
אין פּאַניק פון וואָקל און אונטערגאַנג־שרעק.

צעשלייִדערטע ליגן פאַרוואָרפּענע קעפּ
פון מענער און פרויען אין גוסס'ן בלייך;
דער גאָט פון די ים'ען, אויף תהום'יקע טרעפּ,
אַ שוימיקער שפּילט זיך אין נידער און הויך.

געוויין פון סיגנאַלן, פאַרוואונדיקט געשריי,
די נאַכט די געשרייען פרעסט אויף מיט איין פרעס;
דער האָפּעררדיק־איינציקער, ווייסער פון שניי,
אין אַנקום פון אומקום גייט אויף ווי אַ נס.

מיט פּנים צום רוי־ווינט, ביים אַנשפּאַר פון באָרט,
מיט פינגער געשטייפטע, ווי קופּערנע דראָט,
מיט ליפּן פון ערשטן אורקוואַליקן וואָרט,
ער בייסט זיך אַריין אינם שטורמיקן גאָט.

אויף פינצטערע באַנען

אויף פינצטערע באַנען צווישן נאַקעטע קעפּ
איך פיר מיך אַרום איבער וועגן־געפּלעכט,
אויף בענק און אויף פענצטער אַריבער די טרעפּ
נאָך נאַקעטער ליגן פאַרוויאַנעטע נעכט.

די נאַקעטע קעפּ האָבן ערגעץ־וואו הענט,
און אַקסלען און בייכער, ווי האַריקע זעק,
וואָס הענגען אויף פליושענע, שטויביקע ווענט,
געבראַכטע צו שלעפּן פון ערגעץ אַ העק.

זיי שלאָפן, זיי הענגען, די שטעכיקע הענט,
און אונטער דער באַנק קייקלען אום זיך די קעפּ,
און אויג קוקט זיך סתם: יאָ דערקענט — ניט דערקענט,
אַ צונג פּויזעט צו — און אַ כאַפּ און אַ שלעפּ.

עס עסט און עס פרעסט יעדעס גליד זיך אַליין
אין קלעפּיקער שנאה — פאַרצערט און פאַרלענדט; — — —
עס זיצן אויף פליוש נאָר סקעלעטן פון ביין,
און הוידען זיך אום מיט די שטעכיקע הענט.

פּוילן, 1925.

איך האָב דאָ קיינעם

איך האָב דאָ קיינעם — גיי איך איבער פרעמדע שטיבער,
איך שפּאַן דורך זייער פינצטערניש און שפּאַן אריבער.

אויף קאַלטע הויפן, צווישן טיר און טויער,
צעוויקלט זיך אַמאָל אַ טאַנץ פון זיבן שלייער.

אַ גוף אַן עלנטער, אַ הונגעריקער, אין התלהבות,
פאַרברענגט די זיבן שלייער אין די זיבן תאוות.

אַ גוף אַ נאַקעטער פאַרדרייט זיך איבער אַלע טרעפּן:
קומט נעמט מיך, ווער עס וויל, מיין גוף פאַנאַנדערשלעפּן!

און ווילן — ווילן אַלע, אַלע קומען און אַלע שלעפּן,
און אַלע מאַטערן, אַלע פּייניקן אויף אַלע טרעפּן.

און אַלע ווערן זאַט, און אַלע גייען שלאָפן,
און ווידער שאַ און שטיל, ווי גאַרנישט וואָלט געטראָפן.

איך האָב דאָ קיינעם — גיי איך איבער פרעמדע שטיבער,
איך שפּאַן דורך זייער פינצטערניש און שפּאַן אריבער.

אַ פענצטער קרימט זיך אויס און גיט אַ ריס זיך העכער,
און אַלע קוימענס רוקן זיך ארונטער פון די דעכער.

באַלקאָנען נעמען פּאַכן מיט צעשפּרייטע פליגל,
צעבלאָזן און צעשטויבן האַלץ און שטיין און ציגל.

פון הויכן הימל די לבנה קוקט ארונטער,
און שמעקט און זוכט און נישטערט, ביז אויך זי גייט אונטער.

איך האָב דאָ קיינעם — גיי איך איבער פרעמדע שטיבער,
איך שפּאַן דורך זייער פינצטערניש און שפּאַן אריבער.

פוילן, 1925.

אויף יאָנגדיקע באַנען

צי חלומות חלומ'סטו אויף יאָנגדיקע באַנען?
צי דו ווילסט פֿאַרצאַמטע גרענעצן פֿון לענדער איבערשפּאַנען?

גיי געפֿין בעסער די האַק, וואָס האָט די וועלט צעשפּאָלטן,
און פּאַק די האַנט, וואָס האָט אי זיך אי אונז פֿאַרשאָלטן.

צו עמעצענס לאַנד איך קום פֿון לאַנד פֿון קיינעמס,
און וואָס איך זע—עס הענגט נאָך אַלץ דער גוף פֿון דעם א י י נ ע מ 'ס.

ע ר הענגט נאָך אַלץ אויף אַלע שליאַכן, אויף די זעלבע שטאַנגען,
און קאָן נאָך אַלץ ניט מיט דער האַנט דעם קניער'ס קאָפּ דערלאַנגען.

עס האָבן אַלץ נאָך ניט וואו זיך אהינצוטאָן דעם מענטשנ'ס באַקן:—
עס טאַנצן איבער זיי אין העלן טאָג דעם קרייצלער'ס האַקן.

מע שלעפּט נאָך אַלץ האַרמאַטן איינגעשפּאַנט אין זיבן פּאָרן,
און ס'גאוה'ן זיך נאָך אַלץ שטיוואַלעס מיט די געלע שפּאָרן.

עס קלינגען גלעקער אין דיזעלביקע קאָסציאָלן,
און אַלטע בעטלער פֿאַלן כורעים מיט די פּיס געשוואָלן.

און וואַסער־אויגן זשמורען זיך אין האָנערדיקער מינע,
און קורצע האָר פֿאַרכלינען זיך אין בלאָנדער שנאה.

פּוילן, 1925.

שורות וועלדער

שורות וועלדער, מיינע וועלדער — עבאָס,
מיינע לידער — הילכנדיקע שורות;
דאַרף אין מיט פון וועלדער. — דעכער, שטרעבעס,
סטאַדעס שעפסן און פאַרטאָגעדיקע צורות.

סטאַדעס שעפסן גליווערן אין וואונדער,
ווי עס רוקט זיך ווי עס קריכט מיט בייזער גבורה
פון אַ הינטערוואַלד, ווערט שטראַליקער און רונדער
אַזאַ זון מיט אַזאַ פלאַמענדיקער צורה.

סטאַדעס שעפסן שטורעמען די לאַנען,
מיט די קעפּ אין אָפענע געפאַרן,
בלייבן שטיין פאַרלאָרן ווי געשטאַנען
פול מיט נייעם שפאַנענדיקן גאַרן.

ווייסע גענז צעטראָגן זיך אין פאַניק,
האָלדז־געצוירקל —אויסגעשריי פון אַנונג;
דאַך און קוימען, פענצטערל און גאַניק —
אַלץ גייט אויף אין וואַרטנדיקער שפּאַנונג.

פוילן, 1925.

זינג נאָכאַמאָל

זינג נאָכאַמאָל דיין אייביקן געזאַנג
אַהינטער מיינע פענצטער, אָרעמאַן;
מיין גוף איז שוין, ווי דיינער, דין פון לאַנג,
און דינער נאָך מיין חלפ'דיקער שפּאַן.

די טיר פאַרהאַקט. אַן אויפבּרוך און אַ ריס.
און יעדער קומט אַריין, און יעדער זעט:
מיט נאַקעטע, אַרונטערהענגענדיקע פיס
אַזוי אַ וויג איך זיך אויף פרעמדער בעט.

איך האָב דערפילט צום שפּאַנענדיקסטן מאָל,
אַז עפּעס וואונדערלאַכעס לעבט אין מיר;
ווייל אַט איך שריי און ס'הערט זיך ניט מיין קול,
און זון גייט אויף אויף אויפגעהאַקטער טיר.

איך גראָב זיך איין מיט הענט אין ערשטן שטראָל,
איך וויל אַ ליכטיקער אויף אייביק זיין,
ווייל אַט איך טו אַ שפּאַן און טו אַ פאַל,
און גיב אַ שמייכל נאָך אַ ווייסערן פון שיין.

איך גלויב אין הייליקן אין מיין באַרוף,
אַרומגיין איבער וועלט אַן אָרעמאַן,
מיט רויטער באָרד און הויכן האַרן גוף,
און אַלץ באַשפּורן מיט מיין חלפ'דיקן שפּאַן.

פּוילן, 1925.

דורך די נידעריקע טויערן

דורך די נידעריקע טויערן פון אַלע לענדער
גיי איך דורך נאָך נידעריקער, און דערפאַר
אַלץ וואָס קומט אין וועג פאַר׳כשוף איך, פאַרענדער,
אַלץ ווערט שפּאַנונג און דערוואַרטונג און געהאַר.

מיין נשמה טראָג איך אויף די שפּיצן פינגער,
און די ליפּן מיינע לייזן אויף זיך אין פאַרזאָג:
גוף מיינער, ווער אויסגעשטרעקטער, גרינגער,
גוף מיינער, צוטוי זיך אין פאַרטאָג.

אָפּגעלעבט א לעבן האַלב, און מיינע מעשים
ליגן, ווי די קינדער מיט די פּנים׳ער אַראָפּ,
איך דעק זיי צו מיט רעקטוכן, מיט לידער, ווייסע, —
און דאָס איז אַלץ, — און כ׳טו זיך פון זיי אָפּ.

III

— — — איך בין געגאַנגען מיט פּריש פאַרשנייטן שליאַך,
אין באַגינען —
אויפן וועג צו מיין קינדישער חיים.
ס'איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד. —

הײם סאָװעטישע

פראָסט. פראָסט. —
איך קום און איך זאָג: אָט בין איך.
װערטער געקאָרנטע, אות נאָך אות,
פאַר לידער פאַר נײַע געפֿין איך.

פענצטערלאַך, עפֿנט זיך אויף,
דעכער פון אַלע פיר סופֿ׳ן; —
איך בין פאַרשלאָסענער גוף
און קען ניט, באַדויער, זײַן אָפן.

װינטמיל און טעלעגראַף־דראָט,
מיך אויפצונעמען אַנקעגן;
טראָט מײַנס פון ניו יאָרק דער שטאָט
טאַנצט אויף איהומענער*) װעגן.

אַלע פיר סופֿ׳ן דערגרייכט,
נס האָט געטראָפן, געטראָפן;
פּנים מײַנס פענצטערדיק לױכט,
גוף מײַנער — טױערדיק אָפן.

*) נאָמען פון מײַן געבורט־שטעטל — אין סאָװעטישן װײַס־רוסלאַנד. מינסקער ראַיאָן. איצט הײסט דאָס שטעטל אַנדערש: ט ש ע ר־װ ע ן. איך האָב באַזוכט דאָס שטעטל אין 1925.

אידומען

I

גיס זיך, ווייסער ווײַן,
פֿון צפֿון׳דיקע הימלען
אין האַרץ צו מיר אַרײַן, —
דורך טיר און שײַבל,
דורך וואַנט און דאַך
פֿון נידעריקן יום־טובֿ׳דיקן שטיבל,
וואָס אין העק אויף מינסקער שליאַך.

II

שלינג אַראָפּ מיט לײַכטן שלונג
אַלע ווערגנדיקע, בייזע ווערטער;
הײַנט איז שנײ מײַן הייסטער טרונק,
נאַכט פֿון אי ה ו מ ע ן — מײַן באַשערטע.
מײַנע עלנבויגנס טאַנצן איבער אַלע ווענט,
מײַנע קני זיי קלאַפּן צו, קלאַפּן צו.
נאַכט, געגאַרטע נאַכט,
איך האָב זיך אַ דאַרשטיקן געבראַכט
מיט צוויי אויסגעשטרעקטע תּאווה׳דיקע הענט —
הענט זיך רירן צו, קלאַפּן צו, —
הענט פֿאַרגאַנגענע אין ניגון
וואָס עס זינגען גאַניקעס און שטיגן.

III

אַט מיר קומען אָן.
אַט מיר זײַנען אָנגעקומען.
וויקלט אויף די רויטע פֿאָן
איבער קעפּ פֿון אַלעמען.

אויפֿן אַלטן מאַרק —
אויסגעבויט אַ טויער;
אויפֿן טויער׳ס קאַרק
רויטע פֿאָנען ווייען.

רויטע פּאַנען צוויי
חופּה'דיק אויף שטאַנגען,
שטערנדיקער שניי
איבער זיי צעהאַנגען.

אַט מיר קומען אָן.
זיינען מיר שוין אָנגעקומען;
וויקלט אויף די רויטע פאָן
איבער קעפּ פון אַלעמען.

IV

מיר איז גוט אינמיטן פון דער ווייסער וועלט,
ווי דעם ווינט איז גוט,
מיינע ליפּן זיינען מער שוין ניט פאַרשטעלט,
אויף די ווערטער מיינע ווייסער אמת רוט.
ווייסער אמת — אַט, אַט: —
אונטער מיינע פיס דער סקריפּענדיקער טראָט.
ברידערלאַכע וויט, ברידערלאַכע וויט,
ביז צו דער לבֿנה רוף איך דיך און שריי,
און לבֿנה ענטפערט אָפּ צוריק און שרייט:
ב ר י ד ע ר ל אַ כ ע ו ו י ט!
ב ר י ד ע ר ל אַ כ ע ו ו י ט!

ווייסער אמת אינם מויל פון גרויס און קליין,
ווייסער אמת, וואָס איז מיך באַגעגענען געקומען,
ווייסער אמת, ווי אַ קרוין,
איבער שטעטל מיינעם, איבער איהומען.

V

אונטער אייז, אונטער זיבן הויטן
ליגן מיינע פערציק יאָר,
ווי פאַרוויקלטע, צונויפגעקנוילטע קעפּלאַך קרויטן.

נו, איז וואָס, אַז יאָרן ליגן אין פּאַרוויקל,
נו, איז וואָס, אַז יאָרן ליגן ווי די קעפּ? — — —
ברידערלאַכע קעפּ, ברידערלאַכע קעפּ,
כ'הויב אייך אויף און וואַרף אייך איבער דעכער;
ביז צו דער לבנה וואַרף איך אייך אַרויף,
און העכער און נאָך העכער;
און לבנה וואַרפט אייך אָפּ צוריק
ווידער צו אַ טרעפּ, ווידער צו אַ בריק.

VI

איך רייד אַזוינע מאָדנע רייד,
זאָלן הערן אַלע.
איך בין שעמעוודיק און אָנגעזיכט פון פרייד,
ווי אַ חתן, וואָס דערזעט צום ערשטן מאָל זיין כלה.
זעץ זיך פרייד, מיין טייערע,
שוועסטער מיינע, ווייסע,
ביז איך וועל צו זיך פון מיין פאַרשעמטקייט קומען
און געפינען ווייטער ווערטער פאַר מיין מעשה,
פון אַ געסל,
פון אַ שטעטל,
וואָס אַמאָל האָט עס געררופן זיך:
אַ י
ה ו
מ ע ן.
אַמאָל. אַמאָל. אַמאָל.
— זעץ זיך, פרייד, מיין טייערע,
אויף דער ברייטער באַנק,
אויף דער ווייסער באַנק,
אָט אַזוי, אָט אַזוי, —
אויף דער נייער באַנק;
אין דעם שיין פון לעמפּל
וועלן מיר זיך וויגן —
אָט אַזוי, אָט אַזוי —
אויף דער ווייסער באַנק.

VII

שטילע פֿאַרשנייטע פֿאַרנאַכטן
ווערן נאָך שטילער פֿאַרשנייט,
דאָ אין דיין שטיבל פֿאַרמאַכטן
גייט אויף פֿון פֿרידן דער קנויט.

ביז צו די טרעפּ פֿון דיין שטיבל
ווען, ווי אַזוי איך קום צו? —
האַרץ מיינס פֿון אַלטן פֿאַריבל
יוגנט זיך אונטער דיין רו.

כסלו'שער הימל אין שייבל, —
ליבער אַמאָליקער פֿריינט!
זעלביקער ביסטו — צום בלייבן —
אין דיין אַמאָליקייט הײַנט.

איך בין שוין אָבער ניט זעלביק,
איך בין שוין גרוי און צעקריצט;
זעסט דאָך, ווי מויעריק, וועלביק
איך, דער געקומענער, זיץ.

זיץ ניט! — אָט דאָ אינם מולטער
מולטער — מיין קינדישע וויג —
קאָפּ צווישן דינינקע שולטער
לייג זיך אַנידער און ליג.

וועגט פֿון מיין היים מיינע דאַרע,
דאָך — מיין צעטראָגענער האָן,
בעט איז נאָך אַלץ ווי אַ נאַרע,
דיל — ווי אַ מויל אָן איין צאָן.

גופ'ן פון יונגען — אויף שטרויזעק
לויכטן, ווי עפּל, אין פרייד,
זינגען און חוזק'ן חוזק
און פייערן פייליקע רייד.

איר, מיינע טעג, מיינע יונגע,
שטייט פון פאַרגעסנקייט אויף,
לאָזט זיך אַזוי ווי די יונגען
אויפגיין אין ליכטיקן גוף.

טריט קושן אוים טראָטואַרן,
זעגענען זיך אויפן ראָג,
טעג מיינע — ברוגז'ע נאַרן,
ס'קומט אָן אַ קליגערער טאָג.

VIII

קינדהייט, קינדהייט — בלאָנדער פריינט,
איך שטיי ביי דיינע טירן; —
דער, וועמען דו זעסט היינט,
קען מאָרגן זיך ווידער פארלירן.

באַרירונג איך טראָג אויף מיין קאָפּ,
און בענטשונג פון ליפּן אויף ליפּן,
געטראַנקשאַפט פון ערדענעם טאָפּ,
און ווייכקייט פון קאָרענע זיפּן.

און טאַנץ־טראָט פון שטיוול אָפּזאַץ,
און דרייסטקייט פון לעדערנעם רעקל;
פארשעמטקייט פון בלעכענעם טאַץ
און אויפשטייג פון שליאַכיקן גלעקל.

בין מיד און בין גליקלאַך, בלאָנדער פריינט, —
וואָס שטעלסט אויף מיר אוים דיינע אויגן? —
איך וויל ניט צו זיך זיין א פיינט,
זיך פיילן מיט אייגענעם בויגן.

איך וויל ניט, איך שטרעק מיינע הענט
צום אָוונט פון לעמפּל צופּאַסטן,
איך האַלדז דיינע קליינינקע ווענט,
דיין בעט און צעפאָרענעם קאסטן.

דאָס קנייטל אין לעמפּל פאַרטיף,
בעט אוים מיר אויף דיל צי אויף קאסטן,
און זאָל מיר מיין שלאָף זיין א שיף
מיט נייע פארצויגענע מאסטן.

IX

דיין נאָמען אויף גרוי־אַלטע ציגל,
אַליין ביסטו דין און פאַרשוויגן,
דיין קינד אין צעוואָרפענעם וויגל,
דו וויגסט און דו קענסט ניט פאַרוויגן.

שטרעקסט אויס דיינע פינגער — צו וועמען?
אויף פינגער באַפעלנדער אומעט,
אַ קוק דורך דערהויבענע ברעמען —
זע, אַן אורח צו דיר איז געקומען.

פאַרשפּרייטסט דיינע הענט ווי געצעלטן,
און דער, וואָס געקומען — געקניטער;
אַ וואָרט, צווישן זעלטן און זעלטן,
צווישן צוויי גוף׳ן — אַ דריטער.

אויס דריטער. פאַרהענגען געצעלטן,
מיר אַלע ווי קינדער אין וויגן.
מיט אָנבליק מיט מער ניט פאַרשטעלטן
מיר וויגן זיך ניט צום פאַרוויגן.

דיין נאָמען אויף גרוי־אַלטע ציגל, —
דיין האַנט מיט געפייערטן אָרעם
גיסט זאַלבונג פון קוואַליקן קריגל
אויף מיר און אויף גרויע חדרים.

X

אָוונט אויף דער טורעמדיקער פּאַן.
פּאַן גייט אויף אין אָוונטיקן פייער.
אינגל־אורח — נאַכט קומט אָן.
זאָל אויך נאַכט דיר פריידיק זיין און טייער.

וואָס דו רירסט אָן איצט מיט דיינע פיס
וועלן שפּעטער שוין באַרירן אַלע;
שטויב צעגיסט זיך אין דיין אָטעם זיס, —
ערגעץ נאָנט דאָ אָטעמט אויך דיין ווייטע כלה.

וועלט איז שוין אין שותפות׳דיקע הענט,
מאָרגן־פינגער קלאַפּן זיך אין לאָדן, —
נעכטן — פון אַ בייזן גאָט פאַרלענדט,
היינט — באַפרייט, באַשאָטן מיט גענאָדן.

אָוונט אויף דער טורעמדיקער פּאַן,
פּאַן אין פלאַטער איבער הייזער אַלע;
אינגל, זע, אנטקעגן ווער ס׳קומט אָן
פלאַטערדיקער נאָך, — דיין יום־טוב׳דיקע כלה.

XI

דיין האנט ווי מיין מאמע'ס א שאַל
מיך וויקלט פאַרוויקלט אויף שלייפן,
דיין צימערל — ליכטיקסטער זאַל —
לאַמטערנדיק פרייט אַלע הייפן.

אַזאַ שניי — אַזאַ הוידענדיק וויג — —
אויף גאַסן אויף שטעטלשע נידערט,
נאָך אומטרוי, נאָך חשד און נאָך קריג,
מיר האָבן אין וואָרט זיך פאַרברידערט.

אַזוי שמעקעדיק זיס איז דיין וואָרט —
צוטאַנצט ווי אַן אָפענער אָדער —
ווי אויפשניט ווי פרישער פון טאָרט
וואָס דעקט אויף א וואַרימען יאָדער.

צו שטילקייט איך טוליע מיך צו —
און חלום, ווי אין קינדהייט, צו הערן
א שטימע: וואו ביסטו, וואו? —
און צייל די ניט ציילבאַרע שטערן.

XII

אין אזוינע טעג פון ווינטערדיקע טויען
דארף מען זיין מיט זיך אין פולן פריד;
טריי, ווי ליב צו לייב, אזוי פארטרויען
זיך אין אפנקייט צו דיר, מיין ליד.

ליד — מיין הירש מיט פלאנטערנדיקע הערנער,
צו לאנג דיך דעם ווילדן וואלד פארטרויט;
איז א וואונדער דען, וואס איבער אלע דערנער
היינגען רויטע אויסגעשרייען פון דיין הויט.

ווי האב איך אליין אין גאלער שנאה
צוגעזען דיך אומקומען אין טויטן מאך, —
און צו דיינע קנעכלאך שלאנקע, דינע
צוגעשליידערט נאך און נאך א בראך.

אזוי מאדנע מיר צו צוקומען צו ערטער,
וואו חלומות זיינען עלטער פון דער וואר;
און נאך מאדנער צו ארויסזינגען אין ווערטער
איינעמס לעבן, וואס איז אלט שוין פערציק יאר.

טאַטע-לעגענדע

I

גיי אויף, רויטבערדיקער,
הויטיקער גוף, —
ביי דיין בעט דיין ערדיקער
שטיי איך און רוף —
איך, זון, אויך רויטבערדיקער,
הויטיקער גוף.

כ'בין געקומען זאָגן
דיר, טאַטע, גוט מאָרגן, —
נאָך צוואַנציק יאָר אָפּשייד,
נאָך צוואַנציק יאָר טראָגן
פון טרויער דיין אָפּשיין
אויף מיינע, ווי דיינע געליינגלאַכטע באַקן.
כ'האָב געוואָלט דיך דערוויסן
ביים אויוון, ביים פּלאַקער, —
איהומענער בעקער,
אין פּראַסטיקן חודש אין כסלו. —
דו — ביים אויוון,
די מאַמע — ביים מולטער
דעם איבערגעיוירטן פון הייוון,
ביים לייביקן, פּוכיקן טייג.
אָוונט צוזאַמענגעקנוילטער,
מיט איינעם מיט גרינעם לבנה'דיקן אויג,
הויערט ביים שוועל פון פּאַרהויז.
טרעט איך אַריבער דעם שוועל,
קלאַפּ אין אַ טיר וואָס איז אָפן.
מאַמע שטייט באָרוועס.
אַקסלען — הויל,
מיט אָדערלאַך בלויע פּאַרלאָפן.
(אָדערלאַך, —
זעט, וויפיל עלנט
עס הויערט אויף מאַמעס ברוסט,
וואָס נאַכטהעמד קען ניט פאַרשטעלן.

אָדערלאָך,

וועמען פון אַן עלנט אַזוינעם האָט ווער נאָך געוואוסט?)

און דו, אינם פלאַקער,

מיט האַלדז מיט געשטרעקטן,

מיט גאַרגל פון דאָרשטיקייט טרוקן,

שטעכסטו דיין באָרד, ווי מען שטעכט מיט אַן אַקער,

אין אייגענער ברוסט און אין רוקן,

אין טייג און אין מולטער,

אין מאַמעס צעקנאַטענע פּיס,

און איבערגעשוואָלענע שולטער — — — —

כ'האָב געוואַלט —

נו, איז וואָס?

דער אויוון איז דאָ.

דער מולטער איז דאָ.

אויף הויף־טיר דער זעלביקער שלאָס,

אויף שוועל טאַטע־מאַמע — ניט מיינע.

און מיינע וואו זיינען?

איך ווייס. און פונדעסטוועגן פרעג איך.

און ענטפערן ענטפערט

ניט קיין ליפּ, ניט קיין צונג,

נאָר אַ שטאַמלענדיקער קוק פון אַן אויג

און אַ טרוקענער שלונג.

איך זאָג:

— אַ גוטן. — — —

די וועלט — אַ צעלויכטענע,

ביים מיל — אַ צעקנוילטער בית־עולם.

דורך געסלאָך שטעטלשע,

באַפּוצטע מיט פאָן מיט סאַוועטישער,

דורך קינדישן טויער —

פון ווייטע פון לענדער,

דורך וואַנדלונג און ענדער,

בין געקומען זאָגן

גוט מאָרגן, דיר, טאַטע,

טאַטע —

ניט מת,

נאָר לעגענדע.

II

דער אַלטער בית־עולם פון א י ה ו מ ע ן
אין ווילדקייט פאַרוואַקסן, פאַרלאָזן.
און איך בין צום אַלטן בית־עולם געקומען
ניט פאַר געפלוך און געיאָמער,
נאָר ברכה פאַרנעמען
פון אונטערן בערגל.
האַרבסטיקער מאָך — אויפן בערגל,
זוניקער טאָג — אויפן מאָך.
אין מיר אַלע גלידער — ווי סטרונעס,
און איבער די סטרונעס — א האַנט
פון איינעם, וואָס שטייט אויף פון טויט
צו ווידערגעבורט.
— „זון, דו ביסט דאָ.
גוט. גוט.
זאָל אויפגיין דיין שמייכל
ניט איבער קברים — נאָר בייטן.
אין זוניקייט גיסט זיך אַריבער מיין בלוט
גיסט זיך אַריבער אין אַ גוף פון אַ צווייטן.
ווער איז דער צווייטער?
בוים, וואָס אין וואַלד, איז דער צווייטער,
שוועל פון דעם שטוב אויף בערעזענער גאַס —
שוועל איז דער צווייטער.
אינגל דו מיינער, אינגל דו מיינער,
איך בין דיין טאַטע דער רויטער.
טראָג אויף דיין האַנט מיינע אַלע באַרירן,
טראָג אויף דיין מויל מיינע קושן,
וואָס איך האָב געוואָלט און געזאָלט
און אייביק ג ע ש ע מ ט ז י ך דיר געבן.
און אויך מיינע ווערטער,
וואָס איך האָב אין אָרימקייט,
וואָס איך האָב אין טרויער
פ אַ ר ש ט אַ מ ל ט — —
ליגנדיק אונטערן ערד,
געזען האָב איך ליכט פון דיין לעבן —

ליכט פון א הארץ,
וואָס ערשט נאָכן טויט ווערט עס אָפן.
ליגנדיק אונטערן ערד
געהערט האָב איך אַלע געשרייען,
געזען אַלע פּיינען און שטראָפן
און אויפגאַנג פון נייטאָג
אין דיינע אַרונטערגעלאָזטע דערווייטערטע אויגן.
הייב אויף דיינע אויגן
און זע, וויפיל ליכט איבער דיר,
און איבער דעם שטיבל
וואו דו האָסט געגעבן דעם ערשטן געשריי
אין ווייסן לעגענדישן כסלו.
ליגנדיק אונטערן ערד
האָט ליכט זיך צעעפנט,
האָט וואָרט זיך אַנטפּלעקט — איך זאָל קענען
פאַר דיר, ווען דו'סט קומען,
(און קומען, געוואוסט האָב איך, מוזטו!)
דיך אויפנעמען
מיט לייכטע,
מיט קלאָרע,
מיט שטראָמיקע,
ליכטיקע ווערטער. — —"

אזוי האָט גערעדט מיין טאַטע
פון אונטערן בערגל.

III

פריש
מיין געזעגנג צו דיר,
און ניי, —
ניט ווי אַלעמאָל און ביז אַהער, —
ווען איך בין אָן דער זייט פון דיר געגאַנגען
און פאַרביי, —
פּאַטער.

נאָך זייענדיק אַ אינגל,
צוועלף יאָר אַלט, —
געטראָגן האָב איך שוין אין זיך
צורייצטן פּולווער
קעגן דיין געשטאַלט,
פּאַטער.

און יעדעס מאָל,
ווען איך פלעג הערן פון דיין מויל:
— מ'טאָר ניט!
פלעגט פּולווער אין מיין האַרץ
אַ פלאַקער טאָן און אויפרייסן:
— געבאָר ניט!

איך בין שפּיזיקער געווען פאַר דיר, —
און אונזער שטיבל
איז קליין און ענג געווען
אַפילו פאַר דיין אייגענעם פּאַראיבל,
פּאַטער.

וויפיל יאָרן כ'האָב אַליין אין פיין פאַרשניטן
פּאַטער, —
פאַרשניטן און פאַרטיליקט —
ביז וואַנען איך האָב דיך דערזען
אין גרויס פון וועלט,
און ניט פון שטיבל־ווענט, —
און דאַמאָלסט זיך אַליין באַוויליקט, —
פּאַטער.

מאַרשן

קיינער וויל ניט לעבן מער מיט זכות פֿון אבות,
קיינער וויל ניט מזכיר זיין געוועזענע לויה;
אויפֿן בוידים פֿון דער קאַלטער שול זיצן בלינדע סאָוועס
און האַלטן אין די שנאָבלען אַ צעבלוטיקטן דעם שם הויה.

אַנטקעגן איבער שטייט דער פּראַוואָסלאַוונער קלויסטער
און האָט ניט וואו אַהינטאָן זיינע קעפּ־קופּאָלן;
אין ווּיסטעניש פֿון גלעקער וויגט זיך ישו דער געקרייצטער,
די צינגער פֿון די גלעקער האָבן אויסגעפּיקט די קאָמסאָמאָלן.

און איבער אַלע געסלאַך — טריאומפירנדיקע מאַרשן,
און זון אויף אַלעמען, ווי דורכזיכטיקער עמבער;
און אויסרופֿן פֿון יוגנט וויגן זיך ווי פּולע קאַרשן
אויף די צווייגן — אויף די שעה'ן — פֿונם זיבעטן נאָוועמבער.

אויפֿן אַלטן מאַרק — אַ טויער פֿון געקנופּטע ברעטער, —
טויער־רעוואָלוציע, — דורך אים מיט רויטע פֿאָנען
האָט גאַנצע שטעטל שפּאַנט, — און אויך מיין אַלטער פֿעטער
מאַרשירט אַדורך מיט קינדישן, מיט יאָלדעשדיקן פּנים.

אַלטע פּעטערס

אין שטוב פון מיינע ברידער, — שטוב מיט קליינע פענצטער, —
איך רוק אַריין מיין קאָפּ און אײַלנבויגן;
איך בין פון אייך דער שטילסטער און דער קלענסטער,
פאַרוואָס ברענען אַזוי וואָלפיש מיינע אויגן?

איר האָט מיך ניט דערקענט, און איך דערקען אייך.
מיר קומט קיין אויבן־אָן, — מיר קומט אַ שוועל אַ הארטער;
פאַר זכיה אין פאַרשעמטקייט דאָ צו זען אייך,
זאָל שטיין ביים טיר דער אורח דער געוואַרטער.

עס קומען אַלטע פּעטערס מיט די קרומע שטיוול,
מיט הויקערדיקע פּלייצעס, און מיט בערד ווי קאָלטנס;
אין יעדנס האַנט אַן אַדרעס פון אַ טויטן בריוול
אויף אַ נאָמען אַ פאַרמעקטן, אַ צעקנאָלטן.

ווי אָפּגענאַרטע נעמען אַלטע פּעטערס קוקן
מיט די אויגן, די דערטרונקענע אין יאָרן;
און מיט דער לעצטער איינגע׳עקשנ׳טקייט פון אַ מסוכן,
פּלעמלען זיי פאַנאַנדער זייער אַשיקן זכרון.

זיי נעמען אויסדערציילן הערצער ביטער,
און קריוודעס לייגן זיך אויף דיל ווי האָרבן;
און רייד, אַרויסגעשאָטענע דורך ציינער שיטער,
באַוויינען שוין צום צענטן מאָל באַקלאָגטן קרבן.

איך הער זיך צו מיט גליווערדיקן שווייגן,
און אַז איך זאָג עפּעס, רייצט אויף דאָס זאָגן
נאָך מער די קריוודעס זייערע, דער ווייַ נעמט שטייגן, —
אַזוי אַ נאַכט אַ לאַנגע, ביז עס הייבט אָן טאָגן.

אויף יעסענינ׳ס טויט*)

I

איך האָב געזען דיך אויף ניו יאָרקער גאַסן
אין רויטע שטיוועלאַך און אין צילינדער;
האָסט אַלעמען דערצאָרנט ביז צום האַסן —
אַ בלאָנדער וואָלף צווישן טענצער־קינדער.

איצט זע איך דיך אַ צווייטן מאָל: מען טראָגט דיך,
אָן רויטע שטיוועלאַך און אָן צילינדער;
מען הייבט דיך ארום פושקינען און מען באַקלאָגט דיך
ווי רוסלאַנד׳ס איינעם פון די בעסטע קינדער.

מען איז דיר מוחל אַלע דיינע שטות׳ן,
דיין לעבן, וואָס דו האָסט צו יונג פאַרטרונקען;
ניט מוחל איז דיר נאָר אין דאַרף דאָס יונגע סוס׳ל —
זיין שפּרונג פאַרביטן האָסט אויף טענץ פון דונקאַן.

ניט מוחל זיין וועט אויך די צויג די ווייסטע
מיט אירע הינטלאַך — צאַפּלדיקע גופ׳ן,
אַוועקגעשלעפּטע איינס נאָך איינס צום טייך... וואו ביסטו?—
מיזיניקל וועט רופן — ניט דעררופן.

מיזיניקלען האָסטו פאַרוויגט אויף דער לבנה —
איצט ווער וועט אכטונג געבן אויף זיין שטייגל?
די ריזן־מענטשן פון דיין לאַנד א י נ אַ נ י אַ,
זיי קוקן אויף לבנה און זיי שווייגן.

איצט קלאָגט די צויג מיט אַלעמען צוזאַמען
אַהינטער פּלויטן מיט אַ ליפּ צעשפּאָלטן, —
ווייל דו האָסט זי דערהויבן צו אַ מאַמע׳ן,
און פּלוצלונג אַזוי תליה׳דיק פאַרשאָלטן.

*) יעסענין, איינער פון די בעסטע פּאָעטן פון סאָוועטנפאַרבאַנד, איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

II

שפּיל לאָזט זיך אויס — הייבט זיך אָן
זיך קיינמאָל ניט איבערצערייסן ;
בחור, דו בלאָנדער, וואָס האָסטו געטאָן
מיט דיין האַלדז מיט דיין ווייסן ?

שפּיל צוליב קלאַנג, צוליב מאָס —
אייגן בלוט דו פאַרגיסער ; —
ווײַן פון ליד איז זיס, נו, איז וואָס ? —
אָבער בלוט איז דאָך זיסער.

אָט זע איך דיך פריש, ווי דו ליגסט
אין דיין בלומיקן ארון,
אזוי ווי אַ סנאָפּ אַ צעפליקטס
פון פאַרשניטענעם קאָרן.

דעם שניטער מען זוכט מיט גערוף,
ער דאַרף די מינוט, דוכט זיך, קומען ;
ער קומט ניט — דיין סנאָפּיקער גוף
טאַנצט אַרויס פון די בלומען.

טאַנצט אַרויס און צעשיט זיך אויף שטיק
אויף פאַנאַנדערגעשלייִדערטע זאַנגען ;
אויך ד אָ ר ט, אויפן פעטליע פון שטריק,
ניט קיין האַלדז, נאָר אַ זאַנג איז געהאַנגען.

ערד

קומען און אריינגראָבן אַ שטעקן
און זאָגן: אָט דאָ איז מיין לאַנד,
און צום אָרום און צו אַלע פיר עקן
אויסשטרעקן אַ חבר'שע האַנט.

ניט כשוף פון אַלטע קברים,
ניט טרויער פון אַ פאַרקלונגענער שפּראַך,
נאָר ריח פון רויערד און וואָרים,
און דאָרן און קאָרן און דאַך.

אויף די ליפּן ניט צען געבאָטן,
נאָר איין־און־איינציק געבאָט: מי;
ווי באַמיסטיקונג אויף בייטן צעשאָטן
די זינגעוודיקע מידקייט פון קני.

שוואַרצע רעמלאַך אָרום נעגל,
און פייער דורך הויט און ביין,
ביז ס'גייט אויף אַ צירה, אַ סגל
פון גרין גראָז אויפן אָרט פון שטיין.

זון אויפשיין

(די אידישע קאָלאָניסטן
פון קרים געווידמעט)

טאַנצט, שוועלן, טאַנצט, קוימענס,
הילט זיך, פעלדער, אין באַגינענדיקן ווייַרוך;
זיבנפענצטערדיק צעפראַלן זיך די רוימען
פאַרן אָנקום פונם מזרח'דיקן אורח.

גוט איז אונז אַלעמען צו זיין געפּעדערט,
אונטערטראָגן אונזער קאָפּ צום גאָב פון פלאַקער,
און דערנאָך, מיט אַלע בייטען פון די פעלדער,
זיך אַנידערלייגן וואַרטן אויפן אַקער.

אַקער לאָזט ניט לאַנג אויף זיך צו וואַרטן,
זיינע ציינער זיינען נאָך פון נאַכט געשליפן;
דורכגעשפּאָלטן ערשטן שאָלאַכץ הארטן —
עפענען אַליין זיך שוין די ווייכע טיפן.

אויך צו אונז וואָס נענטער, שטאָל פון ציינער!
אונזער לייב איז דינער נאָך און ווייכער;
נעם אָ, זיסער שוידער, דורך אונז אַלע ביינער,
ביז פון אונזער דינקייט וועט ניט זיין קיין זכר.

אַקער איבער אונז — אַקער שוין אַריבער,
לונגען אונזערע — צעעפנטע פיר ווייטן;
צו דעם ליבן שוועל פון אונזער נייעם שטיבל —
דער, וואָס דאַרף פאַרזייען אונז, שוין קומט צו רייטן.

אָט־אָ בינדט ער צו צום ברייטן גאַרטל
קאָרב מיט זריעה, און זיין האַנט נעמט זייען; —
ווי געוואַרט אויף אַקער — אויך אויף זאָמען וואַרטן,
דורכגעזוניקטע, אין ריי מיט אַלע רייען.

פול מיט ווּאַרטונג

פול מיט וואַרטונג מיין טיר.
קום אריין, קום אריין;
מיר'ןביידע ביז פרי
גוטע אורחים דאָ זיין.

אזא היימישדיק לאַנד
טראָגט, מיט האמער און סערפּ
און מיט פאָנען, אויף האנט
פול געלאָדענע קערב.

און פון קאָרב און פון פאָן
ווייט אַ ריח אַ זיס
פון געהאָניקטן מאָן
און געבראָטענע ניס.

צום צימערל'ס טיש
טראָגט אַ קאָרב זיך אריין: —
ניס און מאָנעלאַך פריש,
און אין קוילעשקעס — וויין.

און אַ פאָן ניט פון זייד,
נאָר פון דאָרפישן ציץ —
אין געפייערטן לייד
איבער אַלעמען בליט.

אזא נאַכט אָט־אָ־דאָ
אויף סאָוועטישער ערד; —
אונזער צייטיקער יאָ —
אָנגעזאָטלטער פערד.

אויפֿן זאָטל אַ פּלי,
און — געיעג אויף געיאָג.
און דורך נאַכט און ביז פּרי
און צום טויער פֿון טאָג.

און דער טויער פֿון טאָג
וואַרט שוין לאַנג, — אַ ווי לאַנג —
ווי די גאַס, ווי דער ראָג,
אויף דערפֿרייטן געזאַנג.

צפון׳דיקער שליאַך

אין די אָרימס דיינע נעם אריין, פֿאַרקלאַמער,
צפון׳דיקער, גליהענדיקער שליאַך.
גוט איז אונטער דיינע שטערן — סערפּ און האַמער,
רוסלאַנד, אונטער דיין צושטראַלטן דאַך.

ס׳ליגט אַ טישטוך שוין אויף דיינע טישן, רוסלאַנד,
אונטער דיינע שנייען וואַרט געוויקס;
באָרשטש ווי ווײַרוך רויכערט זיך פֿון דיינע שיסלען,
און דיין האַנט אַ גאָפּל הייבט אָנשטאָט אַ ביקס.

ניט שיין איז אפשר קומען אויף אַ גרייטן מאָלצייט,
נאָך מאוס׳ער ניט אָנרירן געבענטשטן ווײַן;
און אויב איך קען ניט ווי מחותן שטאָלץ זײַן, —
צווישן דיין קאַפּעליע זאָל איך בדחן זײַן.

זאָל איך אויפֿרופֿן צו פֿריילאַכס מיינע יאָרן,
צו אַ נגון פֿון אַנ׳אַנדערשטיקן טראָט —
שטייגנדיקע יום־טובֿ׳דיקע פּאָרן
אין אַ ווייסן אַ צעשפּילטן קאַראַהאָד.

אין באַן

אַט אַזוי אויף באַנק אויף האַרטער
ליגן צוגעשפּאַרט צום שווינדל־שויב;
באַן, מיין באַן, גע׳חלומ׳טער, געוואַרטער,
מיך, אין נאַכט גענידערטן, דערהייב.

אונטער דיינע רעדער ניט קיין שפּאַלן, —
רוקן־ביין פון אונזער ערד, מיין באַן;
יאָג וואָס שטאַרקער, ביז עס הייבט אָן פאַלן
האַגלדיק אין שויב: וואוהין, פון וואַן?

האַגלשטיינער זיינען אַלעמען באַקאַנט שוין,
דאָך מיט פרישן ציטער נעם איך אויף
יעדן אויפשפּרונג פון מיין שאָטן אויפן וואַנטשיין,
יעדן אויסצי פון מיין ביינערדיקן גוף.

אַלע אבֿרים מיינע הויבן אָן צו שפּרינגען,
צי זיך אויס ווי רעלס, מיין ווייסער ביין;
זעסט, די האַרטע באַנק אַפילו נעמט שוין זינגען,
און אַרומנעמען מיט ליבשאַפט זיך אַליין.

היינט בין איך אַליין דער ענטפער קלאָרער,
און געקניפּט מיט יעדן דורכגעיאָגטן שפּאַן;
רוקן־ביין פון מיר, פון וועלט פון גאָרער —
ווי ביין באַהעפט אין ביין פון פרוי און מאַן.

שווייגנדיקע לידער

שווייגנדיקע לידער אויף די ביימער הענגען —
ווינטערדיקע עפּל אינם העל פון טאָג;
ווי זאָל איך דורך דיר זיך דורכטראָגן, זיך ברענגען,
לאַנד — היים־לאַנד, זאָג.

וויפיל אָפּצו׳חלומ׳ען אַ מענטש דאַרף יאָרן
כדי צו קומען און דערזען דיין וואַר:
צו דערשפּירן אין דיין הויט גערוך פון קאָרן,
שאַרף פון שוואַרצן ברויט אין דיינע האָר.

און אַרומכאַפּן מיט אָרימס דיינע קנעכלאַך,
ווי מען כאַפּט אַוועקטראָגן צום דרעש אַ סנאָפּ;
שניי און לידער; — און די אויגן־דעכלאַך
ווי הסכמות לאָזן זיך אַראָפּ.

אָטעם נאַקעטער, ווי ווינט, אויף דיינע קליידער,
שנירלאַך פּיבערן אויף העקלאַך פון דיין שוך;
גוף, גענענטער ווי מקוים׳דיקער נדר,
אויפגעגאַנגענער ווי פריש געפּליקטע פּוך.

דיך דערקענט האָב איך אין טעג אַזוינע גרויסע,
פולע רויטע מילגרוימען — אַזוינע טעג;
אָפּשייד קומט. — נאָר אַלע גלידער ווייסן:
ניי באַגעגעניש וועט קרוינען נייעם וועג.

אויף די שליאַכן יעדעס זעמדל, שטיינדל,
וואָס איך דיר אָן מיט מיין אורח׳דיקער פוס,
זאָל געבענטשט זיין, ווי אַנ׳עופה׳לעס אַ ציינדל,
אָן אַריינגעביסן אין דער מאַמע׳ס ברוסט.

אָוונט קומט שוין אָן. ווי וויין געשמאַקן
טרינק איך בענקשאַפט — שפּע׳דיקן לוין,
און עס טוליען זיך צו מיינע דרעמל־באַקן
שעה׳ן ליכטיקע, ווי קלאָרע ציין.

דיינע ברכות

דיינע ברכות, היים, ווי פויגלען ווייסע
טראָגן זיך אַריבער בערג און היילן.
אין מיין האַרץ — דיין וואונדער־מעשה
אונטער אַלע הימלען צו דערציילן.

וועמענס נאָמען נאָך באַזונדערער דערמאָנען?
אַז די ליפּן מיינע זיינען שוין אַליין, ווי בינען,
צוגעפאַלן צו דעם בעכער פון דיין נאָמען,
וואָס איז פול מיט ליבשאַפט און מיט זינען.

וויפיל טעג אין שטוב ביי דיר געגאַסטיקט,
שווייגנדיק געקוקט האָב איך אויף וואונדער,
ווי דיין ברוסט ווערט פליגלדיק און האַסטיק,
און די לענדן דיינע סאַמעטענער, רונדער.

און דערזען האָב איך געבורט פון שמייכל
איבער גאָר דיין ערד צעגאָסן;
אויגן קלאָרע, ווי דעם גאונ׳ס שכל,
האָבן דורכגעבליצט און זיך פאַרשלאָסן.

זאָלן אויגן זיין פאַרשלאָסן, זאָלן.
אונזער פרייד איז סיי ווי סיי געבאָרן.
אונזער פרייד — אויף רחבות׳דיקע טאָלן,
אונזער פרייד — צווישן גאָלד פון קאָרן.

אונזער פרייד, די ברעמען צו פאַרמאַכן,
שפּילט פאַר זיך אַליין אַזאַ מין נגון,
וואָס עס שפּילט דער ווינט אויף רוסלאַנד׳ס שליאַכן
א פאַרהוליעטע בעריאָזע צו פאַרוויגן.

רוסלאַנד׳ס שליאַכן — אויסגעבלייכטע פידלען —
פיסלאַך קינדישע — צו אייך זיך טוליען ;
רו פאַר העק, פאַר רעדער און פאַר רידלען,
ביז די פיסלאַך וועלן ווידער אויפשטיין הוליען.

רו צו דעכעלאַך פון נעבאַכדיקן שינדל,
רו צו פענצטערלאַך גענידערטע צום בריקל,
רו צו שפּינערן, וואָס האָט דאָס פלינקע שפּינדל
אָפּגעלאָזט אינמיטן פון געוויקל.

מיין געזאַנג צו אַלעמען צו ווענדן —
דורכצוריסן זיך דורך ווענט פון תהום׳ען,
ווייל איך האָב אַרומגעגאַרטלט מיינע לענדן
מיטן ליכט און ליבשאַפט פון דיין נאָמען.

ליד וועגן מיינע דריי ברידער

קינדער פון מיין רויטן טאַטן.
מיינע לאַנגע דאַרע ברידער.
פונם לאַנד דעם וויַיטן, זאַטן —
שיק איך זיי אַ גרוס דורך לידער.

אַט נאָר וואָס געזען זיי נעכטן,
ביי די היימישדיקע שוועלן,
אויפן רייט־פערד, אויף גערעכטן,
אין סאָוועטישע שינעלן.

ערשטער איז אַ קליידער־פאַרבער,
צווייטער איז אַ ברוקן־העקער,
דריטער איז אַמאָל אַ גאַרבער
און אַמאָל אַ בייגל־בעקער.

אויף אַ נאַכטיקן פאַרזאַמל.
ערשטער מאָלט מיט שפּראַך מיט קרומער,
צווייטער וועדגט זיך אין געשטאַמל,
און דער דריטער זיצט אַ שטומער.

קינדער פון מיין רויטן טאַטן.
מיינע לאַנגע דאַרע ברידער.
פונם לאַנד דעם וויַיטן, זאַטן —
שיק איך זיי אַ גרוס דורך לידער.

ווערטער — ניט געשאַרפטע קלעצער,
אויסגעטונקענע אין וויַיטיק,
פאַלן איבער קעפּ און זעצן,
טרעפן שוין אליין וואו נויטיק.

ערשטער הייבט אויף ביידע פויסטן.
צווייטער וויינט אין וואָרג פון קומער;
דריטער — ביידן זיי צו טרייסטן,
שטעלט זיך אויף און—שטייט אַ שטומער.

קינדער פון מיין רויטן טאטן.
מיינע לאנגע דארע ברידער.
פונם לאנד דעם ווייטן, זאטן —
שיק איך זיי א גרוס דורך לידער.

אויפן גאס. אין גלאָק פון ברוקן
קלאפּן שטיוולדיקע צונגען,
ברידער שפּאנען. קאפּ אין רוקן,
ווי אין גרוב אריינגעשלונגען.

ערשטער — פּלוצלונג: מירן זיגן!
אויך דער צווייטער אויף פון שלומער,
אויפן צונג אים ווערטער ליגן, —
נאָר דער דריטער שפּאנט א שטומער.

קינדער פון מיין רויטן טאטן.
מיינע לאנגע דארע ברידער.
פונם לאנד דעם ווייטן, זאטן —
שיק איך זיי א גרוס דורך לידער.

אויף די זאָטלען. ווי די ווינטן,
לאנגע קנעכלאך ווי די ריטער.
און געשווינטער פון געשווינטן
יאָגט דער שווייגנדיקער דריטער.

נאכט אין גראָבנס. נאכט צעשמיסן
אויף באגינענדיקן שייטער,
און אין שלאָף אין לויטער זיסן
רוען מיינע ברידער רייטער.

ערשטער — פּלוצלונג: אויפשטיין, ברידער,
זינגען: זומער, אונזער זומער;
צווייטער טאנצט אין פרייד פון לידער,
נאָר דער דריטער — ליגט א שטומער. — — —

די סעודה

מיר זיינען געזעסן
אַרום אַ טיש,
געגעסן ברויט
און געטרונקען ביר,
און גערעדט רייד
פּראָסטע ווי ברויט.
ביים טיר און ביים שויב
איז געשטאַנען אויף וואך
דעצעמבער פראָסט,
און געהיט געטריי
דעם וואַרימען הויך
פון אונזערע רייד.

דעצעמבער פראָסט, —
מאָסקווער נאַכט —
ווי אַ ווייסער ים,
און מיר, אַרום טיש,
ווי שאַרפע אַנקערס
אַרום אַ שיף.

דאָס ביר האָט געשוימט
איבער גלעזער געקלונג,
און געזאָדן אויף ליפּן
פון חבר׳שאַפט,
און דאָס שוואַרצע ברויט
האָט געאָטעמט מיט לייב,
אַנטקעגן געקומען
מיט זאַלציקער פרייד.

סעודה. סעודה.
און גאָרנישט מער.
געבראָכן דאָס ברויט,
און גאָרנישט מער.

פאַרשוועכטער טיש
פון גאָרער וועלט, —
און אונזער טיש —
געהייליקטער.

איר האָט מיך געזעצט
אויבן אָן, —
בין איך צווישן אייך
דער פאַרשעמטער געווען.

און איר האָט געוואוסט
אז איך בין פאַרשעמט,
און אָפּענער נאָך
און פראָסטער נאָך
געשטרעקט צו מיר
א גלאָז נאָך א גלאָז,
און מיט פויסט געזעצט
אין דעמבענעם טיש.

האָט איינער געזאָגט:
— אמע—רי—קע.
און דאָס וואָרט איז געפאַלן
אויף אַ ברעג פון טיש.

האָט א צווייטער געזאָגט:
— סאָ—וועט—לאַנד.
און דאָס וואָרט איז געפאַלן
אויפן מיטן פון טיש.

האָט דער באַלעבאָס געבראַכט
נאָך אַ שווארצערן ברויט
און אַוועקגעלייגט אים
אויפן מיטן פון טיש,
אויפן סאמע אָרט
וואו ס'איז געפאַלן נאָר וואָס

דעם צווייטנס וואָרט:
סאָוועטנלאַנד.

האָט דער באַלעבאָס גענומען
אַ מעסער אין האַנט
און צעשניטן דאָס ברויט,
דאָס שוואַרצערע נאָך.

מיר האָבן געגעסן
און געטרונקען ביר,
און געהערט דאָס ליד
פונעם אינגסטן פון אונז:

— „פּאָעטן, ברידער,
פון אַלע לענדער,
איך בין דער אינגסטער,
וואָס גייט ערשט אויף,
ווי ווייסער טייג
אין נייעם פורעם,
און פייער קומט
און פלאַמט מיך אויף.

פּאָעטן, ברידער,
פון אַלע לענדער,
צו אייך מיין רוף:
קומט אַלע גרייט,
קומט, זעצט זיך אוים
צו נייסטער סעודה —
ווען איך וועל זיין
ד אָ ס ו ו י י ס ע ב ר ו י ט. —“

איין הייליקע ברידערשאַפט

בגדים בעל־מלאכות׳דיקע,
אויף לענדן — שטריק,
אויף פיס — הארטע שטיוול.
אָבער אונזערע טריט שפרינגען, ווי טריט פון אינדן,
אונזערע פנים׳ער שניידן זיך, ווי שאַרפע לבנות,
איבערן פריידיקן מיטן פון דער וועלט.
געפלעכט אויף אונזערע לענדן — גבורה,
פאַלדן אויף אונזערע פיס — עקשנות,
שפּיציק ליכט אויף אונזער פנים — רצון,
און אויף ליפּן אונזערע די שטומקייט בליט
אין זיבן בליאונגען.
בלי, בלי, שטומקייט,
שפרינגט, טריט אונזערע,
שאַרף זיך, ליכטיקייט,
אויף אונזער פנים!
קיין איין בליאונג האָט נאָך ניט אָפּגעבליט,
קיין איין וואָרט איז נאָך ניט צייטיק געוואָרן, —
זינגען מיר, בעטן מיר:
— וואָרט, ווער צייטיק,
וואָרט, פאַל אַראָפּ,
זינק אַריין
אינם ליכטיקן מיטן פון וועלט!
אַרום צייטיקן וואָרט,
אַריינגעוואַקסענעם,
ווי אַרום אַ טיש אַ דעמבענעם, אַכטפוסיקן —
אַרומזעצן זיך,
איין הייליקע ברידערשאַפט, —
מיט פולן אָטעם אָפּאָטעמען,
אַרויפלייגן די איילנבויגנס און אָנשפּאַרן זיך
איבערן טיש דעם דעמבענעם...
בלי, בלי, שטומקייט,
שפרינגט, וועגן אונזערע,
שאַרף זיך, ליכטיקייט,
אויף אונזער פנים!

דאָס ליד פון מיין חרוב׳ער היים

איך בין געגאַנגען מיט פריש־פאַרשנייטן שליאַך
אין באַגינען,
צום לאַנד פון מיין קינדישער היים.

ס׳איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב׳דיק אויף דער ערד.

איך בין געקומען נאָנט צו אַ וואַלד,
און — ביים וואַלד — צו אַ שטיבל, אַ חורבה,
מיט אַרויסגעהאַקטע טיר־און־פענצטער.
אין שטיבל האָט געוואוינט אַ דאַרער הונט
מיט אויגן און מיט אַן עק פון אַ וואָלף.
דער הונט איז געשטאַנען אויפן שוועל
און געבולן דער מאָרגן־זון אין פּנים אַריין, —
אַזאַ ליד,
אַזאַ וויים־פייערדיק ליד,
אַזאַ ליד,
אַזאַ ליד,
אַזאַ ליד —
האָט דער הונט צום באַגינען געזונגען.

ס׳איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב׳דיק אויף דער ערד.

הונט — אַ שפּרונג צו די פיס מיר
מיט שמחה מיט ווילדער.
אַזוי ווי ער וואָלט דערקענט אַ פאַרלאָרענעם האַר.
איך האָב אַ ציטער געטאָן, אָבער באַלד
האָט אַרומגעכאַפּט אַ שמחה אויך מיך:
אַזאַ נס. אַזאַ זון. אַזאַ פולקייט
גיסט זיך און שטראָמט דורך די לעכער,
אַריין, אַריין אין דער חורבה! —
אַזאַ היים,
אַזאַ וויים־פייערדיק היים,
אַזאַ היים,

אזא היים,
אזא היים, —
האָט די זון צו דער חורבה געזונגען.

ס'איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

הונט האָט געשמעקט מיינע קליידער,
זיך געדרייט ארום מיר א פאַרשווינדלטער,
און מיט אמאָל א שטילער, אָן איבערגעגעבענער,
זיך אוועקגעלייגט ביי די פיס מיר אין שניי.
איך האָב ארויפגעלייגט מיין האנט אויף זיין רוקן,
אים געגלעט איבערן פעל און אזוי געזאָגט:
— ביזט הונגעריק, ביזט דאַר,
און דו האָסט ניט קיינעם מיט דיר;
ווילסט מיר נאָכגיין — גיי,
וועט זיין אויך פריילאַכער מיר;
אָבער זע, קוק:
סאַראַ היים,
דו האָסט אויף דער ערד,
סאַראַ וויים־פייערדיק היים;
אזא היים,
אזא היים,
אזא היים
צי ווילסטו אויף שטענדיק פאַרלאָזן?

ס'איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

דער הונט האָט ארומגעכאַפּט מיינע קני.
זיך צוגעטוליעט. געשוויגן.
דערנאָך זיך א שטעל געטאָן אויף די הינטערשטע פיס,
און אריינגעבילט אין פנים מיר אזוי:
— ביזט ניט הונגעריק, ניט דאַר,
און האָסט אפשר פריינט נאָך וואו;
אָבער וואו וועסטו א צווייטן מאָל זען
אזא היים מיט אויגן אין זון אריין? —
אזא היים,

אזאַ ווייס־פּייערדיק הײם, —
אזאַ היים,
אזאַ היים,
אזאַ היים
לאָמיר ביידע בשותפות באַוואוינען.

ס'איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

איך האָב געזאָגט: יע.
און געלאָזט זיך צו דער טיר פון דער חורבה.
און דער הונט, אַ גליקלאַכער, נאָך מיר;
איך האָב זיך געזעצט אויף דער שוועל פון דער חורבה,
און דער הונט, אַ גליקלאַכער, לעבן מיר;
איך האָב אָנגעשטעלט מיין פּנים אין זון אַריין,
און איך האָב גענומען זינגען,
און דער הונט, אַ גליקלאַכער, מיט מיר: —
אונזער היים,
אונזער ווייס־פּייערדיק היים,
אונזער היים,
אונזער היים,
אונזער היים —
אזוי האָבן מיר ביידע געזונגען.

ס'איז געווען שטיל, ערב־יום־טוב'דיק אויף דער ערד.

.1925—1926

IV

— — — ס'איז דאָ ערגעץ אַ מענטש פון וואונדער.
איך זע אים ניט, נאָר זיין קול דערהער איך — — — —

... כ'האָב אויסגע'חלומ'ט אין עקשנות אַ געשטאַלט,
אַזאַ, וואָס איך זאָל ליב האָבן. — — —

איך האָב אַ פרײַנט אין אַ לאַנד אין אַ ווײַטן

איך האָב אַ פרײַנט אין אַ לאַנד אין אַ ווײַטן,
איך שרײַב צו אים לידער, אַנשטאָט בריוו;
לבנה און שניי, — איבער אַלע פיר זײַטן
מײַן גוף וויגט זיך אום ווי אַ זעגל־שיף.

ניטאָ נאָך אײנער וואָס זאָל זיך פאַרגלײַכן
צו מיר אין אויס'חלומ'ען אַזאַ מײַן לאַנד;
איך יאָג זיך אויף באַנען, איך וואָגל אויף טײַכן,
און בלײַב אַלעמאָל בײַם פאַרבאָטענעם ראַנד.

פאַראורטײלטער גוף, ביזן לעצטן פון גלידער
פאַרקלאַמער, צעבראָכן אין געשרײ פון קראַמף;
אָ, לעבן מײַנס, — בלוט און שפּײַז פאַר לידער,
פאַר אומ'רחמנות'דיקע און שאַרפע ווי קאַמף.

דורך ווענט און שויבן שטעך איך דורך מײַנע אויגן,
איך טרינק דײַן ווײַטקייט, ווי אַ גליק־געטראַנק;
נאָך אײדער מײַן ליד איז צו דיר דערפלויגן
שיק איך נאָך אַ צווײַטס — אַזאַ מײַן דאַנק.

דיין גוף איז דיין

דיין גוף איז דיין — צום איבערברעכן,
דיין האַנט איז צו קליין פֿון פֿאַרמיידן
פֿרומע טעג ניט צו פֿאַרשוועכן
מיט דער פֿרייד פֿון נייע ליידן.

טונקל ווערט מיין ווייסער פּנים,
ווייל עס טונקעלער נאָך ווערן;
דו — פֿון ווייטן — דו דערקאָן אים
אין דער נאָנט אים צו פֿאַרצערן.

איבער גרוי פֿון וועגט און שויבן,
פֿון טאַפּעטן און דיוואַנען,
לויכטסטו אויף אין מיינע לויבן
אין מיין קעניגרייך פֿון דאַנען.

שטורעם, ווינטער-נאַכט

שניי פֿאַרשנייט אונז ביידן־ביידן,
נאָר געפֿינען וועט מען אונז באַזונדער, —
לעצטע ווערטער פֿאָרן זיך פֿאַנאַנדערשיידן
זאָגן אָן דעם קומענדיקן וואונדער.

ווייסע ווייט ווערט נענטער־נענטער,
פֿון פֿאַרשאָטנטקייט אַרויספֿצושטייגן,
עלנד עלנדער ליכט אויף פֿאַרבלענדטער
איבער די, וואָס קומען אויף אין שווייגן.

ווער האָט וועמען נאָר צום ערשט פֿאַרנומען,
האַר געוואָרן, חסד׳יק־באַפֿעלנד?
סיי־ווי־סיי דער אָפּשייד מוז דאָך קומען
מיט זיין גרויסן אוצר — מיט זיין עלנד.

שטורעם, ווינטער־נאַכט, מיט כח בלינדן
וועלט צעשיידן, מענטש פֿאַנאַנדערקניפּן —
מיר וועלן אין שניי זיך איבערווינדן
מיט אַ שמייכל אַ פֿאַראייביקטן אויף ליפּן.

אויף די אַקסלען

איך בין דיין גע'חלומ'טער,
איך בין דיין געהאָפטער,
דו זאָגסט: קום —
קום איך אריין.

די אַקסלען פון טויט טראָגן מיך,
ברייטע, געזונטע, שטאָלענע אַקסלען —
פאָטערלאַכע.

איך בין דיין גע'חלומ'טער,
איך בין דיין געהאָפטער,
דו זאָסט: קום, —
קום איך אריין.

טאַטע־טויט שפּאַנט מיט גרויסע טריט
נאָך גרעסערע פון זיינע אַקסלען;
און אַז טאַטע שפּאַנט — טאַנצן די גאַסן,
טאַטע זאָגט צו מיר: רואיק זיי, זון,
טאַטע זאָגט צו מיר: ליכטיק זיי, זון,
טאַטע זאָגט צו מיר: קינד מיינס.

פענצטער צינדן זיך — שטאָרן צערוקן זיך,
פּנים באַווייזט זיך — פינגער רופן.

איך בין דיין גע'חלומ'טער,
איך בין דיין געהאָפטער,
דו זאָסט: קום, —
קום איך אריין.

טאַטע־טויט היט, ביים טיר שטייט און היט,
א שומר א געטרייער, היט און פאַרהיט
פון אויגן פון פרעמדע, פון שלעכטע.
א פרעמדער פרעגט: וועמען היטסטו ביים טיר?
און טאַטע ענטפערט: מיין זון היט איך.

אזוי ווי ער זאָגט דאָס — ווערט דער פרעמדער נאָנט,
און דער שלעכטער ווערט גוט, און דער טרויער געטרייסט.
מענטשן צעשטראַלן זיך איבער אַלע גאַסן
און זאָגן אָן מיט פרייד:
דער טאַטע טראָגט אויף די אַקסלען דעם זון,
און דער זון איז רואיק,
און דער זון איז ליכטיק.

איך בין דיין גע'חלומ'טער,
איך בין דיין געהאָפּטער,
דו זאָגסט: קום, —
קום איך אַריין. —

ים-באַלאַדע

זי, וואָס ניט צו אָנרופֿן ביים נאָמען,
מיטן ברוינעם פּנים און געשפּיצטן קין,
זע איך אין די ימים׳דיקע שטראָמען
נאָכשווימען רויטהאָריק און מיט אויגן גרין.

מיט די וואַלפֿישן אין זידעניש פֿון שוימען
הוידעט זי זיך אין פֿאַרבענקונג אָפּ און אויף,
האַרטן פֿאַנצער פֿון מיין שיף, מיין שיף פֿון טרוימען,
אָנצורירן איינמאָל מיט פֿאַרליבטן גוף.

ווייטער פֿאַנצער פֿון מיין שיף נאָך ווייטער,
איך רוף אויס מיט הייסן קול: — פֿאַרבלייב
ביז אין אייביקייט אין תהום׳יקן געלייטער
מיט דיין תאווה׳דיקן ניט באַרירטן לייב.

זי פֿאַרנעמט מיין קול — מיין קול פֿון חתן, —
חתן, וואָס וועט קיינמאָל ווערן מאַן;
יאָגט מיך מער ניט נאָך. מיט אויג געשלאָסן
נידערט זי צום דעק פֿון אָקעאַן.

נאַכט צעשפּרייט זיך איבער מאַסטן אַלע,
שטערן טוליען זיך, ווי ווייסע שאָף;
אויפֿן אָפּגרונט, אויפֿן גראָז-געוועב, מיין כּלה
שלאָפֿט איר אייביקן, פֿאַר׳חופּה׳דיקן שלאָף.

האַלבע נאַכט. איך רוף. ניט צו דעררופֿן.
מיינע אויגן פּלוצלונג בלענדן אויף:
פֿונעם אָפּגרונט-דעק דער ליכטיקסטער פֿון גוף׳ן
הייבט זיך, הייבט זיך ביז ער שווימט אַרויף.

שווימט אַרויף אַן אויסגעצויגענער, אַ גלייכער;
שטערן שיידן זיך, צעפּאַלן אין פֿאַרגיין;
כּלה — קעניגין פֿון אַלע קעניגרייכן,
איבער ים און הימל אייביק און אַליין.

צו אָפּענער וועלט

איך שעם זיך צו זאָגן, אָבער איך זאָג:
מיין ליִיב איז ווייסער ווי שניי;
און מיט די שאָטנס פון ענדע טאָג
דאָס זאָגן וואַקסט אויס אין געשריי.

און דאָס געשריי איז פראָסט און שאַרף,
ווי אַ גראַב־אייזן, ווי אַ האַק,
און איך צעשנייד זיך אַליין און צעוואַרף:
דאָ — אַ האַנט, דאָ — אַן אויג, אַ באַק.

דערנאָך — אַ צווייט געשריי צו דיר:
גיי אויף דו איבער מיר מיט דיין גוף;
אַן אָטעם, אַ הויך, אַ באַריר —
און קלייב מיך און זאַמל מיך אויף.

דערנאָך — אַ געשריי צום דריטן מאָל,
געשריי פון דערגרייכטן גליק;
ביז וואַנען — צווישן די ציין מיין קול
בלייבט שטעקן ווי אייז אַ שטיק.

דערנאָך — אויך דו, ניט רייד, ניט פרעג,
נאָר פון די ענגע פון מיינע ווענט,
צו אָ פּ ע נ ע ר וועלט, צום ג ר ו י ס ן וועג,
טראָג מיך אַרויס אויף דיינע הענט.

אויסדערוויילט

— נו, אזוי זאָל עס זיין. — איך קלייב אוים איינעם
פון אַלע מיליאָנען מענטשן פון שטאָט,
און צו אים זינג איך, נאָך אים בויינק איך, און איך קרוין אים
פאַר מיין אויסדערוויילטן גאָט.

ניט צו באַליידיקן און ניט צו צעשטערן
מיין בונד מיט אַנדערע, — נאָר פאַרקערט,
איך געהער איינעם — טו איך אַלעמען געהערן,
און ליב ווערט מיר אַלץ, וואָס אויף דער ערד.

מיין אויסדערוויילטער מענטש איז סיי ווי פון ווייטן,
און מיר איז גענוג אַרויסזאָגן זיין נאָמען ווען, —
אַז איך זאָל קענען, קומענדיק צווישן לייטן,
אין יעדן איינעם אויסדערוויילטקייט זען.

מענטש געקרוינטער, ניט גרינג איז מיר צו ברענגען
מיין הארץ צו יום־טוב'דיקער עבודה פון גליק,
ווען איך זע גאָר, בסוד אַמאָל, מיין לעבן הענגען
אויף אַ זייער וואַכעדיקער און פּראָסטער שטריק.

אָבער איך מוז! איך טראָג מיין הארץ אין פּולן
צו דיינע פינגער מיט זייער דינעם פּלאַם,
און איך וויקל אָפּ, ווי מען וויקלט פאַנאַנדער שפּולן,
מיינע טעג פון זייער גאַנצן אָנגעקנוילטן כלאַם.

און איך שטיי פאַר דיר, אפילו ווען ביסט ניטאָ אַנטקעגן,
ווי אַ קינד פאַר זיין פייערונג פון אַ נייעם יאָר, —
כאָטש מיין גרעסטער אמת אויף דער וועלט — און אויך פאַרמעגן
איז דער אמת פון מיינע גרויע האָר.

גלויב

ווי מילשטיינער — אונזערע ווערטער
צעמאָלן דאָס הארץ אונז אויף שטויב;
אָ, פריינט מיינער, מיר ניט באַשערטער,
אין אונזער באַשערטקייט ג ל ו י ב.

ניט יעטווידן מענטש איז געגעבן
אזא ניט געוויינלאכער גליק —
צו אויפשטראַלן איינמאָל אין לעבן,
און מער זיך ניט ווייזן צוריק.

און גאָר אין א זעלטענער רגע,
ווי צו א באַלאַגערטן לאַנד,
זאָל איינער צום צווייטנס געלעגער
א וואָרף טאָן דעם שאַרף פון זיין האַנט.

א קאָפּ זאָל א פלאַם טאָן אין רויטן,
א לייב זאָל א בלענד טאָן, און — אויס;
אָ, פריינט מיינער, זינג צום צעשיידטן, —
דאָס ליד פון צעשיידונג מאַך גרויס!

אַזאַ נאַכט

אזא נאכט, ביז באגינען —
אין שפּיל מיטן טויט,
מיטן אייגענעם זינען;
מענטשן צו רופן,
מיט מענטשן צו זיין;
דיך צו דעררופן,
מיט דיר צו זיין;
זאָלסט קומען מיך זוכן,
און מיך אויף אייביק געווינען. —

עס נעמט מיך דורך גליק,
איך ווער ע ר ד,
געקנאָטן פון איין שטיק,
וואָס צו דיר נאָר געהערט.

שוועסטער — מיין פרייד

דער טרויער פון איינעם — א שליסל צום הארצן פון צווייטן,
און אונזערע לעבנס באהעפטן זיך דורך אלע צייטן;
היינט ווארף איך אראפ פון זיך דעם זאק פון אבלות,
און איך גיי מיט געזאנג אנטקעגן שמחה פון שמחות,
איך וויג זיך, איך הוידע זיך איבער בראנקסער אלייען,
איבער איסטסיידער גאסן,
איבער האדסאנער ברעגן,
איבער וויליאמסבורג בריק, —
וועגן, איבער וועלכע איך גיי דיר אנטקעגן,
שוועסטער — מיין פרייד.

נעכטן — באגעגנט,
היינט — באגעגנט,
מארגן — דער צייכן פון אונזערע טריט
וועט בליען איבער אלע אספאלטן;
איך וועל רייטן אויפן קארק פון די מארגנס
איבער בראנקסער אלייען,
איבער איסטסיידער גאסן,
איבער האדסאנער ברעגן,
און פלעגן די בליאונגען פון אונזערע טריט —
שוועסטער — מיין פרייד.

טרעגער

קעלערס. הויפן. עוועניוס. פּאַרקן.
פּלייציקע טרעגער, אין רויטן פרימאָרגן,
טראָגן אויף איבערגעלאָדענע קאַרקן
זעק פרישגעפּאַקטע מיט נויטן און זאָרגן.

און וואו נאָר א טויער, און וואו נאָר א גאָרן —
שטעלן זיי צו חלקים׳ווייז נויטן, —
איידער די מילכלייט נאָך קומען צו פאָרן,
איידער די בעקער נאָך שטעלן צו ברויטן.

אָפּגעטאָן זייערס — פונאַנדערצוטיילן,
גיבן א טאַנץ די פּאַרטאַגיקע טרעגער,
טאַנצן אריין אין געמויערטע היילן,
פאַלן צו שלאָפן אויף קאַלטע געלעגער.

שלאָפן און וויינען אין רו אין ניט גוטער,
ווערן אַנטשוויגן אין שמייכל דערפרייטן, —
דאַמאָלסט, ווען ליכטיקע פינגער פון מוטערס
עפענען טירן פאַר מילך און פּאַר ברויטן.

דאַמאָלסט, ווען ליכטיקע פינגער פון מוטערס
זעצן אוים קינדער ביים טיש פון פרימאָרגן,
און שיטן אויף בייגל, אויף קעז און אויף פּוטער
זאַלציקן צומיש פון נויטן און זאָרגן. —

מיין ליכטיק ליד

מיין ליכטיק ליד צו דיר, אוועקגעפלויגענער,
מיין אויסגעשטרעקטע האַנט צו דיינע ווייטן;
דיין סליאַד אין שניי, — און שניי צוגייט, מיין אייגענער, —
דיין סליאַד אָבער פאַרבלייבט אויף אַלע צייטן.

געשטאַנען ביי דיין טיר אויף ניט צו עפענען,
גערעדט צום שוועל אַזוי ווי צו אַ גלייכן:
— אַ העלף מיר, שוועל, דאָס האַרץ באַוואָפענען
מיט לעצטן מוט פון טיר און טרעפ צו וויכן.

דער שוועל האָט אויפגעשטראַלט אַזאַ פאַרברידערטער,
און ווי אַ חבר מיר געגלעט דעם שטערן;
און איך האָב שטויב געקושט אַזאַ גענידערטער,
כדי דורך דיר דערהויבענער צו ווערן.

אויף אַלע זאַכן פון דער וועלט דיין אָנדיינקען,
און וועגט און ברוק דיין אָטעם הערן;
אַזוי ווי אָן דיין האַנט טו איך זיך אָנהייגנען,
ווען עלנד קומט, אַן יעדער גאַס לאַמטערן.

אַן אָנגעהאַנגענער — צו דורכגייער צו אַלעמען
מיין לייב — מיין ליד — מיט שמחה טו איך געבן,
אַ מענטש אַ גליקלאַכער, צי אַ פאַרפאַלענער —
אַ יעדער טראָגט אין זיך אַ ניצוץ פון דיין לעבן.

דער וועג פונם צדיק

איבער פאַרנאַכטיקן וועג, איבער שניי,
אַנטקעגן דעם ליכט פון לאַמטערנען,
האָבן מיר געטראָגן זאַלבאַצווייט
דעם א ו י פ ש ט א נ ד פון אונזערע פּנים׳ער.
אַ שטיינערנע באַנק,
אָן דער זייט, אונטער נאַקעטע בוימער,
האָט געוואַרט מיט פאַרליבטקייט אויף אונז —
וויפיל טעג,
וויפיל וואָכן —
נאָרביידע מיר האָבן פאַראַטן די באַנק,
און איינער אַנטקעגן דעם צווייטן פאַרבראָכן.
געוואָלט האָב איך זאָגן
פּראָסט און אָפן:
— נעם מיך,
האָב מיך,
אײדער די רגע די לעצטע פון טאָג איז פאַרלאָפן. — — — —
— — — (אָ, איצט, אין דער נאַכט אין דער שפּעטער,
זאָג איך דאָס אָפן צום שרייב־טיש, צום לאָמפּ,
צום ווייס פון פּאַפּירענע בלעטער,
אָ, איצט, אין דער נאַכט אין דער שפּעטער) — — — —

נאָר דעמאָלט געזאָגט האָב איך אַנדערש, מיט שפּאָט:
— אין שניי אונזער וועג,
ווי דער וועג פונם צדיק, וואָס שפּאַנט צום גן־עדן
מיט שטילן, מיט הייליקן טראָט, —
און פרידן און גליק צו אונז ביידן.
מיט טרויער געענטפערט האָסטו:
— ניטאָ אַרום אונז קיין פרידן,
ניטאָ אין אונז קיין רו.

און איך האָב געזאָגט:
— אַליץ, וואָס מען קען פאַרמיידן,
האָבן מיר, דוכט זיך, פאַרמידן,
און דאָך איז דאָס הארץ אין אונז
נאָך פול מיט געוויין און מיט ליידן.

דו — האָסט געשוויגן.
איך — ווידער:
— אויף נאַקעטע צווייגן פון ביימער
זעצן זיך אוים מיינע ווערטער
און זיצן, ווי פויגלען פאַרטאַיעטע,
און קוקן מיט גלעזערנע אויגן
אויף אונז, ווי מיר גייען צושיידטע
מיטן וועג, וואָס איז קאַלט, ווי דער וועג צום גן־עדן.

דו — האָסט געשוויגן.
איך — ווידער:
— וועל זינגען, וועל זינגען לידער
וועגן הייליקן גליק פונם צדיק;
וועל זינגען, וועל זינגען לידער
וועגן הייליקן טויט פונם צדיק;
וועל זינגען, וועל זינגען לידער
וועגן הייליקן וועג צום גן־עדן.

מיין גאָלדענע פרעמד

זאָל זיך אייך דוכטן —
איך בין אין ווייטן וועג, —
כאָטש איך שפּאַן ארום צווישן די ווענט פון צימערן, —
און איך שרייב בריוו,
וואָס זעען אוים ווי לידער,
צו פריינט צו נאָנטע,
און צום נאָנטסטן פון זיי —
מיט וועמען איך וועל, אפשר, ניט זען זיך ווידער.

דאָס וואָרט „ווידער"
נאָך ניט ארויסגערעדט —
בלייבט ליגן דערוואָרגן צווישן די ציין;
און דאָס וואָרט „קיינמאָל"
שניידט זיך אריין,
ווי א נזיר־קייט,
אויפן נאַקעטן לייב ביזן מאַרך פוןביין.

וואוהין פירט מיך
דער וועג אָט דער, —
דער וועג אָט דער דורך שטוביקע ווענט? —
אז איך בין גאָר היינט
איבער זיבן ימ'ען,
אז איך בין גאָר היינט
אין דער גאָלדענער פרעמד.

מיר האָט שוין דערעסן
א פאַרשטעלטער צו זיין —
בין איך אוועק
צו דער גאָלדענער פרעמד;
שמייכל, מיין שאָטן,
שמייכל, מיין ברודער,
שפּרייט זיך אריבער מיינע שטוביקע ווענט.

איך נאַר ניט קיינעם,
און אויך ניט זיך —
אַ פרייד אַזאַ איז צו מיר געקומען;
איך קלאַפּ אין שויב
און איך רוף פאַרבייגייער,
איך רוף מענטשן מיט מיין דאַרשטיקן גומען.

עס זעט אויס מאָדנע,
ניט אמת, יע?
עס דרייט זיך מיין ליד אַזוי ווי אַ שלאַנג; —
אַז ס׳איז ניט קיין געזאַנג,
ניין, ניין, ניין. —
זאָל זיך אייך דוכטן,
אַז אין מיטן גאַס
ריים איך אַלץ איבער אין רעכטן גאַנג.

איך גיב זיך אַ שלײַדער
צו אַלע פיר זייטן,
און מיטאַמאָל — אַ פאַל אויף ביידע קני;
נו, זאָגט אַליין,
איז דאָס ניט וואונדערליך?
זעט עס ניט אויס דען,
ווי אַ קינדישער חלום פון לאַנד פון ניט־הי?

אָן די ווענט פון גאַסן
שלאָגט זיך אָפּ דער עכאָ
פון ווייטע ווערטער: מיין אייגענער, — טייערער;
נו, זאָגט אַליין,
איז דאָס ניט מאָדנע,
וואָס איך בין פאַר אייך אַזאַ אָפענער — אייערער?

מענטשן, מענטשן, —
ווער קען מיך דאָ?
און איר זיינט פאַר מיר
אַזוינע אויך פרעמדע;
און זעט, ס׳אַראַ גליק — צו זיין אַ ווינט,

פאַנאַנדערצובלאָזן
איבער אייערע פּנים'ער
ליכטיקע פייערן פון פינצטערן טינט.

מענטשן, מענטשן, —
ס'איז מיר פריילאַך צו זינגען
פון דעם וואָס וועט זיין, אויך פון דעם וואָס געווען שוין;
אַבי זיין מיט אייך
אויף אַלע ערדן,
און זען אין אייך
דעם אָנבליק פון דעם,
וועמען איך וועל אפשר ווידער ניט זען שוין.

ניט ווייט און ניט נאָנט,
נאָר דאָ, וואו איך בין,
איז שטענדיק מיין גאָלדענע פרעמד, קען זיין;
אָט דאָ אין ניו יאָרק,
וואו די האַנט פון מיין בייִנקשאַפט
פירט מיך ארום גאַס אויס, גאַס איין.

פון פרי ביז אָוונט,
ווי איבער גלעזערנע טרעפּ,
איבער גאַסן און בריקן, צו דיר געווענדט — — — —
הער צו פון דערווייטן,
ווי איך זינג צו דיר
אויף ניו יאָרקער גאַסן פון מיין גאָלדענער פרעמד.

אָנהויב פרילינג

צי ס'איז דערפֿאַר, ווייל אין פּאַרק איז אָנהויב פרילינג,
צי דערפֿאַר, ווייל מיר זיינען ביידע דאָ, —
ווילט זיך צובויגן צו דער ערד און זאָגן: היילינק —
אַ וואָרט אַן אַלטס, ווי דאָס רויט פון אָוונט־שעה.

צוויי נייגעריקע ביימלאַך לעבן אונז שטייען,
באַטראַכטן און ריידן וועגן אונז אומשולדיק, קלוג;
און מיר רוקן זיך צו, און שווייגן און פאַרשטייען,
און זאַמלען אין זיך דאָס שווייגן ווי אין אַ קרוג.

און אַז דער קרוג וועט פול ווערן? — ניט פרעגן קיין פראַגן,
קום קוקן אויפֿן טייך, אויף זיין ראַשיקן פלום;
דאָס קלענסטע גרעזל אויף דעם ברעג איז פול מיט וואָגן,
און טראַציקט זיך, און שרייט פון אונטער פוס.

אָ זע, מיין פריינט, מיר זיינען שוין אין זאַאַ־גאַרטן,
אָ זע, מיין פריינט, דער אָוונט עפנט אויף זיין וויין;
אָ הער, עס וואָיעט אויף דער וואָלף, — און דאָרטן
אַ שטייג אַ ליידיקע, — פֿאַר וועמען זאָל עס זיין?

צי ניט פאַר אונז? — איך מאַך אַ שפּאַס. אוודאי.
און אפשר ניט — אויך שטייג וויל היינט ניט עלנט זיין;
און אונזערע ביידנס רגע'ס, ווי אַ שעפּסן־סטאַדע,
רייסן זיך אויף נאַכט מיט פרייד אין שטייג אַריין.

ס'איז מיר פריילאַך היינט

ס'איז מיר פריילאַך היינט. איך דערצייל דאָס אייך,
אַפילו ווען איר ווילט ניט הערן דערפון:
כ'האָב ארומגעשפּאַצירט אויפן ברעג פון טייך
אינם רויטן ליכט פון אָוונט־זון.

כ'האָב ארומגעשפּאַצירט אויפן ברעג פון טייך, —
און דאָס איז געווען דאָס לעצטע געשען;
אזוינע טריט, אזוי לייכט און גלייך,
האָב איך לאַנג שוין ביי זיך אליין ניט געזען.

האָב געטראָגן הויך מיין ווייסן קאָפּ
אנטקעגן אָפּגאַנג פון לעצטער שעה;
מיין יעדער באריר, ווי פון ליד דער טראָפּ,
האָט אָפּגעקלונגען: דאָ. דאָ.

אין אָפּקלונג — דאָ — האָב איך אויך געהערט
מיין ליד צו דער, וואָס איך האָב ליב:
„זיי גוט צו מיר, ווי די מאַמע ערד,
און פאַר ניט־געבראַכטן גליק פאַרגיב"...

פון צווישן די ביימער פון אייביק גרין
האָט געטראָגן צו מיר זיך מיין אייגן קול,
און אין שלום מיט זיך אזוי ווי איך בין
האָב איך געזען די זון אין לעצטן מאָל.

ניין, איך שטאַרב ניט.

ניין, איך שטאַרב ניט. ניין. —
ניין, איך ליג ניט אויף דער ווייסער בעט. —
פאַרוואָס זע איך אַזויפיל מענטשן גיין
אַרום מיין גוף ביז אָונט שפּעט?

פאַרוואָס צינדט מען אָן ליכט?
פאַרוואָס פאַרגייט מען זיך אין געוויין? —
אַז איך האָב זיך אויסגעטאָן פון מיין געזיכט,
און בין ניט שווערער גוף מער, — ניין.

אָט נעם איך און הייב זיך אויף,
אויב איך וויל נאָר, און שפּאַן אַוועק; —
וואָס עסק'ט מען זיך אַלץ נאָך מיט מיין גוף
אין טומלדיקן שרעק?

און אַז מענטשן קומען שוין יע —
מיין נאָענטסטער פריינט בלייבט צום סוף;
אָט קוקט ער אויף מיר, איך זע,
ווי אַ מאַמע אויף איר קינד אין שלאָף.

אַלע ריידן צעבראָכלטע רייד,
נאָר מיין נאָענטסטער פריינט, פאַררוקט,
אַזאַ שיינער, אויפגעלויכטענער אין פרייד,
זיצט אין אַ ווינקל און קוקט.

און טיף אין נאַכט, אַז ער פאַרבלייבט
נאָך אַלע מענטשן מיט מיר אַליין,
פאַלט ער צו צו מיין גרינגן לייב,
און בייסט אַריין זיינע זיסע ציין.

באַגינען. סליאַד פון ציין.
איר אַלע קומט, און זעט.
ניין, איך שטאַרב ניט. ניין.
ניין, איך ליג ניט אויף דער ווייסער בעט.

זיי געזונט, מיין פריינט, מיין טרייער.

זיי געזונט, מיין פריינט, מיין טרייער,
איך באגלייט דיך מיט א ווייסער פאן.
„אונזער יום־טוב בלייבט אויף אייביק ניט געפייערט“, --
מיינע אייגענע ווערטער נעם איך אן.

ניט מיט שיפן איבער וואסער וועגן,
ניט מיט באנען איבער בארג און סטעפּ; —
דא, וואו אונט איז נאר וואס געלעגן,
ליגט מיין לאנד ביים ברעג פון טרעפּ.

ביז איך קום צום לאנד צו מיינעם —
נאר מינוטן גייען דורך א פּאר;
אונזער גורל, — ווער און וואס מיר זיינען, —
אין מינוטן ווערט אויף שטענדיק קלאר.

ווינט דערטראגט צו מיר געוויין פון שליסל
אין רציחה׳דיקן שלאס פון טיר;
אויף דער פּעטליע פון מיין ריין געוויסן
וועל איך אויפגיין אין באגינען איבער דיר.

און דערווייל — מיט אן אדרעסלאזן פּנים,
ווי א אינגל שטיי איך אויף דער גאס און פרעג:
ווי זאל איך דערגיין, און ווי דערקאנען
צו מיין אייגענער באהעלטעניש דעם וועג.

איך בין זינדיק קעגן גאר דער וועלט, איך ווייס עס,
קעגן פריינט און קעגן פאלק און קעגן לאנד,
אז איך מיש פאר זיך א סם אזא פון אותיות
מיט מיין אייגענער פארברעכערישער האנט.

זיי מיר מוחל אזוינע שווערע, אזוינע רייד,
און נעם זיי אויף, ווי עס דארף זיי אויפנעמען א פריינט;
ווי א שווערד אן ארויסגעצויגענע פון שייד,
אזוי הפקר׳דיק אויף גאסן בין איך היינט.

חתן פון גאַסן

איך טו אַלעמען, אַלעמען לאַרן
פון קעלערס, פון הייזער, פון קראָמען,
צו קומען, ווי מע קומט אויף פאַראַדן,
צו הערן דאָס געזאַנג צו דיין נאָמען.

איך זאָג ניט אַרויס דיין נאָמען,
אָבער וויסן ווייסן אים אַלע;
ניט דורך ליב, ניט דורך טראַכטיקן זאָמען,
נאָר דורך טויט — מיין געהייליקטע כלה.

אין שטיבער פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן,
זיצן מענער און ווייבער — שונאים;
און איך בין פון גאַסן דיין חתן,
שפּרייט הפקר די פרייד פון מיין פּנים.

אַספאַלטן פון בריקן און סקווערן —
דאָס זיינען אונזערע שטולן און טישן,
און ביינאַכט, אונטער אָפענע שטערן,
איז דער זעלביקער סקווער אונזער קישן.

מיר לייגן זיך אַוועק אויפן קישן,
און עס קאָן אונז שוין קיינער נישט צעשיידן;
די לבנה, ווי אַ קינד, אונז צווישן
ליגט צוגעטוליעט צום ליב פון אונז ביידן.

ליכטיק

ליכטיק האָבן געלויכטן דײַנע אַלע פענצטער. —
דאָס איז געווען נעכטן.
איך בין געגאַנגען פאַרבײַ און האָב אָנגערירט
דאָס ליכט פון דײַנע שויבן מיט מײַנע פינגער.
מענטשן האָבן מיך אָנגעקוקט און גע׳חידוש׳ט זיך,
און אָנגעוואָפנט אויף מיר זייערע צינגער:

צי בין איך ניט אַ מענטש אַ פאַראירטער,
צי בין איך ניט פון דער ווייטנס געקומען,
וואָס איך פאַל־צו צו אַ פרעמדן פענצטער
ווי צו אַ קוואַל אַ דאָרשטיקער גומען? —
און איך האָב געענטפערט מיט אַ נויג פון קאָפּ,
און מיט אַ פאַר׳עקשנ׳טן, אָבער ליכטיקן, שטומען.

ווי אַן איינגעוואָרצלטער בוים בין איך געשטאַנען
אין מיטן דער גאַס, אין מיטן דער פרעמדער,
און מײַנע הענט, ווי אָנגעלאָדענע צווײַגן,
האָבן זיך געבויגן צו דער ערד אַרונטער
אונטער מײַן צײַטיק־געוואָרענעם שווײַגן.

דאָס איז געווען נעכטן.

הײַנט בין איך ווידער דײַנע פענצטער פאַרבײַגעגאַנגען,
און — הײַנט זײַנען זיי געווען פאַרלאָשן;
און מענטשן אַרום, די זעלביקע מענטשן,
מיטן זעלביקן חידוש און לשון.

און איך דאַרף מער נאָך, ווי ווען, דיין ליכטיקייט —
איך טראָג אויף די הענט אַ קינד אַ ניי־געבאָרן.
אַ שניי פאַלט און אַ ווינט ווירבלט אים,
און דאָס קינד אויף מיין אָרים ציטערט דערפראָרן.

דאָס קינד איז ניט אַלט נאָך קיין וואָך אַפילו.
די ליפּן שמייכלען אין מיטן פון ציטער.
און איך ווער גערופן דורך אָט דעם שמייכל
צו זיין זיין באַשיצער, זיין היטער.

ניו יאָרקער היימען גרייטן זיך צו יום־טוב,
און מיך, קינד, האָבן היימען פאַרראַטן;
שלאָף איין, שלאָף איין אויף מיינע אָרעמס,
פאַרוואַנדל אין אַ קינד אויך מיך — דעם טאַטן.

איך גיב ניט נאָך

איך גיב ניט נאָך היינט מיין אויפגעשריגענער תאווה,
כדי דערנאָך ווי אייביק זיך קעפּן;
מיין קאָפּ איז שוין אַן אַרונטערגענומענער סיי־ווי,
צו וואָס אים צו דיין שוועל אומזיסט נאָך שלעפּן?

וואָלקנס שמעלצן זיך אין אָוונט־פייער,
זיינע פלאַמען פלעכטן זיך ווי שלענג;
איך בין היינט ניט דיינער, איך בין היינט ניט אייער,
מיין באַפעל היינט: צו זיך אַליין זיך ברענג.

איך קום ניט מער צו זיך אַליין אַ מידער,
איך שטורעם איבער זיך ווי אַ ווינט איבער אַ בוים,
און אויף דער שאַרף פון העק — שאַרף פון לידער —
הינגעריכטעט ליגט מיין בענקשאַפט נאָך דיין היים.

מען זאָגט: ניטאָ צו מיר אין שלעכטס קיין גלייכער,
איך נעם אָן, ווי אַלעמאָל, דעם שטאָך;
אַ, טעג, וואָס האָבן מיט אַ מאָרד געמאַכט מיך רייכער,
אַ טעג, אַ מיינע טעג, וואָס ווילט איר נאָך? —

מיין לעבן

מיין לעבן ליגט אויסגעשפּרייט, ווי לבנה־שניי,
איבער אַלע וועגן,
און הענגט אויף אַלע צווייגן.
און פֿייגלען קומען מיט געשריי
פֿון וואַלד אַרומיקן סוף־טאָג אַנטקעגן,
און שרייען אָפּ און בלייבן שווייגן,
און בלייבן זיצן אויף אַלע צאַמען,
אויף אַלע דראָטן,
און לייגן זיך אויס מיט מיר צוזאַמען.

אַ נייע בלענדיקייט לויכט אויף
איבער אָפּגעקילטע לעבנס,
ווען דער אָוונט אַליין, ווי אַ גוף,
ציט זיך אויס מיר דאַנעבן,
און נעמט פֿאַרפּלעכטן און פֿאַרקניפּן
אַרום מיר זיינע אָרימס,
און נעמט רייסן פֿון מיינע ליפּן
געזאַנגען נאָך גליק, נאָך פֿאַרלאָרנס:
— קום צוריקגיין, גליק, —
קום. קום.
קום צוריקגיין. —
אָבער איך בין שטיל, ווי אַלע איינגעדרעמלטע פֿייגלען,
און ווי דער בוים לעבן מיר און דער שטיין,
שריי איך ניט מער נאָך גליק נאָך פֿאַרלאָרנס.

די קרוין פון שיינקייט

די קרוין פון שיינקייט אויף נאַקעטע בוימער,
אויף חיות אין שטייגן, אויף דערנער;
איך אַליין, מיט געזאַנג פון געלייטערטן חומר,
זיי דיין שיינקייט אין זיך, ווי מען זייט קערנער.

ווינטער אַרום, און האַגל און רעגן,
אויף אונז אָבער פרייד פון אַנטפּלעקטער דערקענונג,
מיר טראָגן איינע די אַנדערע אַנטקעגן
אויף געפראָרענע פינגער אַ נייע דערנענונג.

ס'איז וואונדערלאַך צו זען די מאַרטירערשאַפט פון פינגער, —
פון אונזערע תאוות די אייביקע צוימער, —
ווי זיי לאָזן זיך פייניקן פון אייגענעם הונגער
צו בלייבן פאַרגליווערט ווי די צווייגן אויף בוימער.

אַ מענטש, חבר, — צו וואָס זאָלן דאַרפן
פאַרגליווערטע אָרימס פאַרבלייבן געהאַנגען?
לאָמיר בענטשן די פרייד, וואָס אונזערע שאָטנס וואַרפן
כדי איינער דעם צווייטן פון ווייט צו דערלאַנגען.

ניט לייכט איז די דאָזיקע ווערטער צו זאָגן —
אַט דאָ מיטן פּנים צום הירש און צום טיגער;
די הירשן שווייגן, אָבער די טיגערס קלאָגן, —
זיי ווייסן ניט דעם סוד פון אויף זיך צו זיין זיגער.

געשריי וועקט געשריי. זיי וואַכיק, מיין שומר,
שטיי גרייט מיטן קנוט, מיט כלי־זין,
איבער מיין אייגן ליד פון געלייטערטן חומר
די טיגערס פון מיין האַרץ שפּרינגען אויף, שרייען.

שטיל, טיגערס מיינע, רוט אין די שטייגן,
אויך איר, הירשן מיינע, פאַרנויגט די הערנער;
די קרוין פון שיינקט אויף נאַקעטע צווייגן,
אויף האַגל, אויף שניי און אויף דערנער.

האַרבסטיקער גאָלד

האַרבסטיקער גאָלד, ליכטיקער טאָג.
איך גיי איבער גאַסן מיט פריילאַכע יונגען.
זיי טאַנצן אַ טאַנץ אויף יעדן ראָג,
און איך שריי אַרויס ווי פון אייזערנע לונגען:

— זאָל לעבן די פרייד! — דער לאָזונג פון יונגען;
דאָס נעם איך נקמה אָן זיך אַליין:
ווער עס וויל זיך ניט פרייען — זאָל זיין געצוואונגען
אין מיטן דער גאַס אַ פריילאַכס גיין.

אַז לייט נעמען קוקן, — איך קוק אויף צוריק,
און אויף רייד פון שפּאָט איך ענטפער מיט לידער,
כ׳וויל זינגען דאָס געזאַנג פון מענטשנס גליק,
וואָס שלאָגט מיט זון און מיט בלוט פון גלידער.

און צו די פריילאַכע יונגען, זאָג איך ווי צו ברידער,
זאָג איך אַזוי, זאָג איך אינטים:
— איר ווייסט, מיטן טרויער וואָס איז דאָ אין לידער
איז עפּעס ניט גוט, איז עפּעס שלים.

און אָט אַ זעט, — ווי נאָר איך רייד
ברענען אויף רויטע אויגן ביי יעדן מויער,
דאָס לויפט און הינקט אין די פוסטריט פון פרייד,
ווי אַ געשלאָגן הונט, מיין לעצטער טרויער.

די יונגען לאַכן מיט שטאַרקן געלעכטער,
די יונגען לאַכן מיט ווייסע ציין;
און איך לאַך־מיט מיט דער פרייד דער גערעכטער,
צו נעמען נקמה אָן זיך אַליין.

אונזער גורל

מיר חלומ'ען אונזער חלום פון אייביק אָן.
דאָס לעבן רופט אונז און אויך דער טויט —
צו אַלעמען צו קומען און אַלצדינג צו טאָן,
צו פאַרזייען לעבן און אויך טויט,
און אַליין שטאַרבן, און אַליין זיין פאַרזייט.

אונזער גורל נעמען מיר אָן —
ער איז זיס און ביטער.
און אַז מיר נעמען אים אָן,
ווערט ער אויך שיין.
שיין איז דער גורל,
און שיין ביזטו,
און די וועלט אַרום
איז שיין ווי דו.

איינער אין דער וועלט מאָנט:
זיי נאָנט, נאָנט, נאָנט;
א צווייטער אין דער וועלט שרייט:
זיי וויט, וויט, וויט.

און דו ביזט קלוג,
און דיין שמייכל גייט אויף,
און א ליפ אויף א ליפ טוט א ציטער,
און א ליפ טוט א ליפ א ביס;

אונזער גורל נעמען מיר אָן —
אונזער גורל איז זיס;
אונזער גורל נעמען מיר אָן —
אונזער גורל איז ביטער.

אַזא טאָג ווי היינט —
יום־טוב פון ערד;
און מענטש איז אויך ערד —

יום־טוב פון מענטש.
די ערד איז ווייך
נאָכ׳ן שלאָף פון ווינטער;
אַקערס אַקערן,
און גראָבאייזנס גראָבן,
און פינגער זייען.
אַזאַ טאָג ווי היינט,
ווען וועלן מיר נאָכאַמאָל האָבן?

מענטש איז אויך ערד —
לאָמיר אויפאַקערן איינער דעם צווייטן,
און זייען, פאַרזייען,
און אויפגיין אין לייב אין פאַרזייטן.
און רעגן וועט גיין
אויף ערד און אויף אונז,
און טוי וועט זיך לייגן אויף אונז,
און שטויב און זון
און מעסער פון שניטער.

אונזער גורל נעמען מיר אָן —
אונזער גורל איז זיס;
אונזער גורל נעמען מיר אָן —
אונזער גורל איז ביטער.

ליכט

דאָס האַרץ פון שטילקייט רייס איך אויף מיט לידער,
איך גיי ניט אַוועק פון מיין גורל, איך גיי ניט אַוועק;
אַז איך וועל אַוועקגיין וועל איך קומען ווידער,
און איך וועל אָנקומען מיטן זעלביקן וועג.

איך בין ניט אַליין, איך בין ניט באַזונדער,
איך ווער שוין אַלט, אָבער דו אין מיר ביזט יונג;
מיין פּנים אין ליכט פון ערדיקן וואונדער,
און זיסקייט פון זאַמד און שטיין אויף מיין צונג.

איך האָב עפּעס דערזען אונטער דעם מענטשנס ברעמען,
אַזאַ אָנזאָג פון אַ וואונדערלאַכן בראָד,
און איך האָב אונטערגעשטעלט מיינע אַקסלען צו נעמען
דעם שווערסטן חלק אויף זיך פון זיין יאָך.

אָ, זון פון טאָג, האָב מיך ליב — האָב אויך ליב מיין שאָטן,
אַז דו וועסט מיך דאַרפן, צינד מיך אָן און פאַרברען;
ס'איז דאָ אַזאַ גליק, וואָס איך האָב זיך אַליין פאַרבאָטן,
זיין פייערונג וועט קומען, אָבער — ווען? ווען? ווען?

דיין ברכה

צו די ליידן פונם צוויטן, צו דער פרייד פונם צווייטן
דיין לעבן נעמט זיך צו ווי צו א בייט א פלאנץ;
ס'איז דאָ אזא תפיסה מיט אזוינע קייטן,
וואו דער טרויעריקסטער זינגט און דער פארשמידטער טאנצט.

ס'איז דאָ אזא אלטקייט, וואָס מאכט דיך אינגער,
ס'איז דאָ אזא גבורה אין פינגער־ברוך;
ס'איז דאָ אזא גוטסקייט, וואָס שטראלט פון הונגער,
און א שטיין־געלעגער, וואָס איז ווייכער פון פוך.

עס וועלן קיינמאָל ניט איינפאלן דער וועלט'ס פיר זיילן —
עס שפארט זיי אונטער דיין געזונקענער קאָפּ;
פון דיין שטערן, געקרוינטן מיט ליכטיקע ביילן,
דיין פאר'עקשנ'טע שיינקייט טוט זיך קיינמאָל ניט אָפּ.

לייג ארויף דיין האנט און בענטש מיך מיט באַרירונג,
דיין ברכה וועט זיך טראָגן דורך צייט און רוים,
און וועט קומען און וועט אָנקלאפּן אין די ווייסע טירן
פון מיין זונ'ס, פון מיין אייניקל'ס און אור־אייניקל'ס היים.

שפיצן פינגער

דורך צעריסענע האנטשן קוקן אַרויס דיינע פינגער.
קליידער און שיך זיינען דורכגענעצט פון רעגן,
דער צער לעקט אונז אַרום מיט זיבן צינגער,
און די בענקשאַפט פירט אונז אויף זיכערע וועגן.

איבער איינעם דאָס ליכט פונם צווייטנס פנים. —
די ליפּן שלאָפן, די ברעמען וואַכן,
און קנייטשן פון שטערן דעקן אויף, דערמאָנען
ניט היגע מענטשן, ניט היגע זאַכן.

דיין האַנט ווי אַ ברכה פאַלט אויף מיין אַקסל, —
און גוט איז מיר דערנאָך צו קומען צו מענטשן,
און זען, ווי אַלעמענס האַרץ נעמט וואַקסן,
און הערן, ווי אַלעמענס וואָרט נעמט בענטשן.

אַ זעאונג

געזאַנג פון ברודערשאַפט — פאַר צוהערער־שטיינער:
אויף לאָמע אברים — אַ סאַמעט־קלייד;
אין לייב פון פאַרליבטן — שנאה׳דיקע ציינער, —
אויף חיה׳שער צונג — געטלאַכע רייד.

די רו קעכלט דעם פרצוף פון סתירה,
אַ וואָרים עסט דאָס הארץ פון גליק;
דער הונט פון שטאָל קריכט אַרום אין דירה,
און דער ווירט הענגט אין שטאָל אויף אַ שטריק.

עס צערטלט זיך סם אויף גאָלדענע שאָלן,
און ברויט קרישלט זיך פון אַ טויטער האַנט;
און אַ קינד׳ס גוף, פון הונגער געשוואָלן,
שלאָגט אָפּ אַ רעגנבויגן אויף אַ שווארצער וואַנט.

מיינע רייד מיינע דינע

בליט, בליט מיינע רייד, מיינע דינע
אויף צעשפּאָלטענע אָרונטערהענגענדיקע ליפּן;
מיין צעריסענער געשריי פון גראָבער שנאה
וויל זיך מער ניט בינדן און ניט קניפּן.

די צעריסנקייט זאָל זיין נאָך מער צעריסן,
זאָל עס פליען אויפן ווינט, פאַנאַנדערפליען,
זאָל עס קומען ווי אַ שפּריי־רעגן באַגיסן
מיינע שטילקייטן, וואָס הויבן אָן צו בליען.

ווערטער אויסגעפייניקטע אין וויסטן מאַטער,
אויסגעשעענדיקטע, — הויבט אָן פאַרנעמען
אייער אויפקום אייער אייגענעם, דעם פלאַטער
פון די נייע ריחות אייערע און נעמען.

דורך די גאָלדענע סוף־טאָגעדיקע זיפּן
זיפּ איך דורך די רעשטלאַך פון מיין שנאה;
אויף צעשפּאָלטענע אָרונטערהענגענדיקע ליפּן
בליען, בליען מיינע רייד, מיינע דינע.

יום-טוב

איך בין שוין גרייט פאַרן לעצטן יום־טוב,
אויך דער יום־טוב איז גרייט פאַר מיר;
איך דאַרף נאָר מיין נייעם אָנצוג אָנטאָן,
און אַרויסגיין פאַרן שוועל פון טיר.

און אַ קוק טאָן צי דער נעכטיקער שטורם
האָט ניט צעשטערט אין מיין גאָרטן אַ בייט,
און ניט צעוואָרפן די גלייכע שורות
פון זאָמען, וואָס איך האָב פאַרזייט.

אויב יע — וועל איך זיך מוזן פאַרזאַמען
אויף נאָך אַ שעה, צי צוויי,
ביז איך וועל ניט צוריקשטעלן די צאַמען
און דעם שטח צווישן ריי און ריי.

און דאַמאָלסט מיט אַ רואיקן געוויסן
און מיט פרייד פון געטאָנענער פליכט,
וועל איך אויף מיין אייגענעם קאָפּ לאָזן גיסן
מיין לעצטן טאָג'ס ליכט.

און מיט אַלעמענס גורל אַ פאַרקניפּטער
וועל איך לאָזן פאַרקניפּן נאָך אַ קנופּ,
און אַ פאַרגיביקער און אַ פאַרליבטער
וועל איך אויפפלאַטערן, ווי אַ פּאָן, אויף אַ סלופּ.

אין אַ טאָג פון זון

אין אַ טאָג פון זון און אויפגעבליטער ערד
ביסטו געקומען מיך זען, — ביסטו אוועק צוריק,
און איך בין איבערגעבליבן מיט זון און מיט ערד,
און איך בין איבערגעבליבן אויף אַ ליכטיקן שטיין.
און פון שטיין אַרויס האָב איך קלאַנגען געהערט,
צאַפּל פון גלידער,
געשטויס פון אַ לעבן,
ווי צאַפּל פון אַ קינד
אין דעם בויך פון אַ מוטער.

אָ מוטער, מוטער,
וויפיל נעמען איך האָב פאַר דיר
אַנדערע —
אַנדערע, אַנדערע. אַנדערע —
פרוי — מוטער.

איך בין געווען פול מיט באַוואונדערונג,
פול מיט דערקענטעניש,
און איך האָב געזען ווי דער שטיין האָט געשמייכלט
אין האָפענונג — דערוואַרטונג,
אין זיסן פאַרגעפיל פון ווייען,
און איך האָב געהערט ווי דער שטיין האָט געפליסטערט:
— מענטש,
ביסט אַ זון, אַ ברודער, אַ מאַן,
און פאַר עמיצן ביסטו מער פון דעם אַלעם; —
שמייכל צו מיר,
נעם מיך אַרום. —
אַרום. אַרום.

לאָמיר אויך זיין גליקלאַך.
גליקלאַך. גליקלאַך.
אַ שטיין וויל אויך באַרירונג פון פינגער.
פינגער. פינגער.
עס וואַקסט אַ קינד אויך אין מיינע געדערים,
אין מיינע, אין מיינע.
זיי וויסן, מענטש,
אין מיינע. —

איך האָב אַרומגענומען דעם ליכטיקן שטיין
מיט מיינע ביידע אָרעמס.
און דער שטיין האָט געקוקט אויף מיר
מיט נאָך גרעסערער דערקענטעניש.
ווארימקייט האָט אַ שטראָם געטאָן אויף מיר,
פון דער טיף פון זיינע געדערים,
ריח פון בלוט און לייב,
ווי פון אַ טראַכט פון אַ מוטער.

אַ מוטער —
פרוי — מוטער,
וויפיל נעמען איך האָב פאַר דיר
אַנדערע —
אַנדערע, אַנדערע, אַנדערע, —
פרוי — מוטער.

נאַכט

דער שוועל שלאָפט אויף די טרעפ,
וועגט — אין די אָרימס פון באָדן,
דאָס גראָז שלאָפט אויף די בייטן,
דאָס קינד שלאָפט אין וויג; —

פון דער לבנה שיטן זיך קווייטן,
אַזוי ווי פון אַן עפּלבוים.

אין וויג כאַפּט זיך אויף דאָס קינד,
מיט אַמאָל, אין דערשפּירטער סכנה:
וואו איז דער טאַטע, וואו?
אויף די טרעפּ צעוויינען זיך די שוועלן:
וואו איז אונזער בויער, וואו?
אין גאָרטן צעקלאָגן זיך די בייטן:
וואו איז אונזער גערטנער, וואו? —

און פון דער לבנה שיטן זיך די קווייטן,
אַזוי ווי פון אַן עפּלבוים.

דאָס וויג מיטן קינד ברעכט צוזאַמען,
און ווער איז דער צעברעכער, ווער? —
דער טאַטע איז אַליין דער צעברעכער;
אויפגעריסענע וואַלגערן זיך די שוועלן —
דער בויער איז אַליין דער פאַרשווערער;
צעטראַמפּלטע ליגן די בייטן, —
דער גערטנער איז אַליין דער צעשטערער;

און פון דער לבנה שיטן זיך די קווייטן,
אַזוי ווי פון אַן עפּלבוים.

דאָס קינד שלאָפט אויף דער ערד,
די שוועלן — אייגע אויף די אנדערע,
די וועגט טוליען זיך צו דער גאַס,
דאָס גראָז ליגט טויט אויף די בייטן,
און טאַטע און בויער און גערטנער
וויגן זיך שטייענדיקערהייט,
וויגן זיך איינער אנטקעגן דעם צווייטן. —

און פון דער לבנה שיטן זיך די קווייטן,
אַזוי ווי פון אַן עפּלבוים.

ס׳איז דאָ אַזאַ געזאַנג

ס׳איז דאָ אַזאַ געזאַנג, וואָס איך זינג אָן ווערטער,
מיט פאַרמאַכטן מויל צוגעפאַלן צו דער ערד;
צו זיין אַ פאַרשטאַנענער, צו זיין אַ דערהערטער
איז מיר ניט אַלעמאָל באַשערט.

און אַז איך הער דיין קול: „אָ, ווי פיינלאַך, אָנ׳סופיק״, —
נעם איך אויף זיך פאַר אַלע פיינען די שולד;
און איך וויל איין זאַך: כאָטש דערזיינגען סטראָפיק
דאָס געזאַנג פון אונזער לעצטן געדולד.

שוין, דוכט זיך, צייט אַלץ פאַרשטיין און פאַרזיגלען,
און די אומגעדולד פאַרשפּאַרן אויף אַ קייט, —
זיינען נאָך פאַראַן אָבער אַזוינע פליגלען,
וואָס וואַקסן אויס ערשט אויפן שוועל פון טויט.

עס קומען אָן, רינגלען אונז אַרום פון אַלע זייטן
מענטשן דרייסטערע מיט אַן אַנדער מוט,
זיי בייטן איבער אַלץ, וועלן אויך אונז פאַרבייטן,
לאָמיר זינגען צו זיי: אַזוי איז גוט, גוט.

„דו“

ווי גרויס עס זיינען ניט די גאַסן און די סקווערן, —
נאָך אַלץ צו אַ קליין צימערל, ווי אַ תפיסה־צעל,
ווי הונגעריקע ציען זיך די לבנה און די שטערן,
און זיינען גליקלאַך צו אַנידערלייגן זיך ביים סאַמע שוועל.

אויף אַ בעט אין ווינקל ליגט אַ מענטש, אַ איינער,
ער ליגט אַן אויפגעדרייטער, ווי אַ קנופּ פון שטריק;
און אין דער אויפגעדרייטקייט זעט ער, וואָס עס זעט ניט קיינער,
וואָס נאָר די לבנה און די שטערן זעען: — גליק.

ער שמייכלט, און עס קלאַפּן אים פון גליק די ציינער,
און די פינגער ציען זיך צו עמיצן צו;
און עס זאָגט אַ קול צו אים, ווי עס זאָגט ניט קיינער,
וואָס נאָר די לבנה און די שטערן זאָגן: — „דו“.

עס ווערט אים היימלאַך אַלץ וואָס אויף דער ערד און אייגן,
ער וואַנדערט איבער שטאָט אוועק אין ווייסער קעלט,
און עס ווילט זיך אים אַנידערקניען פאַר אַלעמענס אויגן,
און ווי ברויט זיך אָפּגעבן דער הונגעריקער וועלט.

מיין אמת׳ע ליד

מיין אמת׳ע ליד צו דיר נאָך ליגט אין טראַכט,
אין אינגעווייד פון פּאַפּירענעם בויגן;
עס וועט געבאָרן ווערן אין אַן אומשולדיקער נאַכט
און פאַנאַנדערעפענען נאָך אומשולדיקערע אויגן.

עס וועט דערזען אַ וועלט פון לויטערן באַגין,
אַ וועלט, וואָס מיר חלומ׳ען אוים אין פאַרליבטן טרויער,
ווען אַנטקעגן קומען אָן אונזערע אויסגעוואַקסענע זין
און קוקן אונז אָן מיט באַוואונדערונג און באַדויער.

זיי ווילן עפּעס זאָגן, זיי שטעלן זיך אָפּ —
און גיבן זיך אַ ריס מיט אַמאָל צו אַלע זייטן; —
מיר באַגלייטן זיי מיט אַ טיפן נויג פון קאָפּ,
ביז עס שלינגען זיי איין די וויטסטע ווייטן.

צווישן טאַטע און קינד איז דאָ אַ הייליקער בונד,
ס׳איז דאָ אויך אַזאַ בונד צווישן טאַטע און מאַמע;
ס׳איז אָבער דאָ נאָך עפּעס הייליקערס — אַ פּונק, וואָס גיט אַ צונד,
און פאַרברענט אונז אַלעמען, אַלעמען אין פלאַמען.

אַ צייט אַזאַ, ווען אַלץ הענגט אויף אַ האָר,
אַ צייט אַזאַ פון קאַמף און פון נסיון,
און פאַר מיר — אַ צייט פון דערקענטער וואָר,
און פון דורכזיכטיקן אמת פון לעצטע שעה׳ן.

ליבשאַפט

דעם אמת פון וואָרט
פאַרנעם איך ווי דעם אמת פון טויט,
איך זע זיי שטענדיק געפּאָרט, —
זיי באַגלייטן מיך מיט גרויס ליבשאַפט.

דער טויט האָט בלאָנדע האָר,
דאָס וואָרט — זילבער־גרויע,
אזא וואונדערלאַכע פּאָר, —
זיי האָבן זיך ליב מיט גרויס ליבשאַפט.

זיי נעמען מיך אַרום,
ווען דאָס לעבן טוט מיך א שליידער אַמאָל,
זיי רופן מיך: קום, קום,
זיי שטאַרקן מיך מיט גרויס ליבשאַפט.

זייער שמייכל — וואָס זאָל עס זיין?
זאָל עס זיין ס׳גליק אליין? —
זע, וויפל פיין, פיין, פיין
זיי דערלייזן אין גרויס ליבשאַפט.

לויטערע סוף־זומערדיקע טעג,
אָנהויב פון גאָלדענעם הארבסט, —
צום ווייסן, צום ווינטערדיקן וועג
איך גיי מיט גרויס ליבשאַפט.

לייקוואוד

זאטע מענטשן אויף נאָך זאטערע גאסן,
בוימער וויקלען זיך אין אייביק־גרין;
ווי עס בענקט זיך מיר נאָך הונגער פון די וואָס האסן,
כדי אליין ניט צו זיין דער וואָס איך בין.

שרעק פארן טויט האָט מיך פארשלעפט אהערצו
צו גערוימע חדרים, צו ווארימער זעט,
ווי מען שטירצט טראָגנען, אזוי ווילט זיך מיר שטירצן
אָט די פולע טישן, אָט די ווייכע בעט.

טויט — באגלייטער מיינער — הוליעט אויף בעלער,
ער שפילט אין קאָרטן, שיכור׳ט און לייגט,
עס צינדן זיך בעכער, עס ברעכן זיך טעלער, —
און לעבן — מיין שוועסטער — אין עלנטקייט שווייגט.

אָ, שוועסטער — לעבן מיינס — ניט שוויג, ניט פארשעם מיך,
איך בין איבערגעוועלטיקט אליין פון האס;
קום אריין, מיין שוועסטער, קום אריין און נעם מיך,
און טראָג מיך אוועק אויף אן עלנטער גאס.

טראָג מיך אריין אין א קעלער א פוסטן,
לייג מיך אוועק אויף א הארטער ברעט;
איך וועל ריידן צו דיר, אין געלייטערטע גלוסטן,
אזוינע רייד, ווי נאָך קיינמאָל גערעדט.

ווי עס שאַרפֿט זיך שטאָל, אַזוי זאָל זיך שאַרפֿן
אָן דער האַרטקייט פֿון ברעט און שטיין מיין גוף;
און ווען דו וועסט מיך דאַרפֿן, צום לעצטן מאָל דאַרפֿן,
זאָל איך גרייט זיין מיט פֿרייד ביים מינדסטן רוף.

דער עלנט עסט מיך היינט מיט זיבן מיילער
צווישן טענץ און שפּיגלען און סאַקסאָפֿאָן;
און וויפֿיל איך אַנטלויף ניט פֿונם אויג פֿון פֿאַרוויילער, —
דורך ווענט און שלעסער ער גרייפֿט מיך אָן.

די גרעסטע פֿויק אויף דער שמחה דער קלענסטער,
עס פֿאָרט אין קאַרעטן דאָס צעשטאָפּטע געזונט;
אָ, ווי איך בייגק היינט נאָך שטיינער אין פֿענצטער,
און איך וויל זיין אליין — אַ שטיין פֿון בונט.

ניו יאָרק און שיינקייט

ניו יאָרק און שיינקייט
גייט אויף און פאַרגייט; —
איצטער איז אָוונט —
עסן מיר אונזער אָוונטברויט.

סאַלאַטן, באַנאַנעס,
און טיי מיט געבעק;
אַזאַ וואונדער־מאָלצייט
אין אַזוינע האַרטע טעג פון סלעק.

טאַטע, מאַמע,
און זון בכור,
און זון מיזיניק
מיט ערשטע מיט גאָלדענע האָר.

אַ טאָג געדרייט זיך
איבער גאַנץ ניו יאָרק,
געזוכט אַרבעט,
געזוכט געלט אויף באָרג.

אַרבעט ניט געפונען,
געלט ניט געבאָרגט;
מיט אָוונט־שאָטנס
אַהיים געגאַנגען מיד, פאַרזאָרגט.

צום שוועל צוגעקומען,
זיך געזעצט אויף די טרעפּ;
סטוק אין די שלייפן —
פיבערדיקע האַמערלאַך־קלעפּ.

האמערלאך שווינגען
ארויף און אראפ,
גליען און שמידן
אין אייגענעם פלאם מיר מיין קאפ.

דו, ווי א וואונדער,
קומסט צו צו מיין הויז,
נעמסט פאר א האנט מיך,
נעמסט און גלייכסט מיך אויס.

דו עפנסט די טיר מיר,
דו פירסט מיך אריין, —
דו הייסט מיר מאן זיין, טאטע,
ווי יעדער באדארף און מוז עס זיין.

מאן זיין, טאטע, —
איך פאלג, איך בין,
איך ווער נאנט, נענטער,
צו מיין פרוי און מיינע בלאנדע זין.

מיר זעצן צום טיש זיך,
דער טיש ווארט שוין לאנג געגרייט;
אונט איז איצטער —
עסטו מיט אונז אינאיינעם אונטברויט.

רו אין שטורמווינט

איך זע די טריט דיינע אין פרישן שניי פאַרצייכנט,
איך גיי זיי נאָך, ניט וויסנדיק ביז וואַנען;
איך ווייס נאָר איינס: איך וועל דיך ווען דערגרייכן
און אויפשטעלן אונזער קעניגרייך פון דאַנען.

אַ שטורמווינט צעשפּילט זיך און פאַרבלענדט מיך,
איך וואַרף אַראָפּ פון זיך מיין זאַק מיט יאָרן,
איך לאָז זיך לויפן, און איעדער וועג דערקענט מיך
און באַגעגנט מיך מיט שאַלנדיקע כאָרן.

איך בלייב פּלוצלונג שטיין אין מיטן אַ פאַרשטילטער,
אַ פאַרשעמטער פאַר מיין איינגעשפּאַרטן ווילן,
און דער שניי־שטורם, אַלץ ווילדער און צעשפּילטער,
וויל ניט ליידן, וויל ניט דולדן מיך אַ שטילן.

ער רייסט מיך פאַר די האָר, און בייסט מיט ציינער,
און שלאָגט מיך איבערן קאָפּ ווי מיט אַ האַמער,
און איך נעם אָן מיט ליבשאַפט אַלץ, ווי קיינער,
אַ פאַרליבטער ווי איך בין און אַ פאַרזאַמער.

איך האָב אויסגעטראָגן אין זיך אַ סך גערולדן,
און אויסגעשריי אַ סך אין זיך פאַרשוויגן,
איצט קען איך אָפּן, ריין פון אַלע שולדן,
אויפן מיטן וועג, ווי שניי ווי ווייסער, ליגן.

און ווי ווייסער שניי צו גאָר דער וועלט געהערן, —
קום דו און פעדער זיך מיך אויפהויבן און נעמען;
דער שטורם רוט, און אויפגעריכטע שטערן
דערברענען ביז פאַרטאָג אויף מיינע ברעמען.

אַ גרוס

דער טאָג איז היינט אַ ליכטיקער, אַ ווייסער,
עס ברענט דער שניי אויף די בערגיקע קעפּ,
עס ליגן אָפן די וועגן צו אַלע הייזער,
און עס רופן ברידערלאַך צו זיך אַלע טרעפּ.

איך בין אַ גאַסט היינט ביי מיין אייגן לעבן —
דאָס מאָל האָב איך פרייד זיך אַ געשאַנק געבראַכט;
איך בין געקומען ליב האָבן, איך בין געקומען געבן
מיינע שטומע ליפּן צו זון און נאַכט.

ס'איז מיר עפּעס מאָדנע אַזאַ פרייד צו טראָגן,
איך בלייב שטיין ביי יעדן שוועל, ביי יעדער טיר,
און עס ווילט זיך עפּעס זאָגן, זאָגן, זאָגן
אַזאַ וואָרט וועגן מיין ווייטן פריינט, — וועגן דיר.

וועגן דיר אַזאַ וואָרט, וואָס זאָל דערפרייען
דאָס האַרץ פון אַלעמען, אַלעמען אויף דער ערד;
דאָס גליק, וואָס ווערט צעטיילט נאָר צווישן צווייען,
איז צוטראָגן דעם נאָמען גליק, אפשר גאָרניט ווערט.

דער טאָג קלעטערט אויף די בערג אַלץ העכער,
און דערקלעטערט צו יענער זייט ראַנד,
און הויבט אויף דעם לבנה'דיקן בעכער
אין זיין אויסגעשטרעקטער אומטדיקער האַנט.

דאָס בעכער שוימט און שוימט אריבער
מיט ניטפאַרמיידלאַכן מזל. אַ נייער שניי
נעמט פאַלן — פאַרשיטן אַלע וועגן און שטיבער,
און אויך מיך, — מיט מיין אָפענעם פּנים צו זיי.

אַזוי ווי פּאָר אַ נס לויכטן אויף מיינע בליקן,
און איך בין גליקלאַך, וואָס איך האָב ניט פאַרפעלט
אַ גרוס צו באַקומען, און אַ גרוס צו שיקן
צו דיר, און — דורך דיר — צו גאָרער וועלט.

העלף!

דיינע ווערטער, חבר מיינער, קומען צו פליען
דורך ווינטער־שטורם אויף מיין הילפגעשריי,
זיי לאָזן זיך אראָפּ און קניען,
נאָך ניט אָפּטרייסלענדיק פון זיך דעם שניי.

זיי האָבן זיך געריסן דורך די ווילדע שנייען,
דורך די באַרגיקע בייזע ציין,
און שיעור ניט פארוואַנדלט זיך אַליין אין געשרייען,
אין פארצווייפלטן געוויין.

זיי באַהאַלטן די אייגענע וואונדן,
דאָס געוויין אין זיך נעמען זיי איין,
אין די נאַכטיקע, אין די שפּעטע שטונדן
ווען זיי קומען צו מיר אריין.

זיי טרעפן מיך אין אויסגעצויגענעם ליגן,
די ברעמען ווי אין שלאָף פארמאַכט,
מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ אויף די שטיגן,
ווי נאָך אַ פארלאָרענער שלאַכט.

און אַנטקעגן — אַ פענצטער אַ צעשמעטערט,
און פון גלאָז — שטיקער ברוך,
און טאָוולען פון אַ פונאַנדערגעבלעטערט,
פון אַן ארויסגעפליקטן בוך.

זיי בויגן זיך איבער מיר אריבער,
נעמען אומוויגן מיין גוף:
— מיר זיינען געקומען דיר העלפן, ליבער,
שטיי אויף, שטיי אויף.

זיי לייגן מיך אויפן בעט אנידער,
איך קום צו זיך, און איך זאָג:
— „איך פיר קריג מיט מיינע אייגענע גלידער,
„אזא קריג ביז מיין לעצטן טאָג.“ —

זיי שטייען לעבן מיר און קניען,
גיבן האָפענונג מיר און מוט;
און אויף זיי אליין וואונדן גליען,
און פון זיי אליין רינט בלוט.

פאַרוואָס?

פאַרוואָס האָסטו מיך היינט פאַרשאָלטן, נאַכט,
און מיין האַרץ מיר אָנגעפּילט מיט געפאַרן? —
אַהינטער וואַנט דער שכן מייַנער לאַכט,
און עס הויבט אים גאַרנישט אָן צו אַרן.

איך קלאַפּ אָן אין טיר צו אים, איך רוף, —
און מיין פּנים ברענט ווי אין פלאַמען:
— "הער אויף צו לאַכן, שכן, הער אויף,
"אַ־ניט, לאָמיר ביידע זיין צוזאַמען.

"עס האָט זיך געענדערט אין מיר אַלץ, אַלץ,
"מיינע חושים זיינען פריי, — ניט מער געבונדן;
"די נאַכט שמעקט מיט שטיין, מיט ברויט, מיט זאַלץ,
"מיט מילך, מיט לייב און בלוט פון וואונדן.

"און דער ריח פון לייב — ווי צעשטראָמטער וויין,
"טרעפט און דילן אין אים זיך טונקען;
"אָ, שכן, לאָז מיך צו דיר אריין,
"איידער דער וויין האָט מיך דערטרונקען. — —"

איך רוף, איך קלאַפּ. — דער שכן לאַכט
אַלץ אויפרייצנדיקער און שלעכטער;
איך גיב אַ זעץ אין טיר. די טיר קראַכט.
ערשט — קיינער נישטאָ. ניט מענטש, ניט געלעכטער.

אַ פּוסטע בעט, פיר לײדיקע װענט,
אַ פֿאַרריסענער פֿאָרהאַנג אױפֿן פֿענצטער;
ערשט איצט דערפֿילן זײ דורכן באַריר פֿון מײנע הענט,
אַז איך בין זײער פֿרײנט דער נענטסטער.

איך פֿלעכט צונױף די הענט אין אײן קנױל,
איך נעם װעקן די װענט, איך נעם זײ שלאָגן;
דערנאָך פֿאַל איך צו צו אַ שױב מיטן מױל,
און מײנע ליפּן — צו דער װעלט — צו דיר — זאָגן:

"דו זעסט, איך קוש שטײן, האָלץ, גלאָז,
"איך צװינג זײ אַלעמען צו זינגען, טאַנצן;
"דו זעסט, איך גיב זיך דיר אַװעק, װי צום פֿײער גראָז,
"איך גיב זיך דיר אָפּ אינגאַנצן, אינגאַנצן."

איך ווייס

איך ווייס, איך ווייס, איך ווייס —
דער מענטש איז א וואָלף, א טיגער;
אין דעם באַזיגטנס בלוט און שווייס
האָט ליב זיך צו באָדן דער זיגער.

און ווייכע זיסע רייד
ווערן ווי גאַל ביטער;
אַז איינער דעם צווייטן טראָגט פרייד
שטעלט זיך אַנטקעגן א דריטער.

איך ווייס, איך ווייס, איך ווייס,
ווי עס זעט אויס אַ לייב א צעשמיסן,
און ווי א פּוס טוט דאָס לייב א שטויס
אין אַ שטייג אַריין אויף שלאָס צו פאַרשליסן.

און ווי גרויס עס איז דאָס געוויין פון וואונד —
די שמחה פון וואונדיקער איז גרעסער;
אייביק איז דער געמיינער בונד
פון תפיסה־שליסלען מיט די שלעסער.

איך ווייס, איך ווייס, איך ווייס —
אָבער איך ווייס נאָך אנדערש עפּעס;
איך האָב אַליין געפילט א מאַמעס שויס
אויף טויטע שנייאיקע סטעפּעס.

אַ מענטש מיט וואָלפישער שטים
יאָמערט צו בלינדע ווייטן,
און יאָמער ווערט גליקלאַכער הימן
פון א געטרייסטן, אַ באַפרייטן.

עלנדער געפייניקטער גוף
קוואַלט מיט באַפּרוכפּערדיקן זאָמען,
און זיסער שוים שלאָגט אַרויף
אויף ליפּן אין הייליקונג פון אַ נאָמען.

אויסגעשטרעקט אויף נאַקעטער ערד,
אַרומגערינגלט מיט נאַכט און ווערים, —
ליגט דער מענטש און הערט
דאָס צאַפּל פון אַ קינד אין זיינע געדערים.

אַ ליבשאַפט ווי פייער הייס
צעשמעלצט דעם גוף פונם הערער; —
איך וויים, איך וויים, איך וויים, —
און איך וויים נאָך עפּעס מערער.

די ערד איז געלאָדן

די ערד איז געלאָדן
מיט זאַנגען און פרוכט.
אויף דער שפּע פון באָדן
האָב איך דיך געזוכט.

ניט באַדאַרפט גאָר זוכן, —
ביסט געשטאַנען גרייט
מיט טאָרט און מיט קוכן
ביים וואַלדיקן פּלויט.

מיט גליק פון קומען
און פרישקייט פון טאָרט,
האָט געטריפט פון דיין גומען
האָניק פון וואָרט.

האָסט געשטילט מיין הונגער,
און געזאָגט מיט פרייד:
— ביסט היינט אַזאַ יונגער,
נו זאָג עפּעס, רייד.

וויל איך נעמען ריידן,
זאָג ארויס קוים א וואָרט, —
און דער שרעק פון זיך שיידן
איז שוין דאָ אויפן אָרט.

מיין קאָפּ נידערט,
מיין וואָרט פאַלט, —
איך בין ווידער, ווידער,
ווי א פרעמדע געשטאַלט.

איך קען ניט באַהאַלטן,
אַז איך לעב נאָך פֿאַרשטעלט, —
אַ געשטאַלט פֿון געשטאַלטן
פֿון אַ פֿאַרפּייניקטער וועלט.

אָבער זיין וויל איך אָפֿן,
און לויטער און קלאָר,
ווי אין די רגע׳ס פֿון האָפֿן
אויף דיין אַנטפּלעקטער וואָר.

דו פֿירסט מיך אויף בייטן,
איבער ווילדגראָז און שטיין,
ביז עס הייבט זיך אָן גרייטן
דער טאָג צום פֿאַרגיין.

איך פֿאַל קניען אין שאָטן
פֿון טאָג׳ס לעצטער שעה,
צו דער שפֿע פֿון באָדן
וואו דו ביסט דאָ.

אַ ווינט אין די גראָזן

אַ ווינט אין די גראָזן,
עלעקטרישע פּלעמלאַך אין הענט;
און מיר האָבן מיטן ווינט זיך געלאָזן,
ביז די פּלעמלאַך האָבן אויסגעברענט.
הימל.
און אין הימל — שטערן.
און איך אויף דער ערד,
און דו לעבן מיר אויף דער ערד.

גערעדט וועגן לידער,
און ריידן וועגן לידער איז זיס;
די זיסקייט איז אריין אין דיינע גלידער,
און מיין קאָפּ האָט זיך גענויגט צו דיינע פיס.
הימל.
און אין הימל — שטערן.
און איך אויף דער ערד,
און דו לעבן מיר אויף דער ערד.

סודות פון יאָרן,
בלענדיקע גרויקייט פון קעפּ;
יעדער איינער איז פאַרן צווייטן געוואָרן
אַ ווייסע, אַ הייליקע טרעפּ.
הימל.
און אין הימל — שטערן.
און איך אויף דער ערד,
און דו לעבן מיר אויף דער ערד.

פון צווישן די ליפּן
כאַפּט אַרויס אונזער נאָמען דער ווינט,
און דעמאָלט הויבן מיר אָן צו ליבן
יעדעס גרעזל, ווי אונזערס אַ קינד.
הימל.
און אין הימל — שטערן.
און איך אויף דער ערד,
און דו לעבן מיר אויף דער ערד.

עס שלאָפן איין די גרילן,
נאָר מיר בלייבן איבער וואַך
צו היטן דער וועלט'ס דילן
אונטערן קיילעכדיקן בלויען דאַך.
הימל.
און אין הימל — שטערן.
און איך אויף דער ערד,
און דו לעבן מיר אויף דער ערד.

עזה כמות אהבה

פארטאָג. זון.
זון.
זון.
זון.
ווי גאָלדענע לויכטן די שויבן פון דראָט.
אין א שעה ארום
וועט דער תליון מיך פירן צום עשאַפאָט.

אין בענטשונג און לויב,
לויב,
לויב,
לויב,
וועט פארוואנדלט פיין, וועט פארוואנדלט שפּאָט, —
מיט געשניטענעם היי,
מיט טוי און מיט רויערד שמעקט דער עשאַפאָט.

געשריי פון גוף,
גוף,
גוף,
גוף: —
ריים ניט פאנאנדער דעם לעצטן פארבאָט; —
— אָ, תליון, רוף,
הויב אויף דעם פאַרהאַנג פון עשאַפאָט.

תליון רופט:
גיב,
גיב,
גיב,

דו, אומגעדולדיקסטער, דעם ערשטן טראָט; —
— איך האָב דיך ליב, —
אַזוי זינג איך אויפֿן וועג צום עשאַפֿאָט.

תּלין פּירט,
פּירט,
פּירט,
פּירט,
דורך נאָך־שלאָפֿענדיקע דאָרף און שטאָט.
און אָט דערפֿירט.
מיט מיין געזאַנג גיי איך אַרויף אויפֿן עשאַפֿאָט.

מזרח ברענט.
ברענט.
ברענט.
ברענט.
און אָט ווערט אויסגעפֿירט מיין טיפֿסטער געבאָט: —
אויף דיינע ליכטיקע הענט
טראָגסטו אַרונטער מיין גוף פֿון עשאַפֿאָט.

אַ ווינט

אַ ווינט איז געקומען ווילד און בייז,
אַ בראָך געטאָן דעם עפּעלבוים, און דערנאָך
אוועקגעטראָגן זיך ווייטער, — וואוהין? — ווער ווייס?
און דעם עפּעלבוים איבערגעלאָזן מיטן בראָך.

דאָס איז געווען דעם בוים׳ס רעכטע האַנט,
און אַ צובראָכענע האַנט איז אויך פאַר אַ בוים ניט גוט;
דערצו האָט ניט אויפגעהערט צו טריפן נאָכאַנאַנד
פון דער אָפענער וואונד אַזאַ לויטערע בלוט.

די איבעריקע צווייגן האָבן געוואָלט עפּעס טאָן,
געוואָלט קומען צו הילף, נאָר זיך רירן ניט געקענט:
אַזוי איז שוין זייער מזל פון אייביק אָן
צו פאַרמאָגן אין זיך אַלץ, נאָר ניט באַוועגונג פון הענט.

און אַז איך האָב די אָפענע וואונד דערזען
איז פאַר גיכער הילף געווען שוין שפּעט, —
האָב איך געטאָן אַלץ, וואָס איז מעגלעך געווען,
און אונטערגעשפּאַרט דעם צווייג מיט שטריק און ברעט.

און איך האָב ארומגענומען מיט די פינגער און געגלעט
די פאַנאַנדערגעריסענע טיילן פון דער וואונד,
און ווי מען רעדט צו אַ מענטשן אַזוי האָב איך גערעדט:
— ניט וויין, ניט וויין, וועסט ווערן געזונט.

ס׳איז געקומען נאַכט. און אַז נאַכט קומט
ווערט אַלץ דאָך פאַרדעקט און אַלץ פאַרשטעלט;
און אַז מען זעט ניט די וואונד, מיינט מען: ס׳ע שטומט.
פאַרפאַלן. אַזוי פירט זיך שוין די וועלט.

אָבער אין אמת'ן האָב איך קיינמאָל נאָך
אזוי קראַנק ניט געשליידערט זיך אויף מיין בעט:
— וואָס טוט מען? ווי היילט מען אוים אַ בראָך?
אזוי האָב איך, ווי אין היץ, צו זיך גערעדט.

אין דער פרי, אַז איך בין אויפגעשטאַנען, האָב איך געזען
געגנוג בלוט נאָך אויף דער ברעט און שטריק;
ס'איז אָבער דורך דער נאַכט אויך עפּעס פריידיגס געשען:
אַן אָנזאָג אויף אַ צונויפוואַקסן צוריק.

אין דעם באַגינען האָט זיך געפילט אַ שטילע פרייד,
און דער בוים האָט זיך אָפּגעפרישט מיט נייעם ליכט,
און איך האָב ווידער צו אים גערעדט רייד,
ווי צו אַ טייערסטן מענטשן, געזיכט צו געזיכט.

אָוונט

דער רעגן האָט ווייך געמאַכט אַלע בייטן,
און גראָזצינגלאַך שפּראָצן גרין און דין,
און אַלע ווידמונגען, ווי אַרום אַ טיש אַ געגרייטן,
פאַרנעמען זייערע ערטער מין נאָך מין.

קום אויך דו, — מיר וועלן זיך אויך פאַרטרויען,
ווי אַלע מינים, צו דער ערד, און זיין
אַזוי זיכער אונטער האָגל, ווי אונטער טויען,
אונטער פינצטערניש אַזוי ווי אונטער שיין.

מזלות פון מענטש ליגן פאַר מיר אָפן,
ווי די ליניעס פון מיין האַנט'ס פלאַך;
דאָך ציטער איך אויף, ווי איבער אַ קינד אין שלאָפן,
איבער דעם מזל פון יעדער שטומער זאַך.

איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי ניט פאַרנומען
דאָס אינווייניקסטע פון האַלץ און שטיין,
ווי איצט, ווען עס צעגיסט זיך מיר איבערן גומען
אַזאַ אמת'ע זיסקייט פון דער זון'ס פאַרגיין.

עס שלאָגן אָדערן אין ליימיקן חומר,
איך הער דאָס געזאַנג פון יעדן שלאָג,
שאָטנס פון אָוונט — נשמות פון בוימער,
וואָס קומען אַ זיי־געזונט זאָגן דעם טאָג.

דאָס וואָרט „זיי־געזונט" האָט אזוי פיל קאָלירן,
וויפיל קאָלירן עס האָט די מערב־זייט.
דער מערב פאַרלעשט זיך, ערשט איצט נעם איך שפּירן
ווי אין מיר אַליין דער זיי־געזונט שרייט.

ער שרייט אין מיר שוין פון גאַנצע מעת־לעת'ן,
און ערשט איצט דערהער איך אים אזוי קלאָר;
אָט דאָ ביזטו געשטאַנען, אָט דאָ ביזטו געזעסן, —
ס'איז געווען דו, ס'איז געווען וואָר.

קומט די נאַכט און נעמט פלוצלונג וועבן
אזא קייט אַרום מיר פון שרעק און פאַרראַט,
בלייב איך אַלץ דיר פאַרטרויט מיט לייב און לעבן,
ווי צו דער ערד דער שטיין, דאָס גראָז און בלאַט.

דאָס ווייסע פּאַפּיר

דאָס ווייסע פּאַפּיר פאַרבלענדט מיך,
איך שרייב צו דיר וועגן דיר;
דאָס וואָרט מיט פאַרליבקייט דערקענט מיך,
שמייכלט אויף פון מיין יעדן באַריר.

איך בין געקומען פון אונטער א רעגן,
איך האָב געשפאַנט איבער א פאַרפּלייצטן וועג, —
איך בין געגאַנגען אויפן שליאַך פרעגן
וועגן דעם גורל פון אונזערע שפּעטערע טעג.

איך האָב זיך געגזעגנט צו גראָזן און זאַנגען,
זיי האָבן געזעגנט זיך צו מיר צוריק;
כאָטש איך ווייס — ס'איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען
די מאָדע פון אָנ'כשופ'ן גליק.

האָב איך פונדעסטוועגן גערעדט אזוינע שפּרוכן
צו געוויקסן, צו וואַסער, צום שליאַך;
איך האָב געזוכט, און איך זוך, און וועל זוכן
דיין שיינקייט אין יעטווידער זאַך.

מיט ווייסקייט פון ליב לויכטן ווערטער,
זיי נעמען זיך צו, ווי קערנער צו א בייט, —
עס זיינען שוין דאָ אויף דער ערד אזוינע ערטער,
וואו אונזער יום־טוב איז אויף אייביק פאַרזייט.

פאַררעטער

זיי רופן מיך אַן פאַררעטער,
און נעמען צו זייערע זין, און גייען אוועק
אין פּאַרק אַריין, וואו פאַלנדיקע בלעטער
דער אָסיענדיקער שומר קלייבט אין פולע זעק.

זיי לאָזן זיך טאַנצן מיט די זין צוזאַמען,
זיי זינגען אַ לויב אַזאַ צו אַ מערדער׳ס שווערד,
ביז דער הימל ברענט אויס אין זיינע לעצטע פלאַמען,
און עס נידערט אַרונטער די נאַכט אויף דער ערד.

און מ י י ן זון ליגט אַ דערקוילעטער אויף ברעטער,
זיין קינדישער האַלדז איז, ווי געווען, דין ;
איך טענה צו אים : זון מיינער, זיי רופן מיך פאַררעטער —
די הוליענדיקע טאַטעס מיט די טאַנצנדיקע זין.

זיינע ליפּן עפענען זיך נישט, זיי ווילן ניט ריידן,
אָבער שמייכלען שמייכלען זיי צו אַזוינע מאָדנע העק,
צו אַזוינע מאָדנע שווערדן, אַרויסגעצויגענע פון שיידן,
וואָס דער אָסיענדיקער שומר פּאַקט אין פולע זעק.

עס לאַכן מענטשן, עס וויינען געטער,
און פליגלען טראָגן בשורות פון קריג, —
זון מיינער, זון מיינער, דיין טאַטע דער פאַררעטער
טראָגט אַלעמען אַנטקעגן דיין פּוסטע וויג.

עפּעס אַנדערש

רייד, וואָס מען טאָר זיי, אפשר, ניט ריידן,
ווערטער, וואָס מען טאָר זיי ניט זאָגן אָפן;
אַ מענטש איז געקומען זיך צו שיידן,
און — עפּעס אַנדערש גאָר האָט געטראָפן.

איבער אַלע ווינקלען פון שטוב איז ליכטיק,
ניט פון פייער, נאָר פון אויפגעדעקטע גלידער;
ס'ליגט אַ גוף אין אָפּגעגעבענער צו פאַרניכטונג,
און מען קרייציגט אים ווידער און ווידער.

די ציינער, די ליפּן זיינען פאַרשלאָסן,
נאָר עטוואָס צעעפנט זיינען די ברעמען,
צווישן די ברעמען אַזאַ גוטסקייט צעגאָסן, —
כדי דעם קרייציגער ניט ווייטאָן, ניט פאַרשעמען.

— אָ, מענטש נאַקעטער, ווער ביזטו? —
— פון וואַנען האָט זיך צו דיר אַזאַ גוטסקייט גענומען? —
אַז מען פייניקט דיך ביז צום שטאַרבן, — פאַרגיבסטו,
און מאָרגן וועסטו ווידער און ווידער קומען.

דאָ צו דער נאַקעטער ערד

דאָ צו דער נאַקעטער ערד
פאַלן פאַרפראָרענע שטערן;
טײַערע מײַנע, עס איז מיר באַשערט
צו נאַקעטער ערד געהערן.

מענטשן מיט פאַררייסענע קעפּ
קומען מיט מיר זיך קריגן,
נאָר דער ווינט פון דער רויער סטעפּ
צעוואָרפט זיי מיט קעפּ אויף שטיגן.

צו וואָס קומען זיי, צו וואָס?
מיט טרויער, מיט טויט, מיט זידל; —
אַז פון דײַן נאָמען דער מינדסטער אות
ברענגט אָנזאָג פון ליבשאַפט און פרידן.

אָט דאָ אויף דער צעקאָרטשעטער ערד
אין עטלאַכע נאַכטיקע שטונדן,
ווערט דאָס לעבן מײַנס צעריסן, צעשטערט,
און צוריק דורך דיר פאַרבונדן.

גלעקער קלינגען

גלעקער קלינגען, סירענעס שאַלן,
נאַכט שלאָגט־אויס די שטונדע צוועלף;
איבער ווייסע פוסטע זאַלן
גיי איך אַ טאַנץ מיט זיבן וועלף.

זיבן וועלף — זיבן וואונדער.
טופּעריי פון דרייסיק פּיס.
אָט אינאיינעם, אָט באַזונדער.
האַלדזונג, צערטלאַכקייט און ביס.

אָנגעקומען פון ווייטע מײַלן, —
ווער האָט זיי געציייגט מיין שוועל? —
מיך צו דערפרייען, מיך צו פאַרווײַלן,
וויסן אַליין ניט אויף וועמענס באַפעל.

געזאָלט האָט זיין אַז דו זאָלסט קומען,
צו דיר האָב איך גערופן: העלף.
האָט אַנדערש ווער מיין רוף פאַרנומען,
געשיקט פון וואַלד מיר די זיבן וועלף.

מיין ערשטער שרעק — אין גרינע אויגן,
מיין צווייטער שרעק — אויף רויטער צונג,
דערנאָך — אָנשטאָט צו ערד זיך בויגן, —
איך טו אַליין פון פרייד אַ שפּרונג.

דער קוואַל פון פרייד — אויף שלאָס פאַרשלאָסן,
דער שטיין פון טרויער אויבן פרעסט;
אָט גרייט איך צו אַ כוס פון כוס'ן,
אַ טאָסט פאַר אייך, מיינע ליבע געסט.

איך קייקל אַראָפּ דעם שטיין פון טרויער, —
דער קוואַל אַ באַפרייטער שפּאַרט אַרויף.
אין וועלפישע אויגן פון האַס און לויער
אַ גוטסקייט אַ קינדישע לויכט־אויף.

מיר זיינען גליקלאַך אַלע, — שכור,
מיר זיינען אַלע ווי איין געשטאַלט,
ביז שעה'ן פֿון נאַכט, ווי בליי ווי שטיקער,
נעמען האָגלען אויף אונז אין פּוסטן זאַל.

דער לעצטער כוס — שוין ניט דערטרונקען,
דאָס לעצטע וואָרט — פֿרירט אויפֿן ליפּ,
די געסט אַרום מיר, מיט קעפּ געזונקען,
זיי וואַיען, וואַיען ביזן לעצטן כריפּ.

אַ שטילקייט קומט. אין שויב נעמט העלן.
די אויגן אַלעמענס מאַכן זיך צו,
אַ שאָרך פֿון טריט איבער אַלע שוועלן,
דער שאָרך זאָגט אָן, אַז דאָס ביסטו.

צום ווײפֿילטן מאָל געעפֿנט די ברעמען,
צום ווײפֿילטן מאָל זיי ווידער פֿאַרמאַכט; —
ביז וואַנען דו הייבסט אָן צו רופֿן מיט נעמען
די וועלף מײַנע אַלע, די געסט פֿון דער נאַכט.

און ווי נאָר דו הייבסט אָן מיט נעמען צו רופֿן
אַזוי גיט אַ בליץ מיט רויט דער באַגין,
און אָט — מער ניטאָ זיי די זיבן גופֿ'ן,
איך בין ווידער איינער, — דער, וואָס איך בין.

אַ פּולע זון ברענט אויף די שויבן,
דו צייגסט מיטן האַנט, דו זאָגסט: זע. —
מיין גוף ציט זיך אויס, איך זאָג מיט גלויבן
אין דער זון און אין דיר: אַדיע, אַדיע.

אַ מענטש אַזאַ

אַ מענטש אַזאַ מיט נאַקעטע קניען,
מיט האָריקן לייב און גרויען קאָפּ,
קומט אָן מיט געאייל אַזוי ווי ער וואָלט פּליען,
פון אַ פעלזיקן בארג לאָזט ער זיך אַראָפּ.

ס'איז אָנהייב טאָג, די בערג נאָך שלאָפן,
איר ערשטע ברעם די זון רייסט אויף;
דער מענטש טראָגט פריי פאַר אַלעמען אָפן
זיין אויפגעגאַנגענעם, זיין ווילדן גוף.

דער מענטש קלאַפּט אָן אין אַלע טירן,
דער מענטש פאַלט צו צו אַלע ווענט, —
ער טאָר דעם באַגינען ניט פאַרלירן,
ער שטרעקט צו אַלעמען אויס די הענט.

זיין קלאַפּן מיינט: מען קען אים האָבן,
ער איז פאַר אַלעם, אַלעם גרייט:
מען קען ווי מיט וויין מיט אים זיך לאָבן,
מען קען אים עסן ווי מען עסט ברויט.

מען קען מיט זיין גרויען קאָפּ זיך שפּילן
אַזוי ווי מען שפּילט זיך מיט אַ קויל;
מען קען דעם שאַרפסטן ווייַ פאַרשטילן
מיט די ליפּן די שטייפע פון זיין מויל.

מען קען אין שפּאַס מיט קרוין אים קרוינען,
זיין רום צעוויקלען ווי אַ פאָן;
מען קען אים אָנפילן ס'האַרץ מיט געוויינען,
און אויפרייסן ווי מען רייסט אויף אַ באַלאָן.

ער איז דער וועלט'ס מיט לייב און לעבן
נאָך איידער דער טאָג עפנט זיין אויג;
ער שטייט אַ פרישער זיך אַוועקצוגעבן,
מען קען אים שניידן ווי מען שניידט טייג.

פון וואַנען קומט ער? — דאָס ווייס ניט קיינער.
אַהינטער אים באַרגוואַלד און נאַכט;
וואָס מענטשן ווייסן ניט ווייס ער איינער,
ווי אַזוי אויף דער וועלט ער איז געוואָרן געבראַכט.

און ער ווייס אויך גוט ווען באַזונדער
ער האָט אַ נ ד ע ר ש ליב, — ערגעץ ווייט אין אַ העק,
און ער ווייס נאָך מער, ווען עס געשעט וואונדער,
און עמיצער אַנדערש גיט זיך אים אַוועק.

ער ווייס אויך ס'גליק פון דאַנקען און לויבן,
אַרומנעמען פיס און קושן טריט,
און קניען צו דער ערד און גלויבן, גלויבן,
און ביז לעצטן אָטעם שטיין געקניט.

און אפילו איצט, ווען הענדום־פענדום
ער לויפט אַרום אין דער וועלט'ס באַגין,
איז דאָ אַן ע מ י צ ע ר צו ווענדן זיך ווענדן,
איז דאָ אַן ע ר ג ע ץ צו גיין אַהין.

מען וואַרט אויף אים אין פיין באַנומען,
מען שטייט ביים שויב און מען קוקט אַרויס;
נאָר ער — ער קומט ניט, ער קען ניט קומען,
ער לויפט איבער וועלט דאָ איין — דאָ אויס.

ער איז דער וועלט'ס. זיינע פינגער ווינקען,
ביי יעדן שוועל זיין גוף ליגט גרייט:
ווער עס וויל קען קומען ווי וויין אים טרינקען,
ווער עס וויל קען אים עסן ווי מען עסט ברויט.

איינער גיט זיך אַוועק

איינער גיט זיך אַוועק צום וואָרימען לייב צום קלאָרן,
אַ צווייטער גיט זיך צום קאַלטן, קלאָרן שניי אַוועק;
איינער וויגט זיך אום ווי אַ צייטיקער זאַנג פון קאָרן,
אַ צווייטער — ווי אַ בוים וואָס ווייסט שוין דעם טעם פון העק.

אַזוינע ווערטער קלינגען מיר נאָכאַנאַנד אין אויער,
זיי פאַרקלינגען פון אונטער מיינע פיס דעם סקריפּ פון שניי,
אַ ווינט יאָגט אָן מיטאַמאָל אַ צפון'דיקער, אַ רויער
און דרייט צוזאַמען דעם טאָג און אויך מיך אין געדריי.

אָוונט. נאַכט. די לבנה וואַרפט זיך אין אַנגסטן.
איך ליכט ווי אַ שאַרפער שטאָל רירט אָן מיין באַק.
איך הער אַ קול איבער זיך: מיין ליבער, וואָס פאַרלאַנגסטו?
און אַן ענטפער קומט — אַ הילך, אַן אָפּהילך פון אַ האַק.

ליד

ווי קען זיין שולדיק דער,
וואָס טראָגט זיין לעבן אָפן
דורך אויסגעשנייטער ערד
אויף פלאַטערדיקע סטראָפן?

און שלעכטס, וואָס ער באַגייט,
אין מידקייט, אין ירידה —
פאַרוואַנדלט ער אין פרייד
דערהויבענע דורך לידער.

ער גענגט אָן זיין גרוב
און בויגט זיין ליד אַריבער:
— מיין ווארימע, מיין שטוב,
מיין אייביקע פון שטיבער.

געמויערטע פיר ווענט,
ווי עלטערע פיר ברידער,
דערזינגען ביז צו ענד
דאָס ליד פון מיינע לידער.

גלויביק

ניט דער שפּאַס פֿון לץ וועט אונז צושיידן
און ניט די קרומקייטן פֿון פֿאַלשן נאַר;
מיר וועלן גיין, פֿאַרברידערטע אין לײַדן,
דעם וועג פֿון חבר'שאַפֿט דורך נײַעם צער.

ניט צום ערשטן מאָל, און ניט צום לעצטן,
צו זײַן דערנידעריקט, צו זײַן פֿאַרשעמט;
דער העצער, הינטער אַקסל פֿון געהעצטן,
לויפֿט נאָך, ווי אַלעמאָל, מיט שטיינער פֿולע הענט.

איך פֿאַרלייקן ניט פֿון דיר, מײַן חבר,
מײַן עלנד וואַקסט צוזאַמען מיט מײַן פֿרייד;
עס ליגט זיך אויפֿן האַרץ אַן אַלטער זשאַווער
פֿון פֿאַנאַנדערפֿאַלנדיקע רייד.

איז דאָס דער גורל שוין אַזאַ פֿון אייביק?
אַ ניין, אַ ניין, ס'איז בעסערס מיר באַשערט;
צו לעבן קינדעריש, צו לעבן גלויביק —
אויף דעם בין איך געקומען אויף דער ערד.

ניט שטעל זיך אָפּ, ניט קוק זיך אום אויף הינטער —
ס'וועט מיד ווערן דעם שטיינערוואַרפֿער'ס האַנט;
אַ הינטער אונז — אַ שטאַרבנדיקער ווינטער,
פֿאַראויס פֿון אונז — אַן אויפֿגייענדיק לאַנד.

צווײ

ווער עס טראָגט אויפֿן האַלדז אַ קמיע,
ווער עס טראָגט אַ בלום אויפֿן לאַץ; —
צווײ מענטשן פֿאַר׳משפּט׳ע גײען
געאָרעמט צום הינריכטונג פּלאַץ.

די גאַסן פֿון המון באַלאַגערט, —
דער המון זיך באַטראַכט ווי אַ צד,
ער פּויקט און ער פּײַפֿט און ער גראַגערט
אוי ווי צו אַ יום־טוב־פּאַראַד.

קײנער ווײס ניט די שולד פֿון די צווײען,
און ווער האָט זײ צו שטאַרבן געניוט; —
מען זעט נאָר — זײ גײען, זײ גײען
אַזוי ווי צו דער חופּה — צום טויט.

דער באַגינען שפּרײט פֿאַנאַנדער די חופּה,
די חופּה צינדט זיך אָן און זי ברענט;
דער המון — ער הוליעט, ער טופּעט,
שטיקער שײַטער ער כאַפּט מיט די הענט.

די צווײ — צווײ גוף׳ן באַזונדער —
רופֿן אויס אַ פֿאַר׳כישוף׳טן רוף,
און אַלע זעען צו אַ וואונדער,
ווי פֿון צווײ ווערט אײן פֿלאַמיקער גוף.

עס נעמט אַלעמען דורך אַ פֿיבער,
עס פֿאַלט צו דער ערד דער המון,
ביז פֿון אַלץ מיטאַנאַנדער בלײַבט איבער
פֿון אַשעס אַ בערגל אַ קלײן.

קײנער פֿרעגט ניט בײַ קײנעם קײן קשיות,
צי מען קומט נאָכן טויט ווען צוריק;
און מען צעכאַפּט דאָס בערגל מיט אַשעס
פֿאַר אַ סגולה צו ליבע און גליק.

מדבר

פלינקע הענט פון דעם קלינגער —
וואָס קלינגען אין גלעקער פון לויב, —
טוט אריין אייערע אלע פינגער
אין פאַרגעסנקייט'ס קאַלטן שטויב.

דורכן לייב אַז ס'גייט דורך אַ געוויטער,
גייט אַדורך, — די צעשטערונג פאַרבלייבט;
ניט דער האַס פון צעקריגטע געמיטער,
נאָר די ליבשאַפט אין גלות פאַרטרייבט.

אין אַ לאַנד פון צעוואַקסענע פּאַלמען,
אין אַ לאַנד פון אייביקן גרין,
דאָס געזאַנג פון פאַטאַלן נאָכאַלעמען
קריגט דעם אמת'ן אוראַלטן זין.

עס רינט האָניק פון טייטלען און פייגן,
ווי אוירינגלאַך היינגען די ניס,
אָבער דו — האָרך דאָס מדבר'שע שווייגן,
און צום דאָרן שמיד צו דיינע פיס.

אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ ווייטן פריינט

וואָס מאַכסטו, מיין חבר געטרייער,
ווי גייט דאָס דיר דאָרט, וואו דו ביסט?
דיין נאָמען לויכט איבער מיר, ווי פייער,
און דערפרישט מיך, ווי אַ קוואַל אין דער וויסט.

איך האָב אָפּט צו דיר אין צער געשריבן,
צער פאַרלויפט מיר אויך איצטער דעם וועג,
ס'איז אַ סך פון אים, אַ סך נאָך פאַרבליבן
אויף מאָרגן און אויף שפּעטערע טעג.

דער ווינטער איז אין איילעניש אַנטלאָפן,
זיין לעצט ביסל שניי צעקריכט;
איך שיק דיר היינט אַזוינע סטראָפן,
וואָס אויף זיי האָסטו זיך גאָרניט געריכט.

וועגן לאַנד, פאָלק און קאָלעגן, —
און וואו ניט וואו אַ באַשיידענער סטראָף
וועגן זיך, ווי איך טראָג דיר אַנטקעגן
מיין ליבשאַפט — אַ ווייסע שאָף.

אַזוי מאָדנע, אַזוי וואונדערלאַך צו שפּירן
פון ווייטן דיינע פינגערס באַריר,
נאָך איידער ס'איז געקומען צו דיינע טירן —
נעמט אַ ציטער שוין דורך דאָס פּאַפּיר.

איך זאָג דעם אמת דיר אינגאַנצן,
איך וואונדער זיך אויף זיך אַליין,
ווי אַזוי האָב איך געקענט דיך פאַרפלאַנצן
אין מיין הארץ — דעם פעלזן שטיין.

און ווי אזוי האָב איך געקענט זיך צעשפּרייטן,
מיט אַמאָל, ווי אַ צעוואָרצלטער בוים, —
אַז איך האָב געטראָגן אין זיך זיבן טויטן
און גולמ'דיקע שטומקייט פון ליים.

אַזאַ לויטערקייט אין דיר און דיין נאָמען,
אַזאַ פאַרגעבונג צו שלעכטס און זינד, —
אַז אַ טאַטע, וואָס האָט פאַרזייט שוין זאָמען,
זאָל דערזען זיך אַליין ווי אַ קינד.

איך האָב אַ סך דיר, אַ סך צו דערקלערן
פון דער אַנדערשקייט, וואָס אין מיר קומט פאָר, —
היינט איז אַזאַ נאַכט פול מיט שטערן
און אַזאַ ווייסער בלענד אויף מיינע האָר.

און עס עפענען זיך פאַר מיר אויף קרעפטן
פון מענטש און פון נאַטור אַרום,
און עס ווילט זיך מיט אַלעם באַהעפטן,
און אויסזינגען, ווי צו דיר: — איך קום.

דאָס לעבן דאָ האָט מיך אַ סך געבראָכן,
אָבער אין יעדן בראָך גייט אויף אַ זין;
און עס טוט זיך קיינמאָל פון מיר ניט אָפּ מיין בטחון,
אַז דו האָסט מיך ליב אַזוי ווי איך בין.

איך ווייס: דו ווילסט ניט איך זאָל דערציילן
וועגן ליבשאַפט נאָר, און ניט מער;
פאַראַן האַס. — אויך מיט האַס ווילסטו זיך טיילן,
און ווילסט דיין טייל זאָל אי הארב זיין, אי שווער.

נו, דערצייל איך, אַז איך לעב ווי ביי ראַנדן
פון אַן אָפּגרונט, מיט קאַלטקייט אין בליק,
פון דעם ערשטן טאָג אָן פון מיין לאַנדן
אין דעם לאַנד דעם זאַטן פון גליק.

נו, דערצייל איך, אז איך בין פול און געלאַדן
מיט אומרו און אַנונג, אַז אַט
וועט זיך אַ שפּאַלט טאָן אונטער מיר דער באָדן
און אָפּמעקן דעם שפּור פון מיין טראָט.

כאָטש איך האָב דאָ שוין זין צוויי — יורשים,
טוט זיך ניט אָפּ פון מיין אויג קיינמאָל
דער פּאַרצוקנדיקער שנאָבל פון אַ קאַרשון,
און פון מיין אויער — זיין בלוטדאָרשטיקער קול.

איך האָב אַ סך שוין דאָ באַגלייט צו קבורה,
און אַז איך טראַכט וועגן מ י י ן לעצטער שעה,
זע איך ניט מיין גרוב מיט זיי אין שורה,
נאָר ערגעץ אַנדערש, אַנדערש — ניט דאָ.

צי האָב איך ניט ליב דאָס לאַנד פון די שטאַטן?
נו, ווי קען איך ניט ליב האָבן דאָס לאַנד?
ווען עס האָט געברענט אונטער מיר די ערד פון מיין טאַטן
האָב איך פון דאַנען דערפילט אַ פריינט'ס האַנט.

איך זאָג אָבער פּשוט און אָפן:
ס'איז מיר קאַלט, ס'איז מיר ניט היימלאַך אין לאַנד;
און מעגן מיינע איצטיקע סטראָפן
פאַר אַ יענקי־צאָן זיין שטעכיק ווי זאַמד,

און פאַר אַנדערע מעג עס קלינגען מיט גרינקייט, —
אָבער דו פאַרשטייסט דאָך מיך גוט,
אַז ס'איז דאָ אַזאַ גרינהאָרנדיקע דינקייט,
וואָס טראָגן זי ניט אַלע האָבן מוט.

און אַזאַ פרעמדקייט איז דאָ, וואָס גיט פליגלען
צו שוועבן איבער דעם פּיליסטערשן רייך,
און אַלץ זען ווי דורך אָפענע שפּיגלען,
און ניט איינ'תושב'ן זיך מיט אַלעמען גלייך.

און פון דער הויך שליידערן פיילן
און פאַר איין מאָל זיין: אי תושב, אי גר,
און זען זיך אַליין פאַר ווייטע מיילן,
און אין זיך אַליין צילן דאָס געווער.

א תושב אויף דער וועלט איז יעדער, יעדער,
אויף וועלכן לאַנד ער זאָל ניט שטעלן זיין פוס;
אָבער פילן אין פוס אויך לייכטקייט פון אַ פעדער,
אויך לייכטקייט פון אַ גר — דאָס איז שוין זכות.

און אָט די זכיה וויל איך ניט פאַרראַטן,
כאָטש עס פאַרראַטן זי אַלע ארום;
אַלע כאַפּן זיך צו צום וועג צום גלאַטן,
און דעם, וואָס גייט ביים זייט, באַטראַכט מען קרום.

דער זייטיקער איז ניט זייטיק פון יוצא וועגן,
ער וואַרפט זיינע פיילן און טרעפט טיף;
ער איז היגער פונם היגן און מען קען ביי אים ניט פרעגן:
פון וועלכן האַפן קומסטו, פון וועלכער שיף?

דערצו זיינען די האַפנס היינט פאַרהאַקט אויף שלעסער,
די שיפן יאָגן ניט מיט אָנגעשוואָלענעם בויך;
און די אַלע גליקלאַכע פון די גובערנאַטער־פּעסער,
זיי האַלטן שוין העט־העט ביי דער גאָלדענער יויך.

אָבער גראָד דער זייטיקער טראָגט טיף אין זיך די חרפּה
פון אַלע הונגעריקע הענט, פון בלינדער גייץ,
פון אַלע הייזעריקע שטאַמלעניש פונם כבד־פּה
אויף יעדן סקווער, אויף יעדן גאַסן־קרייץ.

ווי מיר האָבן צוזאַמענגעטריבן זיך אַליין ווי האָרדעס,
און געטוליעט זיך צו יעדער וואַנט;
און מיט דעם שמייכעלע און קוקעלע פון באָרדערס
באַגעגנט יעדע ווינקענדיקע האַנט.

און ווינקענדיקע הענט — פון אַלע זייטן
מיט אַזאַ געטריישאַפט פון אַ פולער מאָס: —
אָ, די זיסטע צייט פון אַלע צייטן,
פון שלעפּ־מאַשינקע און לאַנדסמאַן־באָס.

צו אַלע שלאָפצימערן האָבן מיר געהאַט איין שליסל,
און איין תאווה אויף יעדער בעט;
זיך צוגעזאָרגן צו דער גרויסער פולער שיסל,
און ביז היינט נאָך ניט געכאַפּט די זעט.

און געגליטשט זיך ווי איבער אַ שאָלאַכץ פון באַנאַנע
איבער די ערינערונגען פון אַלטע טעג,
און קיינער האָט ניט געוואוסט צוליב וואָס און ביז וואַנען,
און יעדער האָט זיך געגליטשט דעם אַנדערן אין וועג.

האָסט באַדאַרפט זען דאַמאָלסט אונזערע אויגן,
נאָר בעסער, מיין פריינט, אַז דו האָסט עס ניט געזען;
געדיינקסט — „די גאָלדענע פּאַווע געפלויגן, געפלויגן" —
און „צען גוטע ברידער זיינען מיר געווען".

די גאָלדענע פּאַווע איז אַ גוסס'ע געלעגן,
און די צען ברידער האָבן זי באַצייטנס צעפּליקט,
און אין גרויס כאַפּעניש אַפילו פאַרגעסן צו פרעגן:
וואוהין, און ווער האָט זי פליען געשיקט.

איצט זע איך עס ווי דורך אַ ליכטיקן שלייער,
און דער קלאַנג פון דיין נאָמען פאַרהיילט און פאַרגיט;
אָבער דאַמאָלסט, דאַמאָלסט, — אַ נאַקעטער, אַ רויער
איז געלעגן אונזער גוף אונטער די אייגענע טריט.

און אַז די האַרדעס אונזערע זיינען געוואָרן מערער,
האָט דער טומל גענומען אונז רייסן פאַר די האָר;
איז דער כבוד־זוכער געוואָרן אונזער לערער,
און דער אָפּלאַכער — דער פירער פון דור.

און אויפֿן חשבון פֿון גלויבן, יונגטלאַכן וואונדער,
פֿון מאַרטירערטום און טרערן און בלוט,
איז אויפֿגעקומען דער ביליקער גאַסיקער שונדער
און אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז ס׳איז אים גוט.

און די שפּראַך אונזערע איז געוואָרן ברודיק,
און אויסגעלײַדיקט פֿון יעטווידן תוך,
און אַ וואָרט, פֿון אַן אוניץ די גרויס, האָט זיך געבלאָזן פּודיק
און גלײַך זיך פֿאַנאַנדערגעשאָטן ווי טרוקן מאָך.

און אונזערע געזאַנגען זײַנען געוואָרן פֿאַרגעסן,
אונזערע דיכטער פֿאַרלאַכט. — איבער זייער קאָפּ
האָט די מהומה געבושעוועט, זייער וואָרט צעפֿרעסן
און זיי אַליין געשליידערט פֿון די טרעפּ אַראָפּ.

און דאָס ליד דאָס נײַע מיט פֿאַרטרויִמטע אויגן
האָט זיך געקאָרטשעט פֿאַרווינקלט און שטאַר,
און זיך אַליין געהאָדעוועט, זיך אַליין געזויגן,
און זיך אַליין פֿאַרפּײַניקט אין שײנקייט פֿון צער.

ס׳האָט אויפֿגעשײַנט אַ חלום פֿון אַ הייליק לעבן,
און ס׳האָט זיך געדוכט, אַז אָט קומט דער באַשייד;
אָבער כדי צו לעבן הייליק דאַרף מען דעם לעבן געבן,
ווײַזט אויס, עטוואָס מער פֿון געזונגענע רייד.

און דער צער איז געוואָרן קראַנק און געשוואָלן,
און עלנט האָט געגעסן דאָס האַרץ ווי סם,
און ס׳האָט זיך געבענקט נאָך לעגענדישע ווייטע אַמאָלן,
נאָך ניט־דאָאיקע יבשה און ים.

און ס׳איז ניט געווען קיינער ווער עס זאָל טרייסטן,
און אַ וואָרט זאָגן ווי אַ פֿריינט צו אַ פֿריינט;
אַ קללה איז געלעגן אויף דעם עלטסטן און דרייסטן
צו זיין פֿינצטער און אַלעמען האָבן פֿיינט.

אָ, יענע מאָרים ראָזוענפעלדישע יאָרן!
איך בין גליקלאַך, מיין פריינט, וואָס דו
ביסט ניט געווען קיין עדות פון ראָזוענפעלדס צאָרן,
ווי ער פלעגט פלוצלונג נעמען שילטן, אַז אידיש איז טפו.

איך זע נאָך היינט דעם צוק פון זיינע גלידער,
און פון זיינע אויגן דעם שניידיקן שטאָל,
ווען ער פלעגט לייענען אין קאָפּע פאַר אונז לידער,
און אַ פאַרגליווערטער בלייבן זיצן מיטאַמאָל.

אַזויפיל ירידה איז געווען אין זיין זיצן,
אַזויפיל באַוואוסטזיין פון גורל, און אויך מאַכט,
ניט צו וועלן זיך בעטן, ניט צו וועלן זיך שיצן
אַנטקעגן אַנקום פון אייביקער נאַכט.

ער פלעגט זיך אַ הייב טאָן, קיין „גוד באַי” ניט זאָגן,
און אַלע פלעגן מיר דערפילן ביז שאַנד און שמאַך,
ווי אַלע, אַלע, אַלע לידער קלאָגן
איבער דער גאַנצער ערד, אויף יעדער שפּראַך.

צו לעצט האָב איך אים געזען אין פאַרק קראָטאָנע,
ער איז געשטאַנען מיט אַן איינגעהויקערטן קאָפּ
אונטער אַ הארבסטיקן בוים, און אַ פולע לבנה
האָט געוואָרפן אויף אים ליכט סנאָפּ נאָך סנאָפּ.

זיין גאַנצער גוף צוגעפאַלן צום שטעקן,
ווי צו דעם איינציקן שוץ וואָס ער פאַרמאָגט;
כ'האָב דערפילט, אַז איך דאַרף זיך איצט פאַר אים ניט שרעקן.
— וואָס מאַכט איר, ראָזוענפעלד? — האָב איך געזאָגט.

ער האָט אויפגעהויבן צוויי וואונדערלאַכע אויגן,
מיט אַזויפיל אומגעריכטער גוטסקייט און ליכט:
— איר ווייסט, מיינע געדיכטן ניט אַלע, אפשר, טויגן, —
אָבער אָט זינג איך איצט מיין לעצט געדיכט...

עס האָט געווייט פֿון אים מיט אַזוי פֿיל ליידן,
און איך האָב זיך געבעטן: ניט רעדט אַזוי, ניט רעדט;
און ער האָט געענטפֿערט: פֿאַרוואָס ניט ריידן?
אויב ניט איצטער, וועט דערנאָך שוין זיין שפּעט.

אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט, קאָלעגע — — —
און אַוועקגעשפּאַנט מורמלענדיק אַ סטראָף;
און דאָס איז געווען אַ לעצטע, לעצטע רגע,
ווייל אין זיין שטוב האָט שוין געוואַרט אויף אים דער סוף.

אָ, ניט פֿריילאַך איז מיר דאָס אַלץ צו באַזינגען,
אָבער דו בעטסט מיך, און איך מוז עס טאָן;
עס שמידן זיך פֿרישע טעג, ווי נייע רינגען,
און יעדער טאָג ניילעבן צייכנט אָן.

יע, ניט לייכט איז מיר פֿון דעם, וואָס איך האָב געשריבן,
אויף איינ:ן לייב אויפֿגעהייבן אַ האַנט;
איך זאָג דיר אמת: איך האָב עס קיינמאָל
ניט אויפֿגעהערט צו ליבן,
און דיר איז דאָך מיין אמת'דיקייט באַקאַנט.

און יענע טעג, ווי בייז זיי זיינען ניט געווען און ביטער,
זיינען געווען ווי הייוון, וואָס מאַכט אויפֿגיין טייג;
עס זיינען געוואַקסן מויערן, עס זיינען געוואַקסן גיטער,
און מער נאָך — אַ פֿייער אַזאַ אין אונזער אויג.

ניו יאָרק האָט אונז אַריינגעכאַפּט אין טויזנט קלאַמער,
אָבער ס'פֿייער פֿון אונזער אויג האָט עס אַלץ באַזינט;
אונטער די שטעך פֿון נאָדל, אונטער די קלעפּ פֿון האַמער,
האָט זיך איבער אונז אַ ליכטיקייט, ווי אַ געוועב, געשפּינט.

און איצט — די פֿאַרשטעלונג אַז ערגעץ, ווייט, ווייט, דאָרטן,
וועלן די ווערטער מיינע, צו אַלעמען געווענדט,
זיך צעאַקערן און פֿאַנאַנדערבליִען ווי אַ גאָרטן
אונטער דער ליבשאַפֿט און וואַרימקייט פֿון דיינע הענט.

און ווערן געהיט, און געריייניקט און געלייטערט, —
אַט די פֿאָרשטעלונג גיט מיר מוט און טרייסט
צו קענען זיין דיין נאָענטסטער, און אַזוי, אַזוי דערוווייטערט,
און טראָגן אַ גורל, וואָס נאָר דו אַליין ווייסט.

און דורכן גורל זאָל איך זיך קענען דערהויבן
צו אַנידערלייגן זיך צו דער וועלט'ס פֿיס,
און אַלע זאָלן זען, און אַלע זאָלן גלויבן,
אַז האָס איז ליבשאַפֿט, און סם איז זיס.

און טויט איז — לעבן, און ערד איז — פֿייער,
און ליב איז כוואַליעדיק און שטראָמט ווי ליכט;
ווייל אַלץ וואָס אויף דער וועלט וויל זיין געליבט און טייער,
ווייל אַלץ וואָס אויף דער וועלט וויל זיין געקושט, ווי אַ געזיכט.

אפילו הארטער מויער וויל אַז מען זאָל אים ליבן,
יע, יע, איך בין אַ נאָענטער, איך האָב ליב;
פֿון אַן אויפֿגעלויכטענעם כח געטריבן,
בעט איך זיך ביי יעדן מויער: פֿאַרגיב.

און ביי יעדער פֿענצטער, און ביי יעדן גאָרן,
און איך לאָז זיך בלאָנדזשען אַראָפּ און אַרויף
איבער דער טונקלקייט פֿון געדרייטע קאָרידאָרן,
ביז ערגעץ טירן עפֿענען זיך אויף.

און די עפֿענונגען פֿירן מיך צו נאָך טירן,
אויך זיי צעפּראַלן זיך, און איך בין אין דער מיט
פֿון אַ טאַנץ פֿון מאַשינען, ציפֿער, פּאַפּירן,
פֿון הענט און געקייטלטע טריט.

די מאַשינען זיינען הונגעריק, — מאָנען, רופֿן,
און פֿינגער שפּאַרן זיך, שפּאַרן זיי שטאָף;
די הענט קערן זיך ניט אָן מיט די גופֿן, —
די גופֿ'ן וויגן זיך, וויגן זיך ווי אין שלאָף.

שטערנס פאַלן־צו צו שטאָלענע קאַנטן,
שוואַרצאַפּלען פאַרקריכן אונטער ברעם;
און הענט יאָגן הענט איבער זיידנס, געוואַנטן
ביז לעצטן, ביז טעמפּן קלעם.

עס שליידערן זיך די פּרעסן אין פיבער
און שערן ו ו י י נ ע ן אין אַנגסט־געוויין,
און עס דוכט זיך, אַז זיי שניידן איבער
אין פאַרצווייפלונג דעם האַלדז זיך אַליין.

און אַז ס'שטעלן זיך אָפּ אַ מינוט די רעדער,
אָבער די הענט נעמען זיך ניט אַוועק;
עס איז אַליין אַ מאַשין אַ יעדער —
מיט אָנגעלאָדנקייט אויף אומצאָליקע טעג.

ווער איך אויך אַ טייל, און פאַרשלונגען,
און איך קלאַפּ, און איך שנייד, און הויב,
און ס'אָטעמען איין און אויס מיינע לונגען
גלייך מיט אַלעמען היץ און שטויב.

דער שאַפּ איז קיילאַכדיק, שטאַליק,
און דער באָס, מיט אַקצענטירטער טראָפּ,
גיט אַלע ווײַלע אַ שליידער גאַליק —
אין פּנים אַריין: האָרי אָפּ, האָרי אָפּ!

דו ווייסט, ס'איז קיין האָר אויף דיר קיינער,
פאַר דיין כבוד וואָלסטו זיך שלאָגן ביז בלוט,
און דאָ ווערט דיר עפּעס קאַלט אויף די ציינער,
און אַ וואָרט זאָגן האָסטו ניט קיין מוט.

די ווערטער נעמען באַמבלען זיך אין מח,
און די קני גיבן צו דער ערד זיך אַ צי,
ביז עס גיט אַ שטראָם אין דיר אַ פרישער כח
און ס'גלייכן אויס זיך צוריק דיינע קני.

איך האָב קיין צייט ניט אין די אויגן צו קוקן
פונם שכן לעבן מיר וואָס שטייט;
איך פיל נאָר אינם בויג פון זיין רוקן,
אַז איך בין אַ רינג מיט אים אין איין קייט. —

אַז דער גורל האָט אונז צוזאַמענגענומען,
און וועט שוין קיינמאָל ניט אָפּבינדן דעם קניפּ,
איין דאַרשטיקייט אויף אונזערביידנס גומען,
און איין שאַרפקייט אויף אונזער ליפּ.

און כאָטש מיר קענען ניט איינע די צווייטע,
שניידן מיר זיך אַריין אין האַרץ ווי אַ קלין,
און אַז מיר צעשיידן זיך — איז אפילו צעשיידטע —
טראָגן מיר אַוועק אין זיך עפּעס אַ נייעם זין.

אַ זין פון ערבות פאַר ווערטער און טאַטן,
אחריות פאַר יעדן קער און ווענד;
און זאָל איינער וואו די אחריות פאַרראַטן —
וועט דער צווייטער ערגעץ פאַרברעכן די הענט.

דער טאָג פאַרגייט, און די שפּעטער זיך שליסן,
מיר שיטן אַלע ווי מוראשקעס זיך אַרויס,
די לאַמטערנעס מיט אָוונט אונז באַגריסן,
און די באַנען נעמען אונז פירן צו הויז.

רייען, רייען איבער עוועניוס און סקווערן,
אין די הערצער אַזאַ יום־טוב׳דיקע אַנגסט:
ס׳איז נאָך ניט געוואָרן דאָס, וואָס עס דאַרף ווערן,
און נאָך ניט געקומען דאָס וואָס דו פאַרלאַנגסט.

און עפּעס קלאַנגט אין דיר מיט קלאָג פון אַ חיה,
און עפּעס זינגט אין דיר אַ געזאַנג פון אַ גאָט,
ווי צו אַ חתונה אינאיינעם מיט אַ לויה, —
גייען די רייען איבער דער אָוונטיקער שטאָט.

ס'פליען מויערן ביז צום הימל פארריכן,
ארומגעשטראלט מיט א פייערדיקער ראָד;
ניו יאָרק'ס גאָלד — אָבער ניט ניו יאָרק'ס געוויסן,
און אויך ניט פון איר שיינקייט דער סוד.

צו דערזען ניו יאָרק'ס סוד און געוויסן,
דאַרף מען ניט הייבן צום הימל די קעפּ —
מען דאַרף ניט שליסן קיין שלעסער און פאַרשליסן,
נאָר אַרונטערלאָזן זיך אין א קעלער איבער טרעפּ.

דאָרט איז סוד, אָבער אייביק אָפן,
און ווי כשוף ציט עס מיך אהין
אין די קעלערס אריין, צו קומען האָפן
און אוים'חלומ'ען דאָס וואָס איך בין.

און פאָדערן פון זיך און מאָנען
אַן איבערראַש פון מיין גאַנצן פאַרמעג;
אין קעלער אריין צו קומען זיך דערמאָנען
אַן דער ריינקייט פון מיינע קינדערשע טעג.

אַן דעם צאַפּל און הייליקייט פון ווערטער,
אַן דער גבורה פון צאָרן און געבעט,
אַן דער וואַגונג צו וועלן זיין א באַשערטער,
אַן מיין אינגלשדיקן טרוים וועגן פּאָעט.

איך לאָז זיך אראָפּ אין די אָרימסטע לעבער,
די ריחות פון נויט גיבן אויף מיר א שטראָם,
איך טרינק זיך אָן, ווי מיט געטראַנק פון א בעכער
ביז איך ווער פול מיט זיי ווי א שוואָם.

עס נעמען מיך האַלדזן הענט געגאַרטע,
עס אָטעמט אויף מיר א פיבערדיקע לונג,
און ווערטער מיינע הייסע, צאַרטע
ווערן נאָך צאַרטער אויף א צווייטער צונג.

איך לאָז זיך האַלדזן, איך שטעל זיך ניט נעגן,
אַזאַ ליכט איבער אַלץ גייט אויף,
און מיט קושן, ווי מיט אַ זודיקן רעגן,
דעק איך צו דעם פאַרציטערטן גוף.

נויט, נויט! ביי דיר בין איך אַ הונגער,
צי דו גריסט מיך קורץ מיט אַ דינעם מויל, —
צי מיט ליפּן געשוואָלענע פון אַ נעגער, —
פאַנאַנדערגעצויגן, נאַכלעסיק־פויל.

די ליפּן די נעגערשע, די ליפּן די שווערע —
אויף זיי קוק איך גאָר פאַרצאַפּלט פרום, —
וואָס מער דער ד ז ש ע נ ט ל מ ע ן פון דער
ב ל אָ נ ד ע ר ערע
מיט זיין ווייסער ש נ א ה רינגלט זיי אַרום.

ליפּן נעגערשע, — וויפיל צער'ן
עס הייגנען פון זיי אַרונטער ווי די זעק,
און וויפיל געדולד הינטער זיך זיי פאַרשפּאַרן
יעדעס מאָל, ווי די צונג גיט זיי אַ לעק.

עס נעמט מיך דורך אַלע מאָל אַזאַ קלעמונג, —
ווען איך זע נעגערס טוען מיט די ווייסלען אַ דריי ;
און עס דוכט זיך מיר, אַז מיין יעדע באַנעמונג
שטעכט זיי דורך ביז בלוט, טוט זיי וויי.

כאָטש ניט איך, ניט מיין טאַטע, ניט מיין זיידע
האָבן אין זייער פאַרשקלאַפונג געהאַט אַ האַנט,
פונדעסטוועגן קומט אויס, אַז איך בין זיך מודה
אין אַ שולד, וואָס צו זיי איז עס גאָר ניט באַקאַנט.

די אחריות־שולד פאַר פעלקער־שיקזאַלן,
און ז י י וועגן אונז האָבן זיך אפילו ניט פאַרקלערט :
כאָטש אויך מ י ר האָבן זיך געוואַלגערט אין די שטאַלן —
פון די שטאַרקע, פון די רייכע פון דער ערד.

ס'איז אָבער דאָ עפּעס אין זיי אַזאַ טרויער,
וואָס גיט אַ בליץ ווי אַ חלפ'דיקער שווערד,
און עס ווילט זיך אויפכאַפּן דעם בליץ אין זיין דויער —
ער זאָל אַ לויכט טאָן איבער אַמעריקע'ס ערד.

און עס ווילט זיך אויפזאַמלען אויך אונזער שוידער
צוזאַמען מיטן וואוילזיין אויף אַמעריקע'ס הוי,
צוזאַמענרעכענען די שטעך פון אַ ל ע קליידער,
וואָס מיר האָבן אויפגענייט אין גרינער מי.

און אַלע שטופּן פונם פושקאַרט־פּעדלער,
און אַלע סליאַדן פונם „ניוסבאָי'ס" טראָט,
און גאָר די טרערן פונם גאַסן־בעטלער,
און גאָר די הייזעריקייט פון „אַי קעש קלאָט".

און די נאָדלען אין פלייש. עס זיינען דין די פינגער,
די נאָדלען אָבער זיינען מער נאָך דין,
עס ברענען נאָך ווי וואַרנונגען די אותיות "Singer"
אויפן אויסגעצויגענעם האַלדז פון דער ניי־מאַשין.

און עס ווילט זיך אויפרעכענען אויך אונזער גבורה —
אין אונזער קאַמף מיט זיך און מיטן אָרום,
און אונטערציען אַן אָ פּ ע נ ע, אַ ק ל אָ ר ע שורה —
די ביכער זיינען אָפן, — קום, רעכענער, קום.

אַמעריקע, איך גיב דיר ניט אָן אין יחוס
ניט רייכקייט און ניט שוואונג פון פּופּציק שטאָק; —
עס לעבט נאָך אַלץ אין אונז פריש די הייליקע שליחות —
אין אַ זאַטער וועלט זיין דער אומרו־גלאָק. — — — — —

* * *

מיין בריוו האָט צו לאַנג זיך פאַרצויגן,
איך ענדיק אים, איך ענדיק שוין.
איך לויף אים נאָך אַמאָל אַדורך מיט די אויגן
איידער איך לאָז צו דיר אים גיין.

איך האָב נישט אַלץ נאָך דערציילט און באַשריבן,
אָבער אַפילו וועגן דעם גיב איך אַ טראַכט: ווער דאַרף? —
זײַ מיר מוחל, אויב ס'איז ערגעץ וואָס געבליבן
אַ וואָרט צו ביטער, אַ וואָרט צו שאַרף.

איך האָב אינגאַנצן אויסגעמידן צו ריידן
וועגן מײַן חלום דיך צו זען;
אַט די וואונדערלאַכע ווערטער וועגן אונדז ביידן
ליגן פּאַרציטערטע אויף מײַן פּען.

זײַ אויך מוחל, וואָס איך האָב נישט געקענט פאַרמײַדן
מײַנע שורות פון ווייטאָג, מיר פאַרדריסט;
און ווער ווייס — אפשר איז גאָר דאָס שענסטע אין לײַדן,
אַפילו ווען אונדז דוכט זיך, אַז מיר לײַדן אומזיסט.

איך ווייס נאָר איינס: ס'איז נאַכט, ס'איז ליכטיק,
די לבנה איז פול, די לבנה איז רונד,
און אַלץ, וואָס איז פאַרשעמט, ווערט ווירדיק, וויכטיק,
און יעדע צעריסנקייט ווערט אַליין בונד.

און די בײַנקשאַפט זינגט פון אַלע פיר זײַטן
מיט איין האַלדז, מיט איין צונג;
און דו ביזט ווײַט, ווײַט, ווײַט — און דײַנע ווײַטן
קען איך נישט אַריבערשפּרינגען מיט איין שפּרונג.

אָ, מײַן חבר, מײַן ליבער, מײַן ליבער,
עס איז אָנהויב פרילינג, און די ערד
קוואַלט מיט וואונדער, און קוואַלט אַריבער, —
און דאָס וואָס עס דאַרף ווערן — ווערט.

איך וויל פון דער ווײַטנס דײַן אָטעם הערן,
לייג צו דײַנע ליפּן צו דער ערד,
און איך — מײַנע, און אַזוי וועלן מיר ווערן
ביידע אין דער ליכטיקער נאַכט דערהערט.

פון דער ווייט

פון פעלד און וואלד דערהער מיין רוף:
ס'איז אנהויב טאָג, מיין שוועסטער;
שטרעק אויס דיין האַנט און הויב מיך אויף
פון קלעם פון האַס און לעסטער.

איך עפן אויף מיין האַרץ צוריק
פאַר ודוי'דיקע ווערטער;
א מענטש גייט אויף — פאַרגייט אין גליק,
זיין עמיצנס באַשערטער.

צי איז ער אויסדערוויילט, צי נאָר
גע'חלומ'ט אויף צופליסן, —
דאָס גליק הענגט סיי ווי אויף א האָר,
וואָס יעדער קען צערייסן.

א מענטש אין ליכט וואַקסט אויס — א ריז
און שפּאַנט אַליין פעסט און פעסטער;
ער איז געווען? וועט זיין? — ער א י ז, —
ס'איז האַלבער טאָג, מיין שוועסטער.

דער מענטש קומט צו, ער רירט מיך אָן
מיט ווערטער צוויי: זיי מיינער,
און ס'טאַנצט מיין פרייד פון צאָן אויף צאָן —
בין דיינער, דיינער, דיינער.

איך גיי אים נאָך, און פלוצלונג ווערט
פון מענטשן־ריז א שאָטן,
און אויף דער גרויס פון גאָר דער ערד
הילכט אָפּ איין וואָרט: פ א ר ב אָ ט ן.

די פעלדער פליקט א שטורעם־ווינט,
די זון גייט נידער, נידער,
און דאָס, וואָס מיך מיט אַלץ פאַרבינדט,
ווערט אָפּגעבונדן ווידער.

איך וויל זיין יש ניט מער פון שטיין,
ווי דאָרן כאָטש זיין זיכער,
נאָר אַלץ נעמט גיין, צעגיין, פאַרגיין,
אין אָוונטיקן וויכער.

די שאָטנס וואַקסן, פאַלן צו,
און מיין שאָטן — דער גרעסטער,
איך פאַל אַוועק, מיך אַרט ניט וואו, —
ס'איז ווידער נאַכט, מיין שוועסטער.

אַזוי פּיל לעבנס

אַזוי פּיל לעבנס טראָג איך אויף מיינע פּלייצעס, —
וואוהין דאַרף איך זיי דערטראָגן?
אַ פּערד אַן איינגעשפּאַנט אין כאָמוט און לייצעס
ווייס ראָך אויך וואוהין צו ברענגען דעם וואָגן.

דער טאָג איז הייס, די ערד געשפּאָלטן,
דעם וועג האָב איך לאַנג שוין אויפגעהערט צו פאַרשן.
די פּעלדער און וועלדער, ווי איין שטיק קאָלטן,
שרייען אויף צו גאָט אין לעצטע דאָרשטן.

מיר חלומ'ט זיך אַמאָל אַ מאָדנער חלום,
איך שפּיר דאָס גליק פון גרעסטן זינדער;
אַ קול זאָגט: שטאַרב, און איך ווידערהאָל אים,
און וויל נעמען אָפּשייד פון ווייב און קינדער.

איז ערגעץ דאָ אָבער אַ מענטש פון וואונדער,
איך זע אים ניט, נאָר זיין וואָרט דערהער איך,
זיין קול זאָגט: לעב — און איך גיב זיך אים אונטער,
און מיין גורל איבער זיך נאָך מער פאַרשווער איך.

דער וועג איז האַרט, און איך — נאָך האַרטער,
די נאַכט וועט שטום, און איך — נאָך שטומער;
כ'וועל ווידער דער עקשן — כ'וועל ווידער דער וואַרטער
אויף אַ נייער ערד מיט אַ נייעם זומער.

ליכטיקער באַגינען

ניט פֿאַר איינעם, ניט פֿאַר ביידן
דאָס וואָרט צו געפֿינען, —
די נאַכט וועט אונז צעשיידן
ביז ליכטיקן באַגינען.

אין קעלט און אויף האַרטן —
די פּיס מער ניט דינען, —
איך פֿאַל אַוועק וואַרטן
אויף ליכטיקן באַגינען.

כ'האָב אין צער פֿאַרנומען
פֿון וואַרטן דעם זינען, —
וועל איך ווידער קומען
אין ליכטיקן באַגינען.

ניט שרייען, ניט מאָנען —
דורך טרייהייט געווינען
דיין ליבשאַפֿט, דערקאָנען
אין ליכטיקן באַגינען.

אין לויטער פֿון געוויסן
מיין חלום דערשפּינען:
די אויגן צו פֿאַרשליסן
אין ליכטיקן באַגינען.

האַלבער טאָג

עס איז דאָס גלייכגעוויכט פון האַלבן טאָג,
און אַלץ איז אַזוי בלענדנדיק און אָפן,
פריינט דו מיינער, ווי אַן ישאַלן פון אַ וואָג
שלאָגט זיך אָפּ דאָס וואָרט פון מיינע סטראָפן.

די שאָלן רייסן זיך פון גלייכגעוויכט
אין באַגעגעניש פון וואָרט און שטראַלן,
אָט שפּיר איך אויף מיין אייגענעם געזיכט
דעם אָנריר פון דער שאָל וואָס האַלט אין פאַלן.

איך לערן מיך — צום סאַמע מזרח זייט
אויף דער נאַקעטקייט פון העלער זון צו קוקן,
כדי צו אויספּאַלגן דעם קול אין מיר: — ישוין צייט
אין אַ טונקלקייט אַ לעצטער זיך פאַררוקן.

דורך אַלץ וואָס איז מיט מיר געשען,
האָב איך ניט אויפגעהערט דעם קול צו הערן,
האָב איך ניט איפגעהערט פאַר איין מינוט צו זען
די שעה ווען איך וועל קיינעם ניט געהערן.

פריינט דו מיינער, קיינעם — אויך ניט דיר,
אַ פלינקער ווינט וועט לויפן און וועט יאָגן,
וועט קומען קלאַפּן אין דיין שויב און טיר,
אַ ווייסע בשורה ברייננגען דיר צוטראָגן.

אַ ווייסע בשורה וועגן אַ ווייסן פריינט,
פון וואַנען? ווען? — זאָל בלייבן ניט געטראָפן;
ס'וועט האַלבער טאָג זיין אָט אַזוי ווי היינט,
און אַלץ, ווי היינט, בלענדנדיק און אָפן.

ווער איז מענטש און ווער איז חיה?

ווער איז מענטש און ווער איז חיה ?
ווער גייט אויף און ווער פארגייט ? —
אין מיין אויפגעשריי נאך פרייהייט
הער איך טעמפן קלונג פון קייט.

פון די גלאטע וועגן־שפאנען
איבער שפיגלען פון אספאלט —
וויפיל שפרונגען איז פון דאנען
צו דער ווילדערניש פון וואלד ?

אז איך רוף אין מיטנאכט־שעה׳ן,
אז איך צי מיך צו דיין שוועל —
הערסטו ניט אמאל א וואיען
און א שוידערן פון א פעל ? —

אט א שפרינג איך איבער גריבער
אין פארהילכנדיקע קלעפ,
ביז איך דריי מיטן קאפ זיך איבער
און פאל צו צו דיינע טרעפ.

ביז באגינען. און באגינען
שטיי איך אויף און גיי אוועק
מיטנאכט־חלום ווייטער שפינען
ערגעץ ווייט, ווייט אין א העק. —

זאַלבאַדריט

נאַכט. לבנה. סטעפּ.
און אַ וועג פֿון זאַמדיקע טרעפּ;
מיר גייען איבער׳ן וועג זאַלבאַדריט:
צוויי באַגלייטערינס, איך — און דער מיט.

פֿאַראויס, ווי אַ פּאַן, — טויט־געפּאַר,
ביי די זייטן — טרייסט און פֿאַרגיביקער צער,
אינמיטן — פֿאַר׳עקשנ׳טער מוט
און אויפֿשטייג פֿון לעצטער מינוט.

איך פֿאַל צו צו די באַגלייטערינס די צוויי,
איך זעגן זיך, איך רייד צו זיי,
יעדעס וואָרט גיט צו דער ערד זיך אַ צי,
און צוזאַמען מיט׳ן וואָרט — מיינע קני.

קאַלט די ערד און היים דאָס געזיכט,
און אויבן די לבנה קריכט — קריכט,
גיט אַ פֿאַל מיט אַמאָל איבער׳ן קאָפּ,
ווי אַ קלינגל פֿון אַ מעסער מיט׳ן שאַרף אַראָפּ.

איז דאָס ניט קיין געשלעג און ניט קיין געפּעכט,
עס איז נאַכט פֿון די ליכטיקסטע נעכט;
געטרייע באַגלייטערינס מיינע איר,
קערט זיך אום צו אייער שטוביקער טיר.

וואָס באַשערט קומט אָן — ווייל באַשערט,
ווי אַ מזבח ליגט אויסגעשפּרייט די ערד,
מיר איז קלאָר אויף׳ן מזבח מיין אָרט,
און נאָך קלערער — מיין ניט דערזאָגט וואָרט.

אַזוי פיל נס

אַזוי פיל מידקייט אויף די האָר פון דיינע ברעמען,
אַזוי פיל שטומקייט אויפן שלאָס פון מויל,
איבער דער ערד צוויי אָוונט־פויגלען — אונזערע נעמען,
און לבנה־ליכט וואָס טריפט מיט גרויל.

איך קום פון ווייט — כדי אוועקצוגיין נאָך ווייטער,
איך קום דערקענען זיך — כדי צו ווערן פרעמד;
איך הער דאָס קלאַפּן פון קאַפּיטעס, ס'יאָגט אַ רייטער, —
אין זיינע הענט אַ גוף אין ווייסן העמד.

אַ חלום אין דער נאַכט אַזאַ, און אָט — פאַרשוואונדן,
ס'איז גוט אַזוי אין חלום זען דיין גוף;
די וואָר האָט מיך מיט צופיל גוף פאַרבונדן,
קומט איצטער אָן די שעה וואָס לייזט מיך אויף.

וואָס דאַרף אַ ציטער פון אַ האַנט באַטייטן,
וואָס מיינט אַ קאָפּ וואָס וואַלגערט זיך ביי פיס? —
וואָס קען איך ענטפערן, — ווען אַלע ווייטן
און אַלע שיידוועגן און עלנטן איך באַגריס.

אַזוי פיל נס אין שטומקייט פון געזעגן,
אַזוי פיל ליכט אין אָפּגייענדיקע טריט;
אָ, נאַכט, נאַכט, צעשטויב מיך איבער אַלע וועגן
צוזאַמען מיטן אָטעם פון מיין לעצטן ליד.

פון מדבר

איך רוף צו דיר פון ווייסן מדבר,
דורך טויזנטער מײלן ווײט,
דאָס וואָרט דאָס פּשוט'ע: ליבער —
באַקומט דאָ אַן אַנדער באַדייט.

דאָ מיינט עס: סוף פון ווערטער,
דאָ מיינט עס: אויס גוף.
דערהערטער — ניט־דערהערטער,
פונדעסטוועגן: — רוף, רוף.

דאָ מיינט עס: אויף אייביק פאַרפאַלן,
פאַרדריי ווי אַ קאַקטוס די הענט;
דער נאַכטיקער וואָי פון שאַקאַלן
האָט נאָך אַ שאַקאַל־רוף דערקענט.

דאָ מיינט עס — אַ וואונדער: אַ דאָרן
נעמט ברענען פון זיך אַליין,
אַ שאַל פון אַ פּאַסטוכ'ס אַ האָרן,
און זע — דו קומסט צוגיין.

מיר לייגן אַוועק זיך אויף שטיינער,
עס ווערט פון די שטיינער איין שטיין,
און אויך אונזער גוף ווערט איינער.
ווי אין חומש שטייט: ביין פון מיין ביין.

און ווידער אַ וואונדער אין דרייען:
עס קומט אַן מיט ליכטיקע טריט —
אַן איבערגעפייניקטער קין,
און זיין וואונד אויפן שטערן גליט.

ער גיט אזא דריי מיטן שטערן,
דאָס הייסט ער אונז נאָכגיין זיין סליאַד,
דאָס הייסט ער אונז — יעדער זאָל ווערן
אויף אייביקע טעג נע־ונד.

און אַליין — צום זעלביקן דאָרן
אַ פּאַל מיטן גלוטיקן קאָפּ —
און אַט — ניטאָ — ניט געוואָרן —
די זעאונג פון נאַכט טוט זיך אָפּ.

דער טאָג קומט די נאַכט פאַרבייטן,
די זון אַ נייע גייט אויף;
רוף איך ווידער צו דיר פון די ווייטן
מיטן כח פון ערשטן רוף.

אין לויטערקייט פון זומערס לעצטע טעג

אין לויטערקייט פון זומערס לעצטע טעג
גייט אויף נאָך לויטערער די שטים פון מיין געוויסן.
כ'האָב איינגעשטעלט אין קאָן מיין גאַנץ פאַרמעג,
כ'האָב איינגעשטעלט פון ברויט מיין לעצטן ביסן.

כ'האָב אויסגע'חלומ'ט אין עקשנות אַ געשטאַלט
אַזאַ וואָס יאָל מיך ליב האָבן, וואָס זאָל מיך אַרבן;
אַ רגע מאַכט מיך אויף חדשים גאַנצע אַלט,
אַ שעה גייט דורך — און אָט איך דאַרף שוין שטאַרבן.

אין שיינקייט פון סעפּטעמבערדיקן טאָג
כ'טו אָן איך אַליץ דעם אָנבליק פון דיין פּנים;
און איך אַליין, איך ווער — אַ בעטלער אויף אַ ראָג,
אַז איך אַליין הער אויף זיך צו דערקאָנען.

כ'האָב ליב די זון — די זון איז מער ניטאָ;
כ'האָב פרייהייט ליב — און שמיד זיך איין אין קייטן;
איך שפּאַן אונטערן צייכן פון אַ לעצטער שעה
מיט אינגלשדיקער טרייסט אַז דו וועסט מיך באַגלייטן.

עס מאָנט אַ קול אין מיר צו אויסקעמפן אַ קריג
מיט גאָט, מיט מענטש, מיט טייוולשדיקע צינגער;
נאָר איצט איז גוט — איך האָב אים שוין דעם זיג,
עס רוט אויף מיר דאָס ליכט פון דיינע פינגער.

אַלץ איז רו

אַלץ איז רו,
נאָר ליב שרייט:
וואו ביזטו, וואו? —
ווייט, ווייט.

די שטילקייט שלינגט
געשרייען איין,
באַפּעלט און צווינגט:
ז י י ן, ז י י ן.

מיט הונט און פערד,
מיט שלאַנג און פליג —
אויף האַרטער ערד
ליג, ליג.

די הענט פאַרוואָרף
אַזוי ווי אַ שער;
מיך וויל, מיך דאַרף —
ווער? ווער?

אַלץ שטומט ווי גאָט,
און דאָך — הער:
מיך דאַרף, מיך ה אָ ט --
ווער, ווער?

אַמאָל ווי אַ בלינדער

אמאָל ווי אַ בלינדער,
אמאָל ווי אַ העלזועער —
גיי איך מיין וועג
צו דיר.

און אַלעמאָל קום איך
צום ראַנד פון אַן אָפּגרונט, —
און אַלעמאָל רוף איך
צו דיר.

און אַלעמאָל הערסטו
דעם קול פון מיין רופן,
ווי אַ זון וואָלט גערופן
צו דיר.

וואו ביסטו? קום, העלף מיר, —
די פשוט'סטע ווערטער, —
אוי טו איך רופן
צו דיר.

פאַראַנען ווערטער

(פּאָלקיש)

פאַראַנען ווערטער וואָס וואַקסן ווי זאַנגען
אויף ברייטע פעלדער פאַרשמעקטע מיט היי;
דעם סוד פון פיר ווערטער איז ווער דערגאַנגען? —
איך־האָב־דיך־ליב — דאָס זיינען זיי.

מ'קוקן אַרוים זייערע פולע קערנער,
מ'בויגן זיי אַראָפּ די רייפע קעפּ,
מ'ציען זיך צו זיי פאַרביינקטע דערנער
און נעמען זיי אַרום מיט קנוילן צעפּ.

דער זומער שפּאַנט איבער אַלע בייטן,
אין לויטערקייט דער זומער זינגט,
ערשט שניטער קומען די קאָסעס גרייטן, —
איך האָב דיך ליב — די קאָסע קלינגט.

די קאָסע קלינגט, און איך, דער היטער
פון רייפע זאַנגען, בין דאָ אין צייט,
מיין אייגן קאָפּ צום שאַרף פון שניטער,
איך האָב דיך ליב — די קאָסע שניידט.

דער אויסלייזער ליגט אין זיין ארון

דער אויסלייזער ליגט אין זיין אָרון
אָנגעטאָן אין פאַראַדנע קליידער, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

די דינע ליפּן צונויפגעשלאָסן,
די הענט פאַרלייגט אויפן האַרצן, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

אין אוהל איז יום־טוב'דיק פאַרכטיק,
עס פלאַטערן די שפּיצן פון שאַטנס, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

אויף יענער זייט אוהל — מהומה,
געפּויק און געקנאַל פון קאַנאָנען, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

געפעכטן און בלוט איבער גאַסן,
געשרייען פון אַנגסטן, געיובל, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

דאָס פאָלק ביז שפּעט אין אָוונט
קומט אָנקוקן דעם גואל אין אָרון, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

דאָס פאָלק גייט פאַרביי אין הכנעה,
און טראָגט אוועק אי טרייסט אי טרערן, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

אַז דאָס פֿאָלק גייט אַוועק — קומט די ש ו ו ע ס ט ע ר
צו אָנקוקן דעם ב ר ו ד ע ר אין אָרון, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

זי לייגט אַרויף אירע הענט אויף זיין אַקסל,
און פֿאַלט־צו מיט די ליפּן צו זיינע, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

דערנאָך נעמט זי גיין צום אַרויסגאַנג,
און דער ברודער באַגלייט זי מיט די ברעמען, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

דער אויסלייזער ליגט אין זיין אָרון
און שמייכלט ווי אַ קינד אין וויגל, —
און צוקאָפּנס אים ברענען צוויי ליכט.

וואָס איז וואונדער?

וואָס איז וואונדער? — מען דאַרף ניט פרעגן,
איך האָב אין חלום געזען היינט,
אויף אַן אָפענעם פעלד בין איך געלעגן
לעבן די פיס פון מיין ווייטן פריינט.

אין יעדן שטיין האָב איך דערפילט לשון,
און אין יעדן וואָרט — שטומקייט פון שטיין;
די ערד, ווען די זון האָט זיך פאַרלאָשן,
האָט זיך צעלויכטן ווי ווייסערביין.

באַשעפענישן זיינען אַוועקגעפאַלן שלאָפן
אָבער שטיינער זיינען געבליבן וואך,
און מיט אַ האַרץ אַ קלאַפנדיקס, אַן אָפן
האָט געפלאַטערט יעדע טויטע זאך.

צו מיינע הענט האָט זיך צוגערירט אַ דאָרן,
און זיס איז מיר געווען יעדער שטאָך
ווי דער גלעט פון זאַנגען פון קאָרן,
ווי דער סאַמעט פון פרישן מאָך.

איבער אַלץ האָב איך געהערט דאָס שפּאַנען
פון אַ מייליקן וואַלדיקן טראָט;
איך האָב געפרעגט: ווער שפּאַנט? פון וואַנען?
און אַ שטימע האָט געענטפערט: גאָט.

איך האָב זיך גאָר ניט דערשראָקן, נאָר רואיק
אַ צי געטאָן אין דער גלייך ביידע קני,
און געהערט ווי די ערד זאָגט טויאיק:
זיי געגריסט, גאָט, הי.

איך ווייס ניט ווי אַזוי עס האָט געטראָפן
אַזאַ וואונדער מיט מיר היינט:
מיר האָט זיך גע'חלומ'ט, אַז איך בין געשלאָפן
לעבן די פיס פון מיין ווייטן פריינט.

צום ציל

עס שפּירן אַלע געוויקסן שוין דאָס אָנקומען פון הערבסט,
און זייערע אָדערן דאָס לעבן נעמט האַסטיקער יאָגן;
ווען די אָוונט־שאָטנס נעמען פאַלן, דוכט זיך דיר — דו הערסט
דעם אָטעם דעם איילנדיקן פון קומענדיקע פאַרטאָגן.

אַלץ גייט צום ציל — צו רייפקייט, און דער קלענסטער בלאַט
קריצט אויס, אַזוי ווי אויף שטאָל, זיין מינדסטע באַוועגונג,
און וואָרצלען, אונטן, וויפיל רעגן זיי האָבן ניט געהאַט, —
זיי ווילן נאָך, זיי שטעכן דורך, זיי לאָזן ניט אָפּ די נעגל.

איך הער זיך צו צו זיך, אַרום זיך, איך זוך מיין שפּור
אין האַרטער ערד, אין רוים, אין נאָנטע ווינטן;
און וואונדערלאַך גייט אויף פאַר מיר די איינהייט אין נאַטור
ביים שוואַכסטן קנופּ פון פעדימל פון שפּין געשפּינטן.

איך ווער פריי פון מיין באַזונדערקייט, אַזוי ווי פון אַ שטייג,
איך דערזע מיינע יאָרן ווי בייטן מיר אַהינטער;
איך וויל קומען צו דער חכמה פון דעם קלענסטן צווייג
צו ווערן צייטיק אַקוראַט פאַרן אָנקומען פון ווינטער.

הענט

אַזוי קלאָר, אָפּן האָב איך היינט דערקענט:
דער גורל פון אַ מענטשן אין צוויי שוואַכע הענט.

די הענט, וואָס בויען דיר דיין חופּה־בעט,
די זעלבע הענט העבלעווען דיין טהרה־ברעט.

די זעלבע הענט, וואָס ברענגען פרייהייט, גליק,
פאַרציען אַרום דיין האַלדז די תּליה־שטריק.

איך האָב געזען צוויי קינדערישע הענט,
וואָס האָבן לייבער אין די צענדליקער געשענדט.

און אַט צוויי גרויסע האַריקע הענט,
וואָס האָבן אָנגעצונדן זיך אַליין און זיך פאַרברענט.

און אַט צוויי פרומע הענט אין לבנה־ליכט,
וואָס פאַטשן איבער גאָט'ס אָפּענעם געזיכט.

און אַט צוויי נענער־הענט אין ליכט פון טאָג,
וואָס באַמבלען זיך געלינטשטע אויף אַ ראָג.

און אַט האָב איך געזען אין זאַמד און שטיין
פון אַ קליינעם פינגערל אַ פּיצל ביין.

און אַט האָב איך געזען ווי אויסגעקריצט אין ווענט
מיין טאַטנ'ס בענטשנדיקע כהונה־הענט.

און נאָך, און נאָך — — דער חשבון האָט קיין ענד, —
און אַט פאַר'משפּט איך מיינע אייגענע צוויי הענט.

וואָרט

ניט אָנצוזעטיקן זיך מיט דיר, וואָרט,
ניט צו זען דיך איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַ פאַרשטילטן;
ווער האָט מיך מיט דיר צונויפגעפּאָרט,
אַז איך זאָל מיט האַס, ווי איצט, דיך שילטן?

איך ווייס ניט וואָס וועט זיין דער סוף פון אונז, פוןביידן,
איך ווייס ניט ווי אַזוי צוקומען צו דעם סוף; —
און אַט אַ, ווידער, איך וויל ריידן, ריידן, ריידן, —
און אַט אַ רייד איך ווי אַ וואַנדרער אין שלאָף.

עס פאַרצערט מיך אַזאַ בענקשאַפט — אַזאַ פייער,
איך שפּרייט די הענט מיינע וואוהין, וואוהין? —
דאָס נאָענטסטע, וואָס אַלע האַלטן אַזוי טייער,
צעשטער איך מיט דער שלעכטסקייט פון אַ שפּין.

איך וואָלט פאַרצוימט, ווי מען צוימט אַ הונט, מיין ווילן,
איך וואָלט צוגעשמידט די פיס מיינע צו יעדן אָרט;
איך וואָלט שלום מאַכן מיט אַלץ, מיט אַלץ, אַבי נאָר שטילן
דעם פאַרצערנדיקן הונגער מיינעם נאָך דיר, וואָרט.

מיטן פּנים צו דיר

איך שטיי ווידער מיטן פּנים צו דיר, האַר פון קאַטאַסטראָפע,
דו נענטערסט זיך צו מיר און לייגסט אַרויף אויף מיר דיינע הענט;
דו הייסט מיר גיין אַהיים. איך גיי. — איך לייג זיך אויף דער זאַפּע,
ווי יצחק אויפן מזבח מיטן האַלדז צום חלף געווענדט.

פיר מאַטאָווע לעמפּלאַך וויגן זיך אויף עלעקטרישע דראָטן.
איך קוק אויף זיי, איך צייל זיי: איינס. צוויי. דריי. פיר.
אַהינטער יעדער זאַך לויערט אַ באַהאַלטענער שפּיאָן, — אַ שאָטן, —
און די שפּיאָנען אַלע וואַרטן. — וואַרטן אויף מיין ערשטן ריר.

צו וואָס זייער לויערן? — אַז איך גיב זיך אַוועק מיט גוטן,
אַז איך זאָג: כ׳האָב געהאַט גענוג אויף דער ערד. גענוג — מיין האַר.
דו זעסט — אַט צייל איך דיר אויס אַליין מיינע לעצטע מינוטן,
און שמייכל נאָך דערביי מיט אַ שמייכל אַזאַ פון אַ נאַר.

פאַר וועמען ס׳איז ניט אַנגענעם מיין שמייכל אַט דער — און פאַר וועמען
ער איז לויטער האָפענונג און אָנזאָג. — פאַר דעם וואָס האָט ליב.
עס איז אַלץ נאָך מער אמת פאַראַן אין צוגעמאַכטע ברעמען,
און אין דעם קרומען שמייכל פון אַן אַרונטערגעהאַנגענער ליפּ.

כי טוב

א מאָלער איז געשטאַנען ביי א לייוונט און געמאָלן א תליה,
און דערנאָך צו דער תליה צוגעמאָלן א דינעם גוף,
און אויבן, איבערן גוף, א פייער־פויגל, וואָס האַלט אין פליען
צו דורכזיכטיקע וואָלקנס מיטן שנאָבל ארויף־ארויף.

מיטן גוף האָט דער מאָלער זיך ווייניק־ווייניק פאַרנומען.
א פוס, א האַנט — א שטריך, און פאַרטיק מיט זיי;
זיין גאַנצע קראַפט האָט ער אָפּגעגעבן צו די ווייטע ארומען,
און צו די פייערדיקע שפּיצן פון די פליגל די צוויי.

און צום שנאָבל. — א פאַרב נאָך א פאַרב געמישט — געביטן.
דער גוף איז געהאַנגען אין שאָטן קאַלט און שאַרף,
און צוזאַמען מיטן מאָלער געוואַרט, און באַזונדער געליטן,
וואָס די געגאַרטע ליניעס קומען ניט אַזוי שנעל ווי מען דאַרף.

צום סוף איז דאָס געגאַרטע געקומען אין די ריכטיקע פאַרבן,
פון די שפּיצן פליגל האָט געטריפט מיטן אמת'ן בלוט.
דער מאָלער איז געשטאַנען פאַרגליווערט ווי פאַרן אייגענעם שטאַרבן,
און געקוקט, און געקוקט אויפן בילד און געזאָגט: ע ס א י ז ג ו ט.

וואַלקנס אַהינטערן וואַלד

איך זוך ניט דעם נאָמען פון דיין גאָס און איך זוך ניט פון דיין שטוב דעם נומער.
מיין פּנים — צו אַלע גאַסן, און מיינע אויגן — צו אַלע הייזער:
אַזאַ טאָג איז מיין לעבן היינט, — אַ טאָג אַז אַרומגערינגלטער מיט ליבשאַפט און מתנות;
איז יעדער ראָג אַ האַפּענונג, און אויף יעדן שוועל הויערט דיין שיינקייט;
איז מיר גוט צו קוקן אויף מענטשן און אין יעדן איינעם זען דיין אַנבליק,
און פון יעדנס פּנים זאָל אַפּשלאָגן אויף מיר דיין לויכטנדיקייט.
איך באַגוגן זיך מיט אַ וואונק, מיט אַ דעראינערונג פון אַ פליסטער,
איך זינג צו דיר און היט דיין שיינקייט געטריי און פּאַרכטיק.

איך רייד צו דיר אָפן און פּראָסט, מיט אַ פולן אָטעם. זאָל דוכטן,
אַז איך שרייב אַ בריוו אַזאַ. — ווייל אַפילו צו גאָט אין די הימלען
קען זיך מאַכן אַמאָל, אַז אַ מענטש זאָל ריידן ווי מען רעדט אין אַ בריוול,
בפרט נאָך צו דיר, וואָס דו קומסט מיר אַנטקעגן אויף וועגן גע'חלומ'טע. —
זאָלן עס לייענען מענטשן. אַלע. אַלע. און זאָלן זיי ניט זוכן
אין מיינע רייד קיין פּאַרשטעלטן מיין, קיין באַהאַלטענע כוונות,
און זאָלן זיי ניט זאָגן, אַז זיי קענען שוין מיין וועג און מיינע רייד פון פריער.

אַז איך שטעל זיך פאַר אַ מענטש אַ נאָענטן — און דער מענטש לעבן מיר איז ניטאָ גאָר,—
פונדעסטוועגן זאָג איך: איך זע אים לעבן זיך און האַלט זיין האַנט אין מיינער:
און איך זעגן זיך מיט אים און צעשייד זיך מיט אים, און ער גייט אוועק,
און איך קוק אים נאָך, און איך הער־אויף צו קוקן, ווייל ער פאַרשווינדט אינגאַנצן,
און איך ווייס ניט צו וועלכער גאָס און צו וועלכן שוועל זיינע טריט טוט ער ווענדן.

עס איז מאָדנע דאָס שפּיל פון מענטשלאַכע אויגן און ליפּן. נאָך מאָדנער
דאָס שפּיל פון וואָרט. וויפיל יאָרן און יאָרן, אַז איך אַקער מיין האַרץ
און אויך מיין מאַרך מיט די שאַרפע, מיט די שפּיציקע ציינער פון אותיות,
און אַז איך קלייד אין ריטמישע קלאַנגען געשריי און געוויין, און שמייכל פאַרשעמטן,
געיאָמער פון עלנט און בענקשאַפט נאָך דעם וואָס פאַרגאַנגען, און נאָך דעם וואָס וועט קומען.—
צרופים פון זילבן, באַהעפטונג פון שורות אין ביכער פאַרזיגלטע.

פאַר שראַנקען אַן אַנפילונג: און אַט מיטאַמאָל — אַ בויגן אַ ווייסער,
און איבערן בויגן דעם ווייסן — אַ קאָפּ אַ פאַנאַנדערגעבליטער אין גרויען,
און אַן אויג וואָס זוכט ווידער און ווידער אַן ערשטן אות — אַן אַ נ ה י י ב.
אַזוי ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל, אין די אינגלשע יאָרן די בלאָנדע,
און אַזוי ווי אַמאָל שרייט ווידער דאָס לעבן מיט אַ שניידיקן געשריי נאָך פרייהייט.
מיר איז נמאס צו האַלטן איבער זיך מ י י ן ח ש ב ו ן.
ס'האַרץ פון וואָרט צעשנייד איך אויף מיליאָנען חלקים. איך וויל זיין אַ פּזרן,
פאַרזייען אין לאַנגע, לאַנגע רייען פאַר ווינט און פאַר זון און פאַר מענטשן.

איך זע דיך און זיך מיטן פּנים צו דער גאַנצער וועלט אָפן און וואָרהאַפטיק,
און מיר טראָגן אונזער געלייטערטן פּיין צו אַנידערלייגן צו די פיס פון מענטשן,
ווי אַמאָל פלעגט מען ברענגען דאָס עלטסטע קינד צום מזבח פון געטער,
און אַליין בלייבן מיר איבער אין דערוואַרטונג, אין באַנומענעם ציטער,
צי אונזער געבראַכטע מתנה וועט געפינען חן אין די אויגן פון אַלע. —
און איך מאָל זיך אויס, אַז איך קוק אויף דיר, און איך זע ווי דיין מויל הויבט אָן צוקן,
דיין האַלדז ווערט אַרומגערינגלט מיט אַ דינעם רויטן שנירל פון טאָגליכט,
און אויף די אַקסלען דיינע זעצט זיך אַרויף שוין אַ שאָטן אַן ערשטער פון אָוונט.
— ווי שיין דו ביסט, — זאָג איך צו זיך אַליין אַ פאַרגאַפטער באַוואונדערער.
און אַזוי ווי איך זאָג עס, וויקלט דער אָוונט פאַנאַנדער זיינע דעקטוכן אַלע,
און איך זע ניט אַליין, ווי איך ליג מיטאַמאָל אויף דער ערד אַן אויסגעצויגענער,
און דו — איבער מיר בויגסט זיך, נויגסט זיך און רירסט זיך צו צו מיין פּנים — —
אַזאַ בלויקייט אַרום און אַרום. מיין גוף ווערט אַליין אַ טייל פון דער בלויקייט.
אין די שלייפן קלינגט מיר אַ גלאָק פון אַ וועלט וואו מען פּראַוועט יום־טוב. —
יום־טוב פון זאַלץ, פון ברויט, פון וואַסער, פון ליכט, פון לייב און אויך פון טויט;
דאָס טראָגט זיך דער גלאָק פון דיר, און אויך פון דיר דער ריח פון ברויט און יום־טוב,—
יום־טוב פון זאַלץ, פון וואַסער, פון ליכט, פון לייב און אויך פון טויט יום־טוב.

די מינוטן פון איבערגאַנג צווישן טאָג און נאַכט זיינען פול מיט וואונדער און מזל,
און ס'איז ניט פאַר דעם כח פון איינעם דאָס גליק פון וואונדער צו טראָגן:
אַ גלויביקער פאַלט אויף די קני, שפּרייט־אויס זיינע הענט און טוט תפילה.
און אַזאַ בין איך איצט — אַ גלויביקער. איך זאָג נאָר איין וואָרט — דיין נאָמען.

און דערנאָך זאָג איך מער. איך זאָג:
— וועסט אַמאָל מיך געפינען
ביי דעם אָדער ביי יענעם שוועל, און וועסט מיך אויפהייבן און טראָגן
אויף דיינע דערציטערטע הענט און מיך ברענגען צום שוועל צו דיינעם. — —

און דערנאָך זאָג איך מער. איך זאָג:
— איך וואָלט ניט וועלן פאַרמיידן ס׳מזל
פון יענע וואָס זיינען מיט געזאַנג געגאַנגען צום שייטער,
און פון יענע וואָס האָבן אין עקסטאַז זיך אָפּגעגעבן צו דער תּליה. — —

דערנאָך זאָג איך מער. איך זאָג:
— די גאַנצע נאַטור איז פול היינט
מיט געזאַנג פון אָוועקגעבן זיך. די זון גיט זיך אָוועק דעם אָוונט,
דער וואַלד גיט זיך אָוועק דער נאַכט, דער ווינט גיט זיך אָוועק דער לבנה,
און אַלע גיבן זיך אָוועק דער ערד, און די ערד איז וואַרים און פול מיט חסד,
און פול מיט מוטער־זאָרג צו יעדן גרעזל, צו יעדן שטיינדל און וואָרצל.

און צום סוף זאָג איך:
— קום צו מיר, אָטעם איבער מיר און טו זיך ניט אָפּ פון מי

אינדערפרי בין איך אויפגעשטאַנען היינט און זיך געבאָדן אין וואַסער איז קלאָרן,
און אַרומגעגאַנגען אַ גאַנצן טאָג דערנאָך אין זון איבער פעלדער און סעדער.
די פּרוכטבוימער זיינען אָנגעטאָן געווען אין אַלערליי קווייטן, און די בע־ג־שפּיצן
האָבן זיך געשפּילט מיט די וואָלקנס אַזוי ווי מען שפּילט זיך מיט קינדער.
ניט באַגעגנט קיין איינציקן מענטשן אין וועג: ערשט ביים אָנהייב פון אָוונט
איז מיר אַנטקעגנגעקומען אַ פרוי אין סאַמעט אין שוואַרצן.
זי איז זיך איילנדיק געגאַנגען פאַרביי, און פאַרשעמט, ווייל פון אונטערן סאַמעט
האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ רונדיק בערגל — פון אַ קומענדיק לעבן אַן אָנזאָג.

זי האָט געקוקט אויף מיר פון דער זייט אַזוי, און דערנאָך שטיין געבליבן,
און דורכגענומען מיך מיט ליכטיקע אויגן, וואַרים און מוטערלאָך.
איך האָב דערפילט, אַז זי איז אומגעגאַנגען לאַנג און איז מיד. אויף איר פּנים
האָבן קליינינקע טראָפּנס געבלאַנקט, און איר מויל האָט געשמייכלט ווי אין דרעמל.

אַ ציטער איז מיר דורך איבערן לייב, דערפילנדיק איר קוק. — האָב געוואָלט
אַ געלויף טאָן צו איר, זי נעמען אונטערן האַנט און פירן זי, — באַגלייטן.
נאָר איידער איך האָב געגעבן אַ טראַט, האָט זי פלינק זיך אַ דריי געטאָן
און גענומען אַנטלויפן, פאַרשווינדן, פאַרשווינדן — — —
— אַ, פרוי, — האָב איך נאָכגעשריען, —
און פּלוצלונג בין איך געוואָרן אַנשווינגן, פאַרשטומט אין פאַרשעמטקייט —

פארשעמטקייט וואס קומט מיך דערמאנען, אז איך טאר ניט פארגעסן
צו זיין וואך איבער זיך ווי א שומר א שטרענגער, א קאלטער. אז ניט,
וועל איך הערן איבער זיך דאס געשריי פון מיין טאטן דעם כעסן: נ—א—ר!
(דער טאטע דער כעסן איז שוין טויט, אבער זיין אויסגעשריי לעבט נאך אין מיר).

פונדעסטוועגן זאג איך:
פאר דיר וויל איך זיין ווי אן אויפגעבליט פעלד, דו זאלסט שפאנען איבער אים
מיטן זעלבן זיכערן שפאן, וואס די פרוי אין סאמעט־קלייד,
און זאלסט איבערלאזן אין מיר די שפורן פון דיינע טריט טיף־טיף און אויף שטענדיק.

און איך זאג און דערצייל דיר (דערלויב מיר דערציילן): דאס לעבן האט מיך געלערנט
זיין הארט און פארשלאסן און שווייגנדיק, און קוקן אין די אויגן פון סכנות
און ניט ארויסווייזן קיין סמן פון מורא. — — — אויף דער נארע פון תפיסה
(א, איך מוז עס דיר איצטער דערציילן!) פלעג איך ליגן און קוקן פאר׳כישופ׳ט, פאר׳חלומ׳ט
און שמייכלען צו דער וואנט דער פארשעמטער און צו דער שלאנגדיקער האנט פונם וועכטער.
און די חברים וואס זיינען געלעגן לעבן מיר זיינען געוועזן נאך מער פאר׳כישופ׳ט.
און מיר האבן ליב געהאט איינע די אנדערע און דאך ניט געקענט זיך פארטראגן.
און עס האט געוויינט דאס לייב אין אונז דאס געוויין פון עקל און באליידיקטער תאוה,
געוויינט און געשליידערט זיך, און געדרייט זיך אין מיאוס׳ע קנוילן:
די קני האבן זיך געבראכן, די הענט האבן זיך געצויגן און דער האלדז האט געגליווערט,
און די אויגן האבן געברענט מיט א מוטנעם און פארבלאכן פייער,
און מער נאך האבן די קני זיך געבראכן, אוועקשטופנדיק מיט שנאה דעם גוף פון שכן
וואס איז געלעגן אן אויסגעצויגענער אין שלאף מיט א מויל צונויפגעקריצטע ציינער.

א, וואו ביסטו געוועזן דאמאלסט, דאמאלסט? פארוואס ביסטו ניט געקומען מיך זען דארט?

איך פלעג זיך אויפהויבן אינמיטנדערנאכט אויפן שטרויענעם זאק און פלעג קוקן,
און פלעג ציילן די אויסגעצויגענע גופ׳ן פון ווינקל ביז ווינקל. —
צי איז ניט א וואונדער, וואס צענדליקער שלאפן, און איינער איז וואכיק און ציילט זיי?
צי איז ניט א וואונדער, וואס פינגער מיט נעגל סטארטשען־ארויס פון אונטער קייטן?
דער באגינען וועט קומען, און עס וועלן זיך אויפהויבן צוריק די פיס מיט די קייטן,
עס וועלן זיך אויפעפענען אזוי פיל פאר אויגן און מיילער, און ס׳וועט זיך צעקלינגען
דער גלאק פון א נייעם געפייניקטן טאג. — — טא זאלן זיי שלאפן, ניט וועק זיי. —
אזוי פלעג איך ריידן צו זיך אליין און נאכדעם צו זיי: — איך האב אייך ליב, מיינע ברידער.

א, וואו ביסטו געוועזן דאמאלסט, דאמאלסט? פארוואס ביסטו ניט געקומען מיך זען דארט?

איך פלעג ריידן שטיל ווי אין פליסטער, כדי דער וועכטער דער בייזער זאָל ניט הערן.
אָבער דער וועכטער דער בייזער האָט אויערן שאַרפע און דערהערט אויך אַ פליסטער.
ער שליסט אויף דעם קאַמער און רייסט זיך אַריין, און גיט מיך מיט אימפּעט אַ שליידער
מיטן פּנים אַראָפּ צו דער נאַרע: — „ווי וואַגסטו אינמיטן נאַכט וואַך זיין?" — —
— „איך האָב ליב אינדערמיטן פון נאַכט אויף מיינע חברים צו קוקן. און מער נאָך
האָב איך ליב צו זיצן און טראַכטן וועגן דער, וואָס איך וועל ליב האָבן שפּעטער." — —
זיין פויסט לאָזט אַראָפּ זיך ווי אַ שטיין, און נאָך שאַרפער פון פויסט — זיין געלעכטער,
אַ געלעכטער דערפאַר וואָס איך האָב ליב אויף חברים צו קוקן,
און אַ געלעכטער נאָך מער, וואָס איך טראַכט וועגן דער, וואָס איך וועל ליב האָבן שפּעטער.

אַ, וואו ביסטו געווען דאַמאָלסט, דאַמאָלסט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?

ער טוט מיך אַ כאַפּ פאַר די קייטן, נעמט מיך ציען און שלעפּן
איבער אַלע פאַר'כישוף'טע גופ'ן. מיין קאָפּ — איבער קעפּ, איבער בייכער.
מיין קאָפּ, ווי אַ בלייערנע קויל, שלאָגט זיך אָפּ און שפּרינגט אָפּ און שלאָגט ווייטער.
געשריי פון פאַר'כישוף'טע גופ'ן, געצאַפּל, געשטויס און געפּלאָנטער —
ביז וואַנען מיין גוף פאַלט אַראָפּ צו דער ערד מיט אַ הילך און בלייבט ליגן.
אויף לאַנג? אַ, ניין: די האַנט וועלכע שלעפּט מאַכט אַ קליינע הפסקה,
און נאָכדעם מיט שטאַרקערער רוגזה נעמט זי ווידער מיך שלעפּן
איבער לאַנגע קאָרידאָרן, איבער אייזערנע טרעפּ און זיגזאַגן.
עס יאָמערן צאַרנדיקע קולות פון אויפגעוואַכטן בונט פון חברים,
עס האַמערן פויסטן אין גראַטעס, עס ברעכן זיך שויבן, עס טופּען
צעטראָגענע פיס, קלינגען אָפּ ווי גאָלאָפּ איבער אייזערנע בריקן.
עס עפענען זיך טירן, עס עפענען זיך טויערן, עס עפענען זיך טויערלאָד.
און — שאַ מיטאַמאָל — — — — אַזאַ וואַרימער רעגן איבער מיר, אַזאַ רויטער.
אַזאַ געווירצטער קלעפּיקער האָניק נעמט רינען פון שטערן און ליפּן
און גיסט זיך מיר אַריין אין האַלדז צוריק, און צעגייט זיך איבער אַלע מיינע גלידער.

אַ, וואו ביסטו געווען דאַמאָלסט, דאַמאָלסט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?

ס'איז מיר זיס אַזוי אויפן צונג, אַזוי מחיה'דיק הייס. מיינע אויגן
דערזעען אַזאַ טאַנצנדיקע ראָד זיך אומדרייען אין וואונדערלאַכע פלאַמען.
און אין דער מיט פון דער ראָד — אַ אינגעלע זיצט זיך אַ בלאָנדס און הוידעט זיך,
און קייקלט זיך מיט דער ראָד, און קייקלט זיך מיט מיר צוזאַמען
אַרונטער אַלע טרעפּ, אין דער טיפעניש פון שטיינערנע קאַרצערס.
ער קייקלט זיך און לאַכט פון דער שפּיל, און אויך מיך שטעקט ער אָן מיט זיין לאַכן.

אַט קומען מיר צום ציל. מיר ליגן שוין ביידע אין אַ צעל אַן פענצטער,
אויף אַ נאַסן געפּראַרענעם דיל, פאַרשלאָסן אויף צוויי שטאָלענע טירן.
עס שרייען די אויגן און קריכן אַרויס, עס וואָיען די שלייפן,
עס קנאַקן די אַקסלען, עס ברעכט זיך דאָס האַלדז, נאָר די ליפּן — זיי שווייגן.

אַ, וואו ביסטו געווען דאַמאַלסט, דאַמאַלסט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?

דאָס אינגעלע ווערט ניט זאַט מיט דער וואונדערלאַכער שפּיל. ער נעמט שפּרינגען און פּלאַפּלען:
— „מיין טאַטע הייסט שייעל, מיין מאַמע הייסט אסתּר. מיין מאַמע באַקט בייגל.
„איך האָב שוין אַ רבּי, שמעון לייב דער מלמד, איך גיי שוין אין חדר.
„איך קען שוין דעם אלף בית. איך האָב שוין אַ מאַנטל, און אויך אַ לאָמטערנע.
„אויפן וואַנט ביי שמעון לייב דעם מלמד הענגט אַ זייגער מיט צוויי אמת'ע אויגן,
„און עס ווינקען די אויגן אַזוי ווי ביי אַ מענטשן, און ווערן אין כּעס
„אַז מען קען ניט דעם אלף בית. נאָר איך האָב ניט מורא. איך קען שוין.
„און מאַלינעס וואַקסן אונטערן פענצטער אין חדר, און ווייַנפּערלאַך, אַגרעסן.
„ס'איז מיר גוט. איך האָב ווייסן פּאַפּיר נומער זעקס גאַנצע בויגנס,
„און פּענעס מיט זילבערנע שפּיצן, און איך לערן מיך שרייבן ביים טאַטן. —
„דער טאַטע הייסט שייעל, די מאַמע הייסט אסתּר. די מאַמע באַקט בייגל..."

עס זינקען מיינע אויגן, עס ציט זיך מיין האַלדז. עס קומט אַן אַ שטילקייט.
דאָס אינגל ווערט ערנסט, הערט אויף צו אַרומשפּרינגען און שטעלט אויף די קני זיך
לעבן מיר, ווי איך ליג, רירט מיך אָן מיט די פינגער, און וואונדערט זיך,
וואָס מיין פּנים איז נאַס און קלעפּיק, און מיין לייב איז צעפּליקט און נאַקעט.
— „איך וויל דאָ ניט זיין מיט דיר," זאָגט ער, „עס שמעקט פון דיר מיט בלוט און מיט שטאַרבן.
איך האָב דיך פיינט. איך האָב געמיינט — ס'איז דאָ פריילאַך און גוט ווי אין חדר.
ערשט דו ליגסט גאָר אין שמוץ און אין בלוט, און דו רירסט זיך פון אָרט ניט—"
דאָס אינגל פאַרלאָזט מיך. — —
די שטילקייט נעמט ווינגן זיך, דרייען זיך, דערנאָך נעמט זי פרירן, די שטילקייט.
מיינע ליפּן צעעפּענען זיך, זאָגן אַזאַ וואָרט אַזאַ גוטן, פאַרליבטן, און פאַרמאַכן זיך ווידער.

אַ, וואו ביסטו געווען דאַמאַלסט, דאַמאַלסט? פאַרוואָס ביסטו ניט געקומען מיך זען דאָרט?

און וואו ביסטו איצטער, איצטער? פאַרוואָס קומסטו איצטער ניט זען מיך?
ווייל וואָרהאַפטיק זאָג איך דיר: אויך איצט, נאָך אַזויפיל פאַרגאַנגענע יאָרן,
דערזע איך אין גערוימע ניו־יאָרקער חדרים די זעלבע אונהיימלאַכקייט,
און איך וואַרט, אַז אַט־אַט זאָל זיך געבן אַן עפן אַ טיר פון מיין וואוינונג.

און מ'זאָל אַריינקומען מיט האַסט און מיט רוגזה, מיט שטריק און מיט קייטן,
און מ'זאָל מיך איינפּלעכטן און איינשמידן אין זיי, און מ'זאָל פאַרהאַקן די טירן,
און פאַרמויערן די שויבן און פענצטער פאַר מיר אויף שטענדיק־שטענדיק.
די וועלט איז אומעטום גלייך, און אויך גלייך איז דער טרויער פון מענטשן,
און דאָס זעלביקע שלעכטס אומעטום, און הנאה פון וויי־טאָן און פּייניקן,
און דער זעלביקער דרוק פונם רייכן און שטאַרקן אויפן אָרימן, שוואַכן,
און דער זעלביקער אויסגעשריי, הויב פונם פּויסט און קריץ פון די ציינער,
און די זעלביקע טעמפּקייט פון זאַטן, און די זעלביקע שאַרפקייט פון הונגעריקן,
צי הונגער נאָך ברויט, צי הונגער נאָך ליבּ, צי הונגער נאָך אַ וואָרט נאָך אַ גוטן,
און אויך איצט הויבן אויף מיינע הענט זיך, נעמען שלאָגן אין שויבן, אין טירן,
און אויך איצט געפינט זיך שוין ווער עס זאָל אויספירן די שליחות פון וועכטער
צו אַ שליידער־טאָן מיך — איך זאָל ליגן מיטן פּנים אַראָפּ אָן אָטעם און לשון. —
און אויך איצטער צעעפענען זיך מיינע ליפּן דערנאָך מיט דער זעלביקער גוטסקייט
און פאַלן־צו צו אַ וואַנט אַ געפּראַרענער, צו אַ בעט, צו אַ שוועל אַ פאַראורטיילטן,
און זיי זאָגן איין וואָרט נאָר — ד י י ן נ א מ ע ן.

איך טראָג אים, דעם נאָמען, דורך פּיין און געראַנגל. -

עס ראַנגלען זיך צוזאַמען מיט מיר די זון, די לבנה, די שטערן,
עס ראַנגלען זיך צוזאַמען מיט מיר דער רעגן, דער ווינט און דער האָגל.
עס צאַפּלען זיך אין פיבער די פאַרקן, די גאַסן, די בענק פון די פאַרקן. —
עס ציטערן הענטלאַך פון אַ קינד, און עס טוליעט זיך אין אַ ווינקל אַ מוטער
מיט אויגן פון לעצטן טרויער.

וואָס זעען די אויגן אין טרויער? —

גורל. — — —

און עס שמייכלען ליפּן און עס לויכטן אויגן. —

וואָס זעען די אויגן דורך שמייכל? —

גורל. — — —

און וואָרהאַפטיק זאָג איך: — אַמאָל וועט דער גורל צעעפענען טיר און טויער,
וועט אָנצינדן פאַר אונז אַלע פייערן פון זיין לאַנד דעם פאַרבאָטענעם.
און מיר'ן מיט שמייכל אַריינקומען געזיכט צו געזיכט און ליב צו ליב אין געגענונג,
און נאַרישע מענטשן וועלן רופן אונזער שמייכל און פרייען אַריינקומען: טויט.

נעכטן אין ד ע ר צייט איז פאַרגאַנגען די זון. פאַרגייט זי היינט ווידער ווי נעכטן.
פעלד. וואַלד. ווילדע שטיינער קריכן איינער איבערן אַנדערן.
און איבער זיי קריכט דאָס ליכט פון אַוונט און יאָגט זיי, טרייבט זיי.

און איך הער ווי דאָס אוּנטליכט שרייט צו זיי: גיכער, גיכער!
די זון האָט צו לעבן איין האַלבע שעה נאָך. ניט מערער.

און איך האָב דען מער ווי אַ האַלבע שעה? איך געהער איצט צו קיינעם.
איך בין פעלד. איך בין גראָז. איך בין שטיין. און — איך מעק־אויס זיך אַליין פון זכרון.
איך וועל, ווען עס איז, אפשר, צום שוועל פון מיין היים אַמאָל קומען.
כ׳וועל פאַרבייגיין און צוגיין. אַז די טיר וועט זיין אָפן, וועל איך אַריינגיין.
וועל דורכגיין די צימערן, אָנרירן די ווענט, און — מער גאָרנישט.
וועל זיך צורירן ווי אַ ווינט, ווי אַ שטויב, און זיך לאָזן צוריקגיין
צו אורקראַפט, צו וואַלד, צו זון, צו ווינט. — — — גענוג צו זיין ח ש ב ו ן.
גענוג צו זיין הונגער, כונה, תאווה, מאַן, פרוי, פאָטער, מוטער.
גענוג צו זיין וואָרט. — —
אוועקגיין — — — — — — —
וואוהין?

זאָל איך לויפן — אַנטלויפן. —
פון וועמען?
מיינע ליפן מורמלען:
— צי בין איך ניט מער קיין פּאָעט? און צי שלעפּ איך אויף מיינע פּלייצעס אַ האָרב נאָר,
אַן אָנגעפּילטע טאָרבע מיט קנאָכן און ביינער פון לידער פון טויטע? —
איך נעם אויסזינגען די קלאַנגען פון דיין נאָמען, אָבער די קלאַנגען פאַרדרייען מיך
ווי רינגען פון קייטן. און מיין ביינקשאַפט נעמט מיך אַרום ווי אַ פּעטליע.

איך נעם לעסטערן: — גוף. וואָס איז גוף? — צי מיינער, ניט מיינער, — ווער דאַרף אים?
לייב — זינד. חוזק. טומאה. אַ צילברעט פאַר פייניקונג. וואונדן.
צעשטעך אים מיט דאָרן, דעם גוף, דערלאַנג אים מיט אַ האַק מיט אַ טעמפּער,
ווייל ער איז אַליין דאָרן, אַליין — האַק, אַליין — פאַראַכטונג און לעסטערונג.
און ווער זאָל ליב האָבן און לייטערן, אַז אויך דיך האָב איך אָנגעטיילט מיט שנאה, —
אַז אויך דיך האָב איך אָנגעפילט מיט טרויער, מיט ספקות און וואַקלעניש,
און מיינע אייגענע ווערטער צעשיטן זיך איבער מיר ווי אַ האָגל פון שטעכיקע נעגל.
— זאָל אויפשטיין די חיה אין מענטש! — שטיי־אויף, שטיי־אויף, טויזנטיאָריקע!
מיט די נעגל אין אייגענעם פלייש אַריין, אין געזיכט אַריין! שטיי־אויף, עלנט!
שטיי־אויף, פאַרניכטונג! שטיי־אויף, מאָרד, פאַרטיליקונג! — דער סוף קומט!

מיין טאַטע האָט מיר איבערגעגעבן רויטע רציחה, דאָרן לייב און שפּיציקע אויגן,
מיין מאַמע האָט מיר איבערגעגעבן שטומע ליפּן און גראַבלענדיקע הענט,

וואָס צעפּליקן די טעג און די יאָרן ווי צעסמאַליעטע פעדערן. —
און דו — דיין לעבן נעם איך צו, און וואָס לאָז איך דיר איבער? —
וואָס לאָז איך דיר איבער? —
די זון האָט צו לעבן איין האַלבע שעה. — ניט מערער.

וואַלקנס אַהינטערן וואַלד דערנענטערן זיך צו די שפּיצן פון די בוימער,
שטעכן זיך אַרויף אויף זיי, ווי בייכער אויף אָנגעשאַרפטע שפּיזן.
רויט פאַרגיסט זיך דער הימל, און עס נידערט אַרונטער אַליין דער **באַשעפער**
מיט אַן אויפגעעפנט אויפגעריסן לייב, אַז עס זעט זיך זיין גאַנצע אינגעווייד.
עס שמעקט פון אים מיט געזאַלצענער היץ, און עס זידט דאָס געשריי פון זיין וואונד.

— באַשעפער, זאָג איך, דו גייסט דאָך אָפּ מיט בלוט. צי שטאַרבסטו, באַשעפער?
אָבער אַנשטאָט צו דערזען אויף זיין פּנים אַן אויסדרוק פון ווייטאָק צעקרימטן,
דערזע איך גאָר שטילן און ווייכן גוטמוט. און אַנשטאָט מיר צו ענטפערן —
לאָזט ער זיך נידערן אַרונטער כמעט ביז צו דער סאַמע ערד צו.
איך גיב זיך אַ ריס צו אים, וויל אים אָנכאַפּן ביי אַ ברעג פון אַ פינגער. —
— באַשעפער, זאָג איך, דו פאַרגיסט מיך מיט בלוט, — צי שטאַרב איך, באַשעפער? —
און, ווידער, אַנשטאָט מיר צו ענטפערן, ציט ער זיך אויס איבער מיר,
פאַלט צו מיט זיין פּנים צו מיינעם, אַזוי ווי אַ פרוי,
און נעמט אומפירן מיט די ליפּן מיט זיינע איבער מיין גאַנצן גוף,
און איך פיל אַזאַ הייסן ברי, ווי פון אַ לעקנדיקער צונג, איבערן לייב מיר
גייט אום די צונג און לעקט אָפּ דאָס בלוט, ווי אַ חיה — אַ מוטער,
ווי אַ געווינעריין לעקט אָפּ דאָס בלוט פון איר נאַר־וואָס געבוירענעם קינד.

איך עפן מיינע אויגן, איך זע: די זון איז שוין לאַנג אַוועק, און דער וואַלד
האָט זיך צוגערוקט נענטער צו מיר, ווי אַ שומר, און שרייט מיט פליגלדיקע קולות. —
איך באַטראַכט מיין גאַנצן אויסזען, איך קוק אויף מיינע הענט:
דער ריח פון גאָט'ס אויפגעריסן לייב הערט זיך פון מיר און פון דער ערד אַרום,
ריח פון טראַכט, פון געבורט. — אָט דאָ איז דער מיטן פון וועלט
ביים ברעג פון אַ וואַלד, האָסטו מיך נאָכאַמאָל באַשאַפן, באַשעפער,
האָסטו מיך אַ צווייטן מאָל, אַ צווייטן מאָל געבוירן,
געבוירן און איבערגעלאָזט ליגן מיט שפּורן פון בלוט אויף מיין פּנים. — —
— באַשעפער — באַשעפער! — —

1930

אינהאַלט

אַ פּאָר ווערטער

I

לעבן מיינס — 7
ווער וועט טרייסטן — 8
לידער פון אומקום — 9
אין אַ יום־טובדיקן טאָג — 27
דער אַסקעט — 32
ניט פֿאַראַד און ניט יום־טוב — 34
נאַכט, שטערן, גליוועורים — 36
קום צו — 38
עכאָס — 39
אָט אזוי ווי איך בין — 40
דעם חלף איז יקאַלט — 41
מלכות — 42
דורך זיבן טויטן — 43
ערד — 44
מיין טאַטע — 45
אַלטע פעלדער — 52
דו זאָגסט — 57
סאָנעטן־רינג — 61

II

דאָס אַלטמאָדישע פון דער וועלט — 77
דאָס ליד וועגן ממזר אַלפרעד — 82
באַלאַדע — 87
נעגערשעם — 88
האליוואוד — 93
ווי־פּור־וויל — 94
שמיד מיטן האַמער — 18
הירש לעקערט — 99
סאקאָ און וואַנזעטי׳ס מיטוואָך — 100
ניו יאָרק — 105
ראָד פון לאַסטוואָגן — 106
ניט באַוואונדערן — 1 7
סאָבוויי באגינען — 108
דאָס הייליקע ליד וועגן הייליקן קרעמער — 110
גאַס — היים אייביקע — 112
אַ יאָר סאַקאָ־וואַנזעטי — 114
יום־הדין — 115
גראָז — 116
ליד — 118
וויפיל יאָר — 119
נאָך דער אַרבעט — 120
צו אָפּאַטאָשו — 121
אידיש — 122
טעאַטער — 124
אידישע פּאָעטן — 125
אויפן שיף — 126
אויף פינצטערע באַנען — 127
איך האָב דאָ קיינעם — 128
אויף יאָגנדיקע באַנען — 129

שורות וועלדער — 130
זינג נאָכאַמאָל — 131
דורך די נידעריקע טויערן — 132

III

הוים סאָוועטישע — 135
איהומען — 136
טאַטע־לעגענדע — 154
מאַרשן — 151
אַלטע פעטערס — 152
אויף יעסעניג׳ס טויט — 153
ערד — 155
זון אויפשיין — 156
פול מיט וואַרטונג — 157
צפונ׳דיקער שליאַך — 159
אין באַן — 160
שווייגנדיקע לידער — 161
דיינע ברכות — 162
ליד וועגן מיינע דריי ברידער — 164
די סעודה — 16
איין הייליקע ברידערשאפט — 169
דאָס ליד פון מיין חרוב׳ער היים — 170

IV

איך האָב אַ פריינט אין אַ לאַנד אין אַ וויטן — 175
דיין גוף איז דין — 176
שטורעם, יווינטער נאַכט — 177
אויף די אַקסלען — 178
ים באַלאַדע — 180
צו אָפענער וועלט — 181
אויסדערוויילט — 182
גלויב — 183
אַזאַ נאַכט — 184
שוועסטער — מיין פרייד — 185
טרעגער — 186
מיין ליכטיק ליד — 187
דער וועג פון צדיק — 188
מיין גאָלדענע פרעמד — 190
אָנהייב פרילינג — 193
ס׳איז מיר פרוילאַך היינט — 194
ניין, איך שטאַרב ניט — 195
זיי געזונט — 196
חתן פון גאַסן — 197
ליכטיק — 198
איך גיב ניט נאָך — 200
מיין לעבן — 201
די קרוין פון שיינקייט — 202
האַרבסטיקעה גאָלד — 203
אונזער גורל — 204
ליכט — 206
דיין ברכה — 207
שפיצן פינגער — 208
אַ זעאונג — 209

מיינע רייד מיינע דינע — 210
יום־טוב — 211
אין אַ טאָג פון זון — 212
נאַכט — 214
ס'איז דאָ אַזאַ געזאַנג — 216
„דו" — 217
מיין אמת'ע ליד — 218
ליבשאַפט — 219
לייקוואוד — 220
ניו יאָרק אין שיינקייט — 222
רו אין שטורעמווינט — 224
אַ גרוס — 225
העלף — 226
נאַכט — 228
איך ווייס — 230
די ערד איז געלאָדן — 232
אַ ווינט אין די גראָזן — 234
עזה כמות — 236
אַ ווינט — 238
אָוונט — 240
דאָס ווייסע פּאַפּיר — 242
פּאַררעטער — 243
עפּעס אַנדערש — 244
דאָ צו דער נאַקעטער ערד — 245
גלעקער קלינגען — 246
אַ מענטש אַזאַ — 248
איינער גיט זיך אַוועק — 250
ליד — 251
גלויביק — 252
צוויי — 253
מדבר — 254
אַ בריוו פון אַמעריקע צו אַ ווייטן פריינט — 255
פון דער ווייט — 270
אַזויפיל לעבנס — 272
ליכטיקער באַגינען — 273
האַלבער טאָג — 274
ווער איז מענטש — 275
זאַלבאַדריט — 276
אַזויפיל נס — 277
פון מדבר — 278
אין לויטערקייט — 280
אַליין איז רו — 281
אַמאָל ווי אַ בלינדער — 282
פאַראַנען ווערטער — 283
דער אויסלייזער ליגט אין זיין ארון — 284
וואָס איז וואונדער — 286
צום ציל — 287
הענט — 288
וואָרט — 289
מיטן פּנים צו דיר — 290
כי טוב — 291
וואָלקנס אַהינטערן וואַלד — 292